STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10830

MESHOLIM

Eliezer Steinbarg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליעזר שטיינבאַרגס שריפטן

ערשטער באַנד

מעשאָלים

I



טשערנאָוויץ 1924

אליעזר שטיינבאַרג

אליעזר שטיינבאַרג

מעשאָלים

I

מיט 14 האָלצשניטן פון אַרטור קאָלניק
און אַ צייכענונג פון געאָרג לעווענדאַל

קאָמיטעט אַף אַרויסצוגעבן אליעזר שטיינבאַרגס שריפטן

טשערנאָוויץ 1932

קאָרעקטור: ח׳ גינינגער און (צום טייל) ח׳ רויזנבלאַט

אַלע רעכט — דער איקער די רעכט צו איבערזעצן און איבערצודרוקן — קערן דעם מעכאַבערס אַלמאָנע

ALL RIGHTS RESERVED

Copyright 1932 by the author's widow, Cernăuţi (Roumania)

דרוק: קערנער & ראָזענבלאַט, טשערנאָוויץ, סטר׳ אַלעקסאַנדרו טשעל בון 2

האַמער און אײַזן

העי, העי, העמערל! —
קומט צו מיר אין קעמערל!
איך וועל אײַך עפּעס ווײַזן —
אונטער שווערן האַמער קרעכצט און וויינט דאָס אײַזן.

די פויסט

קלאַפּט דער האַמער, שלאָגט,
און דאָס אײַזן שרײַט געוואַלד, סע קלאָגט:
— גאָט מיט דיר! פֿאַרוואָס? פֿאַרוועץ? איך בין דיר
דאָך אַ ברודער! ביידע מיר גאָטס קינדער!
אײַזן איך ווי דו — דאָס זעט אַפּילע דאָך אַ בלינדער!
— סאַראַ ברודער! (לאַכט דער האַמער) סאַראַ קינדער גאָטס?
איך בין פויסט און דו ליגסט אַפֿן קלאָץ!

אֶליעזר שטיינבאַרג

דער האַמער און דאָס שטיק אײַזן

טרויריק, קינדער, אַף דער וועלט דער ברייטער, גראָמער!
ביטער! מיט אַ מאָשל כאָטש זיך קוויקן לאָמיר.
ס'האָט דער קאָפּ דער אײַזערנער, דער שטאַרקער האַמער,
וואָס בײַם קאָוואַל יוּיכענצע אין קאַמער,
זיך גענומען קלאַפּן דאָס שטיק אײַזן,
אַלפּי כקירע אים דערווײַזן,
אַז מע דאַרף זײַן קלוּג, געדולדיק,
און ניט זאָגן קיינעם: דו ביסט שולדיק!
— ווייס:
ביסט אומזיסט נאָר, זאָגט ער, אַף מיר בייז.
נאַריש איז דײַן שעלטן, לעפּיש איז דײַן שרײַען.
אַדעראַבע, זאָג:
איך בין שולדיק וואָס איך שלאָג?
וואָס בין איך דען? מער ווי אַ קלייזאַ'ען
אין דעם קאָוואַלס הענט?
און דער קאָוואַל — מײַנסטו, ס'איז אין אים געווענדט?
האָכט אַ טאָעס, בענעמאָנעס!
פּונקט קאַפּויר! אַף אים אַ גאָטס ראַכמאָנעס!
ער איז נעבעך מיד, דערשלאָגן,
ס'וויל זיך אים גאָר רו'ן.
נאָר אַ ברײרע? נו, וואָס זאָל ער נעבעך טון?
זעסט, אינדרויסן שטייט אַ קראַנקער וואָגן,
אויסגעבויגן אַפּן לינקן אַקסל,
מוז דער קאָוואַל שמידן, אַז די אַקס זאָל
זײַן געזונט און שטאַרק —
עפּעס דאָרט געשען מיט איר אַראָפּן באַרג.

אָבער אויכעט אַף דעם וואָגן
זאָלסטו זיך ניט קלאָגן.
ר'מוז קעסיידער
דריי'ן די רעדער:
ס'שלעפּן אים די פערד וווהין זיי יאָגן.
און די פערד — אוי, זיי אַף זיי ניט ברויגעס!
שלעפּן איז זיי אויך ניט ניכע, נאָר וואָס טויג עס?
ס'טרייבט די בייטש . . . די בייטש! . . און זי אַליין?
אויך ניט שולדיק, ניין!
ס'איז אַ מייסע אָן אַן עק . . . פאַרשטיי נאָר גוט דעם ראַיען*)
און הער-אויף צו שעלטן, שרייען,
ווייל פאַרשטייען הייסט פאַרצייען . . .
— קיין!
(שרייט דאָס אייזן און מיט פייער שיט עס)
נייע האַמערס — נייע שיטעס!
האַרגעט-שלאָגט, און איז אַ ברודער! אייצעס גיט ער!
שווייגן, ווען אונטער די קלעפּ איך ציטער?
צווישן האַמער און קאָוואַדלע? ! מויכל! מויכל דיר עס!
אוי, מיין ווייטיק אָן אַ שיר איז —
ווייל איך שעלטן, ווייל איך שרייען אָן כעקירעס!

*) „רעיון" = געדאַנק.

דער כאַלעף און די זעג

ס׳טרעפֿט אַמאָל זיך אויכעט,
אַז אַ שײַטל האָלץ צעזעגן מוז אַ שויכעט.
איז געשען,
ס׳האָט דער כאַלעף גראָד די זעג דערזען
און צעלאָזט די שאַרפֿע צונג.
— זע נאָר, זאָגט ער, יענעם גראָבן יונג!
שטשורעט מיט די ציין!.. אַ פֿרייד אַף אים איז!
עפּשער ווייסט איר וואָס? אומשטיינס-געזאָגט אַ צורע!
גאָלע פּגימעס!
קריצן,
שפּיצן
גאָר אַ גאַנצע שורע!
טרייפֿע דאָך פֿון קאָפּ ביז פֿיס!
און וואָס זאָגט איר אַף זײַן הוילעך? אַף די הילצערנע מאַלבושים?
הערט איר, אַז איך טו אַ קוק אַף דעם מעגושעם,
דאַנק איך ערשט זײַן ליבן נאָמען, וואָס ער מאַכט אי שיין אי מיס.
וווּיל איז מיר! מײַן כיילעק זיס!
ניט קיין פּיצל
קריצל
אַף מײַן קאָשער קלינגל! ניט קיין שפּרענקעלע! קיין פּגימל!
איז אַ כידעש, וואָס דער פֿרומער רעב עלקאָנע
נעמט מיך אין די הענט מיט הייליקייט, קאַוואָנע,
מאַכט אַ בראָכע, טוט אַ ווונק צום הימל?
— עמעס, זאָגט די זעג בעטמימעס (צי גאָר מיט אַ מיין?),
יאָ, איך זאָג אַליין:

רעב עלקאָנע איבער מיר אַ בראָכע?
שיינע זאַכן!
דאָס געווען וואָלט מאַמעש נאָר צום לאַכן.
וואָס בין איך? אַ פּראָסטער באַלמעלאָכע.
ניט איך בלינצל, ניט איך פינקל,
שטיי מיר אין אַ טונקל ווינקל,
ווייס מײַן אָרט און בין בײַ זיך ניט כאַוועשאָלעם שטאָלץ.
וואָס, איך קען דען מער ווי זעגן האָלץ?
אָבער דו — אַ קלייניקייט! — שנײַדסט־איבער דאָך אַ האַלדז!

*

קומט דער מוסער־האַסקל און שיט־צו אַביסל זאַלץ:
נאָך אַדהאַיעם איז אַ זעג, אַ באַלמעלאָכע,
גאָר אַפּלעק אין דער מישפּאָכע,
און אַ שאַרפער כאַלעף האָט האַצלאָכע —
אי ער קוילעט, אי מע מאַכט אַף אים אַ בראָכע!

סינעס־כינעם*)

— האָרכסטו, יוינע ?
מ׳דאַרף בײַצײַטנס זען אַ קוינע.
די בעהיימע איז פּעגירע.
מ׳שטיינס-געזאָגט, די מילעך אירע !
אָפּגעדוכנט איבער איר שוין באַלד אַ שאָ, צום לעצט —
דאַנקען גאָט, דאָס מעלקשעפל באַנעצט
(מעלקנדיק איר אַלטע קו, געזאָגט האָט כאַיע־ביילע).
— קלוגע !
ווער איז דען מעשוגע
אָפּצוקויפן דײַן נעוויילע ?
(ענטפערט איר רעב יוינע) סײַדן נאָר צום קלאָץ.
ווילסט, וועל איך אַ שמוס טון מיטן קאַצעוו זעליק קאָץ,
צי מיט שלוימע כאַי׳ם־יעשועס . . .
— שמועס ! — —
דאָס דערהערט די קאָשערע בעהיימע,
זי באַפאַלן מיטאַמאָל אַ פינצטערניש, אַן איימע.
— מאַמע מײַנע, רעוועט זי, ווו ביסטו ? מוטער מײַנע, מי זיך !
זע, דער כאַלעף אַפן האַלדז ! איך צי זיך אויס, איך צי זיך !
— שאַ, מײַן שכיינע !
(זאָגט צו איר דער הונט רעב נאַטקע)
ביסט שוין טאַקע גאָר אַ זקיינע,
צײַט שוין, כלעבן, אין דער יאַטקע.
כ׳קום אַהין אָפּט שמעקן,
מיגלעך, איך וועל אויך אַ ביינדעלע אָפּלעקן . . .
— שטום ! דו קיילעוו־שעבעקלאָווים, דו !
(מיט די לעצטע קויכעס יעכצט די קו)

*) „שינאַת-חינם״ = סינע אָן אַ פּאַרוואָס.

דו, הונט, אויכעט? מיילע,
אַז רעב יוינע און זײַן ביילע
גיבן-איבער מיך צום קאַצעוו, דעם רעצייעך --
ניט קיין כידעש . . . דאָס פאַרשטיי איך . . .
ס׳קומט מיר . . . איך געדענק, מײַן מאַמע, זאָל זיך מיען,
פלעג מיר זאָגן, ווען מע פלעג זי ביי דער אײַטער ציען:
טאָכטער, מעלקן איז אַן אַלעף,
תּאָוו — וועט זײַן דער כאַלעף!
איז גערעכט רעב יוינע . . . יאָ נו, וויל איך,
זאָג איך, דאָס איז פאַר מײַן מילעך:
אַלע יאָרן מיך געמאָלקן, איצטער פירט ער צו דער שכיטע.
אָבער דו, אַ פרעמדער קיילעוו, אויך צו מיר אַ שליטע?
הערט, איר זאָלט געזונט זײַן, הערט!
מיט מײַן מילך אים ניט גענערט,
ניט געוועזן קיין פרײַנט אים, ניט איך בין אים,
און אַ סוינע?! גאָט, באַהיט פון סינעס-כינעם!

דער וועלטאונטערגאַנג

איינמאָל איז רעב קיילעוון שטאָט אָנבייַסן אַ שטעקן גאָר באַשערט.
נו, איז וואָס? מיסטאַם דער הונט דעם שטעקן ווערט.
ניט פאַר איצט, איז פאַר אַמאָל.
נאָר אַ הונט, וואָס לעבט פון כאַפּקע-לאַפּקע, ניט פון קיצווע,
ביַיע זינד ער שרייַבט-אָן פאַר אַ מיצווע,
הייַנט פאַר אַלטע גיי באַצאָל!?
וויל רעב קיילעוו פון די קלעפּ ניט וויסן,
און געוואַלדעוועט, אַזש וועלטן איַינגעריסן.
— סלופּ, וואָס שטייסטו? (רופט צום שאָכנס הונט ער)
ווײ, וואָס שוויַיגט מען, וואָס? סע גייט די וועלט דאָך אונטער!
אַלצדינג, אַלץ!
און איעדער נאָר פאַר זיך, פאַר זיַין געשמאַדטן האַלדז!
יעדער היט זיַין בערגל מיסט, צי לעקט אַ ביין אין קיך ער!
גוואַלד! שוין קיינער מיטן לעבן הייַנט ניט זיכער!
קיינער, ווער סע גלייבט אין גאָט און פירט זיך ערלעך!
אַז ארויסצוגיין אין גאַס שוין הייַנט געפערלעך!
ווער לא תגנוב?*) וואָס לא תרצח?**)
העפקער! אָן אַ גאָט די וועלט שוין פירט זיך!
אַז מע גלייבט אין גאָט ניט! . . אַפּיקאָרסים און גאַנאָווים! . .
ווײ! די וועלט שטייט-איַין ביַי די קאַצאָווים!
ביַי די ביַיכיקע קאַצאָווים מיט די העק!
שוין! אַ סאָף! אַן עק!

*) „לוי סיגנעוו" = ניט גאַנווע! — **) „לוי סירצעך" = ניט גאַזלע!

אַז ניט היינט, איז מאָרגן קערט די וועלט זיך איבער!
הינט, וואָס שווייגט איר? האַווקעט! האַווקעט! הויך! בעציבער!
עפשער? אוליי? גאָט אַ פּאָטער!...
— אי-או! רופט זיך אָפּ דער שוואַרצער קאָטער
וואַרגל-וועגל
(אין אַ בייז גרין-פייער-שפּייענדיקן בערגל
איינגעהויקערט-איינגעבויגן,
קוקט דעם הונט ער סטערדיש אין די אויגן).
הער נאַר! וואָס אַזוי צעשריגן זיך, רעב קאָרעוו?
מאַלע אַז אַ קיילעוו כאַפּט אַ שטעקן, ווערט די וועלט שוין כאָרעוו?!

דאָס פערד און די בײַטש

— אוי, סע זאָל שוין קומען אַ מאַפּאָלע
אַף רעב פײַטל באַלעגאָלע,
דײַן באַלבאָס דעם שיינעם,
און אַף דיר מיט אים אינײנעם!
(צו דער בײַטש
זאָגט דאָס פערד)
סטײַטש?
זיך אַזוינס געהערט?
זאָג, וואָס קומט דאָס מיך אומזיסט צו שלאָגן?
מיינסט, מיר גרינג צו שלעפּן אָט דעם וואָגן?
נו, און דאָס פאַרגעסן, אַז צום אַלעם ערשטן
מוז אין מויל איך נעמען כאָטש אַ גערשטן?
און פאַרוואָס ניט טאַקע האָבער?
אָבער —
גיי רעד צו אַ פּידזשעלע אַ גראָבער!
וואָלט דיך נאָר ווי מיך געשטאָכן,
וואָלסטו אויפגעהערט אַזוי צו פּאָכן,
קאַטעווען און שינדן פּאַסן!
ווידער?.. איך געוואַלד וועל שרײַען איבער אַלע גאַסן!
— שווײַג! (אַ קנאַק די בײַטש מיט שמײַסנדיקער צונג)
עמעס, זאָגט זי, שלעפּן אַזאַ וואָגן,
און דערצו נאָך אַף אַ הונגעריקן מאָגן,
הייסט, נו יאָ, אַרויסכּפּאָכן פון זיך די לונג;
נאָר דיך שלאָג איך —
הער, בעסאָד דיר זאָג איך! —
ניט דערפאַר, וואָס ווילסט ניט שלעפּן,
נאָר דיך קומט דערפאַר צו קעפּן,
וואָס, בעהיימע, ניט פאַרשטאַנען
און געלאָזט זיך שפּאַנען!

דער קוש

יעדער האָט זיך זײַנע טנועס און האַוואַיעס.
און רעב ניסל שאַיעס,
דער געוויר דער שיינער,
ער געהאַט אַ טעווע: טאָמיד נאָכן עסן
זיך בײַם טיש געזעסן
און געצמאָקעט ביינער.
צמאָקעט ער אַ ביין אַזוי און נאָגט,
און דער ביין דערפרייט זיך און ער זאָגט:
— טעלער, שיסל, גרויס און קליין!
זעט נאָר, ווער סע קושט מיך! דער באַלבאָס אַליין!
גלעזלעך דינע,
רוקט אײַך אָפּ, מעכילע!
איר פאַר קינע
קענט דאָך פּוקען נאָך, כאָלילע!
ווי ער צמאָקעט, לעקט מיך מיט די ליפּעלעך די רויטע!
— אײַ, דו שויטע,
(ענטפערט אים אַ שיסל)
וואַרט אַביסל,
ביז רעב ניסל
וועט דעם מאַרעך דיר אויסנאָגן —
וואָס וועט איר, רעב ביינישׁ, דעמאָלט זאָגן?

די געאולע

ערלעך, זאָגט די וועלט, איז שווערלעך,
גאַנווענען — געפערלעך!
נו, אַ וועלט!
שלעכט אַהערצו, שלעכט אַהינצו, שלעכט וווהין מע דרייט זי. —
לויפט דער וואָלף צום צאַדיק פונעם פעלד,
האַלטן זיך מיט אים אַן אייצע.
ווער-זשע איז דער צאַדיק? נו, ווער ווייסט ניט, אַז דער פוקס?
מײַלן גייט און הערט פון אים אַ וואָרט אַ קלוגס!
אָמר צדיק — זאָגט דער צאַדיק, לאמור*) —
אָט אַזוי צו זאָגן: „צייל-אָפּ דרײַצן ביימער,
טרעפסטו דאָרט אַ גרוב אַ טיפן —
אויסגעגראָבן אים דער שוואַרצער שפּיפן,
וואָס מע רופט אים פּיפערנאָטער
(ציען זאָל אַף אונדז געגנאָד ער
און קיין בייזן ווינט אַף אונדז ניט לאָזן בלאָזן!).
פּילט מיר אָן דעם גרוב מיט לעבערלעך פון האָזן
און פון שעפּעלעך, פון הינער און פון אינדיקעס!
מעג אויך זײַן פון טײַבעלעך — פון אַלצדינג וואָס ניט זינדיק איז!
און מע זאָל דאָס עסן, איידער ס׳הייבט-אָן טאָגן,
אַפּן ניכטערן און פרישן מאָגן,
אַלע כוידעש נאָכן מוילעד,
— ווען די קליפּע איז ניט שוילעט —
וועלן אַלע וועלף און הינט און בערן
גוט און פרום און ערלעך ווערן!

---

*) „ליימער״.

און פון אונטער דר׳ערד די ג׳אולע
ווי די גרינע גרעזעלעך וועט שפּראָצן —
אָמן כּן יהא רצון!*)
און אַ סימען צו דער סגולע:
לעבערלעך ווי מאַכט? עפּשער ניט ,לעב ערלעך׳?״ —
אָט אַזוי געזאָגט דער צאַדיק. און דער סאָף? — געפּערלעך!
שווער איז צו דערציילן, ביטער איז צו הערן!
וויי, וויי! וויפל מ׳האָט געשפּאַלטן בײַכעלעך!
טײַכעלעך
זיך געגאָסן בלוט און טרערן,
ווײַל — די געאולע וויל מען ברענגען, ערלעך וויל מען ווערן!

*) „אָמיין, קיין יעהיי ראָצן״ = אַזוי זאָל זײַן ווילן געשען!

דער ראָשע

פון אַן אָפּגעריסן פרומען בלימל
איך אַמאָל געהערט:
פּאַר געווייִנטע שטראָפט דער הימל
און פּאַר מיצוועס שטראָפט די ערד.
און איך האָב דערצו אַ מאָשל. הערט!

*

— ברודער, (זאָגט דאָס שפּיגעלע צום זייפל)
זאָג, וואָס איז דיר? עסט דיך ניט דער צווייפל?
ס׳שטילע ווערעמל? דער „נאָגער”?
איז ניט ריין, כאָלילע, דאָס געוויסן?
כ׳וואָלט געוועזן אַ באַלן וויסן,
וואָס סע מאַכט דיך אַזוי מאָגער
און פון טאָג צו טאָג אַלץ נאָכגעלאָזטער, שיטער?
— ביטער!
(זאָגט דאָס זייפל מיט אַ קרעכץ)
קאַלטס און וואַרעמס, און מע פּייניקט און מע פּלאָגט.
— טו־זשע טשוווע, קינד! מע זאָגט:
יעדער טוט אַליין זיך שלעכטס . . .
— וואָס־זשע?
מיינסטו אַן עמעס, איך אַ ראָשע?
— נו, וואָס דען־זשע? וואָס־זשע שטראָפט מען? זאָג אַליין!
— איך די וועלט איך זייף און מאַך זי ריין!

די קאַץ און דער וווּרשט

מיט אַ יאָמער זיך די קאַץ אַרומגעטראָגן:
„מיאַו! מיאַו! מיאַו! די באַלבאָסטע מיך פֿאַרגעסן
און די דינסטמויד מיך געשלאָגן!
איך בין הונגעריק, און עסן וויל איך, עסן!
און פֿאַר וועמען ווייַנען? און פֿאַר וועמען קלאָגן?
מיאַ, איך לאָז זיך אויס פֿאַר הונגער און פֿאַר דורשט!"
קומט-אַקעגן איר דער בייַכיקער, מיט פֿלייש געשטאָפּטער וווּרשט
און ער נעמט דער קאַץ זיך זאָגן מוסער
(אַז ניט העלפֿן, כאָטש אַ וואָרט איר זאָגן מוז ער).
„פֿע! ס'ע פּאַסט ניט", זאָגט ער, „פֿאַר אַ קאַץ צו ווייַנען! ניין, ס'ע פּאַסט ניט!
הונגעריק? איז וואָס? און אַז אַ טאָג מע פֿרעסט ניט,
איז סעקאָנעס? בעסער אַז מע עסט ניט!
ווער ס'ע הונגערט, דער אין גאָט פֿאַרגעסט ניט!
ווו איז טשוווע, אַז מע פּאַסט ניט?
דאָס אַ טאַכלעס דען: מיט פֿלייש דאָס בייַכעלע צו שטאָפּן?
זאַלץ און וואַסער, און אַ שטיינדעלע צוקאָפּן!"
„מ... יאָ, נו," זאָגט די קאַץ, „אינדעסן
קומט דאָס ניט צו עסן...
דו גערעדט, איך שוין פֿאַרגעסן...
איך געדענק נאָר וואָס איך לייג אין בויך... אַזוי איך...
וואָס? אומשטיינס-געזאָגט אַ קאַץ... אַ מויעך..."
וויל דער וווּרשט אַנטלויפֿן, כאַפּט זי מיט די ציין אים —
שלינגט די טוירע איין מיט אים אינייַנעם.
אייַנגעשלונגען, אָנגעשטאָפּט מיט טוירע און מיט וווּרשט דעם מאָגן —
צו די מייַז אַוועק די קאַץ, זיי מוסער זאָגן.

זשאַבעס

עפּעס ראַשט זיך אין געמויזעכץ! עפּעס דאָרט אַ קאָך!
קעגן בושל אויפגעהויבן זיך די זשאַבעס. (— דאָך!)
אַ געשריי, אַ קוואַקערײַ:
„פרײַ זאָל זײַן די בלאָטע, פרײַ!
אויס! גענוג! ביזוואַנען? שלינגט אונדז אַפן שאָק,
און קיין פּיפּס ניט!? העפקער! שנײַד און בראָק!
ניין! סע גייט אַזוי ניט ווײַטער! ריישעס ווילמיר טאַקע,
ניט באַשרענקט און ניט באַגרענעצט זײַן זאָל אונדזער קוואַקע:
ווען מע דאַרף און ווען ס׳איז נייטיק, מאַכן אַ ,קוואַקאַווקע׳,
און אַרויסזאָגן אַ׳עדער זאָל זײַן מיינונג הויך, און דאַווקע
נאָר בײַ טאָג — דער זומפּ זאָל ברויזן!
זאָלמיר וויסן אויך וואָס גוט און שיין איז!
ווּעהאַשיינעס:
בלומען! רויזן!
ס׳איז בײַ אונדז דאָך בלאָטע בלויז!
זאָלמיר אויך אַמאָל שוין זען אַ רויז!״
(זשאַבעס — און געפּערלעכע האַסאָגעס?
אים, דעם סאָלאָוויי גיי זאָג עס!
פונעם נאָנטן וועלדל זײַנע זינדיקע געזאַנגען
זיס געוועקט כאַלומעס, ניט-געשטויגענע פאַרלאַנגען
צווישן אוילעם, יענעם גליטשיק-קאַלטן-נאַסן.)
נו, אַז דאָס געמויזעכץ זיך גענומען וויגן!
וואָס? וואָס טראַכט איר זיך? דער בושל זיי געשוויגן?
בלוט געגאַנגען אין די בלאָטעגאַסן!

זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק . . . קיצער: שאַבעס . . .
נו, ווער אויסגעפירט? די זשאַבעס!
זשאַבעס היפּען, זשאַבעס טאַנצן . . .
מאַזלטאָוו! דער בושל נאָכגעגעבן זיי אינגאַנצן!
וואָס-זשע דאַרף מען נאָך? מע דאַרף אַ נעם טון זיך געטריי
און די בלאָטע איבערבלאָטען אַפּדאָסניי,
העט פון שימלהײַטל גרינעם
ביז אַראָפּ צום שלײַם און איפּעש-פּאָדעם קאָל-האַמינים.
(דאָס אַן אַרבעט פאַר געניטע, פאַר מעווינים!)
און צום ערשטן מאָל די כעוורע קוואַק
אײַנגעפירט אַ קאַלפּע,*) און מיט אַלע פּליטערלעך תרי"ג,**)
מיט אַמביציעס, מיט דראָשעס, סודעס, צדאָדים,
מ'האָט געקוואַקעט דורך די נעכט — פּעכאָדים!
און געקלויבן און געקלויבן,
ביז זיי האָבן — גאָט צו דאַנקען און צו לויבן! —
אויסגעקליבן דרײַ בעקאָוועדיקע נעמען!
ניין, דעם זומפּ זיי כאַסוועשאָלעם ניט פאַרשעמען:
קוו"ס-קווע-קוואָד-קוואַ-פּאַפּוגײַ, וואָס רעדט אַף שיווים-לאָשן —
אַ באַרסאַמכע בײַ די פּראָשן;
און דער פרומער שוואַרצער כאָסיד רעב קראַ-קראַך,
וואָס ער זאָגט נעוויעס פון שפּיץ דאַך;
און ד'ער איקער —
דער הער פּיקער,
וואָס מע רופט אים פּיקהאָלץ (ע, ער איז קיין שויטע —
ר'האָט אַ יאַרמעלקע אַ רויטע!).
און העוויס די לײַט
שענקען דעם געמויזעכץ אי זיי'ר כאָכמע אי זיי'ר צײַט,

*) „קלפּי" = אורנע (געהיימע וואַל).
**) תרי"ג (לייען: טאַריאַג) = 613.

די מעשאָלים וועלכע גייען
אַרייַן אין ביזאיצטיקן בויגן
זענען אויסגעזעצט אונטער דער
פּאָטערלעכער האַשגאָכע פון זייער
באַשאַפער
דאָ אַף דער שטעל האָט דער טויט
אָפּגעשיידט דעם מייַסטער פון
זייַן ווערק
געשען זונטיק בייַנאַכט אַף מאָנטיק
MCMXXXII / III / XXVII
ווען דער זייגער האָט געקלונגען
דרייַ



מוז דאָך קאָהאָל אַף זיך נעמען זיי׳ר פּאַרנאָסע.
אַלקן
האָט אַליין דער בושל פון זײַן הויכן באַלקן
אָפּגעשטעלט אַף קאָהאָלס כעשבן זיי׳ר האַכנאָסע.
און אַ נעם געטון מיט כיישעק
אין אַ שאָ אַ גוטער כעוורע זיך צום אייסעק —
עסן!
און די בלאָטע? ווייס איך וואָס! פאַרגעסן!
די הויצאָעס לעאייסאַטע גרעסער:
צוגעקומען נײַע פרעסער . . .
און דאָס בלאָטעלעבן אַף אַ האָר ניט בעסער!

דער ריכטער

איינמאָל האָט רעב כאַפּער-כאַפּעראָוויטש-כאַפּערעסקו
(דאָס דער בער — פון וואַלד דער ריכטער)
זיך געלייגט ניט איבריק ניכטער
און מיטביידע לאַפּעס פונעם שלאָף געטון אַ פּליעסקע —
נעבעך זיך דערשראָקן;
אויסגעדאַכט זיך אים: פון וואַלד געוואָרן איז אַ שטאָט,
גייען פריַיטיק אַלע כאַיעס פונעם באָד,
אויסגעצוואָגן, פיַין און פרום ווי ציגנבאָקן . . .
היַינט גיי לעב! צווישן סאַמע פרומע
קען אַ ריכטער האָבן דען אַ טקומע?*)
וואָס? פונוואַנען לעבט אַ ריכטער דען? פון מיַיסים־טויווים?
נעמט ער רעוועז, ברומען פונעם שלאָף,
אַזש סע ציטערן אין צענטן דאָרף די שאָף.
לויפן זיך צונויף די שכיינים, פריַינט און קרויווים,
און מע וועקט אים, און אין שטערן שפּיַיט מען אָן דריַי מאָל אים.
כאַפּט ער אויף זיך און דערציילט דעם כאָלעם.
און מע זעט באַשיַינפּערלעך, ער עקט זיך.
„גאָט מיט דיר!״ באַרויקט אים דער פוקס, „ניט שרעק זיך!
כ׳האָב דאָס אַ קאַבאָלע
פון פאַרדרייטע וועגן און פון סטעשקעלעך קרום-שמאָלע:
איז נאָר דאָ אַ פּאַסטעך, וועלן זיַין שוין הינט!
גיב נאָר גאָט אַ ריכטער, וועלן זיַין שוין זינד!״

*) „תקומה״ = באַשטאַנד, געדויערונג.

פאַרן בעזדן־שעל־מײַלע*)

פון אַלטן בייס־אוילעם אַ שוואַרצע קראָ פליט
און פּאַטשט מיט די פליגל אין שולהויף:
גאָטס קנעכט שלוימע־זאַלמען, דער קאָשערער ייִד —
אים אַנגסן באַשלאָגן, ער ציטערט אין שרעק ווי אַ לולעוו,
פון זיבן מאַלאַכיי־כאַבאָלע צום בעזדן־שעל־מײַלע געפירט.
וואָס איז דאָרט?.. בײַם לעבן, מיר דאַכט זיך, קיין פליג אַף דער
וואַנט ניט גערירט...

אַ לאָדעכץ מיט אים האָט זײַן קו.
גערעכטיקייט וויל זי. אַז דאָ ניט, איז ווו?
ד'ער עמעס זאָל לעכערן בערג ווי די הערנער פון זון דעם שוואַרצוואָלקן! —

זי טײַנעט: ער האָט מיך, ר'עב שלוימע, געמאָלקן,
איך האָב אים די קליי פון די ביינער געגיבן —
פאַר אים, פאַר זײַן ווײַב, פאַר די קינדער די זיבן.
און מײַן קינד, מײַן איינציקס, פאַרשפאַרט,
אַ הונגעריקס נעבעך געמעקעט, געגאַרט,
און אַף זײַן גענאָד אין דער פינצטער געוואַרט,
ער זאָל אַפּאָר טראָפּנס כאָטש לאָזן פאַר אים אין מײַן אײַטער.
נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט, הערט ווײַטער!
ער האָט דאָך מײַן האַרץ מיר צעבראָכן;
מײַן קינדעלע נאָך ניט געוואָרן פיר וואָכן —
און ער דאָס געפירט צו דער שכיטע! געוואַלד, צו דער שכיטע!
דאָס ערשטע, דאָס צווייטע, דאָס דריטע!..
דעם הימל נעמט־דורך אַ פראָסט:
— און דו האָסט געלאָזט זיך אַלץ מעלקן? — געלאָזט!
— מע האָט דאָך דיר הערנער געגיבן, צי האָסטו מיט זיי ניט געשטאָכן?

*) „בית־דין של מעלה״

— כאָלילע!

— מע האָט דאָך דיר שטאָלערנע צײנער געשאָנקען, צי האָסטו מיט זיי ניט געביסן?

(דער הימל וויל וויסן!)

— איך וואָלט דאָך דערפאַר איצט געבעטן מעכילע. — —

דאָס בעזדן קוקט־איבער זיך, שטערנדלעך גאַפן:

— מע האָט דאָך דיר קאָפּעטעס האַרטע ווי שטײנער געשאַפן,
צי האָסטו צומאָל אים אין האַרץ ניט געשלאָגן אַלכעט?*)

— אַלכעט שלאָגט מען זיך און ניט יענעם.

— אין גענעם!

(אַ דונער געטון זיך אַ קײַקל פון ערגעץ העט־העט)
אין גענעם אַרײַן! די בעהײמע זאָל טראָגן איר שולד!
מיט טעמפּער האַכנאָע און שטומפּיק געדולד
מײַן קנעכט שלומע־זאַלמען מיר איבערגעפירט!
געוויזן אַ וועג אים אַ פרײַען צום שלעכטן,
אַ כאַלעף אין האַנד אים געגיבן צום שעכטן —
פאַרשאָלטן זאָל זײַן זי ביז צענטן געבירט! — —
און רוכעס מאַזיקים מיט קאַנטשיקעס צו,
אַף פלאָג און אַף פּײַן אָפּגעפירט זיי די קו.

---

*) „אַל חטא"

דער שטעקן

האָט דער גוטער־יאָר אַ שטעקן אָנגעטראָגן.
איז דאָס, מאַמעניו, אַ זאָגער, רעדער, שמוסער!
ס'איז דער עמעסער, דער גרויסער שבט־מוסר*).
רעדט ער צו דער ראַבער קו אַזוי צו זאָגן:
„גיבן דאַרף מען! מילעך גיבן!
ס'שטייט אַזוי געשריבן!
ונתנו**) מאַכט צוריק ונתנו. דו פאַרשטייסט?
ניין, פאַרשטייסט מיך ניט. בעהיימע דו, דאָס הייסט:
גיסטו מיטן שעפל,
גיט מען דיר מיט לעפל;
גיסטו מיט די הערנער,
גיט מען דיר מיט דערנער.
לאָז דיך, זאָג איך, מעלקן!
ביימער דאַרן, גראָזן וועלקן —
מײַסים־טויווים
אייביק בליענדיקע קרויווים,
אייביק דיר געטרײַ זיי ווי דעם אויג די ברעם,
אי אַף דעם
אי אַף יענעם אוילעם.
זײַ־זשע ניט קיין גוילעם!
באַלד וועט קומען מיטן שעפל די באַלבאָסטע ראָניע . . .
ע, דו פאָרקעסט מיט דער ניאָניע?

---

*) „שייוועט־מוסער“

**) „ווענאָסנו“

ברויגעס ביסטו? וואָס? דײַן קעלבעלע אין שטאַל,
ווען דיך מעלקט מען דאָ אינדרויסן?
ווילסטו עפּשער דריגען? שטויסן?
וועט עס וואַרפן דיך אין קאַפּאַקאַל!
הער, מע טאָר ניט, זאָג איך דיר, מע טאָר ניט דריגען, שלאָגן!
אַלץ צו גוטן, מוז מען זאָגן,
אַלץ צו גוטן, אַלץ,
ווען אַפּילע ס׳ליגט דער כאַלעף אַפן האַלדז . . .״
זאָגט-אַרײַן דער שטעקן אונדזער קו און זאָגט,
און דערבײַ אַליין ער שלאָגט, ער שלאָגט.

צוויי פּייגעלעך

פרילינג אונדז געשענקט אַ טאָג, אַ גילדענעם, אַ גרויסן.
זעט: מיט טויזנטער קרישטאָלנע עמערס ער אינדרויסן
כיעס, ליכט און פרייד צעגאָסן.
און צוויי פייגעלעך — וויי-וויי! — אין שטײַגעלע פאַרשלאָסן!
פרעגט פאַרוואָס! אומזיסט-אומנישט!
ווײַל מיט לידעלעך דאָס האַרץ געקוויקט-געפרישט!
שוין דעם עמעס דען דער שויכעט ווי אַ טײַבעלע געשאָכטן?
שלעכט! פאַרפאַלן! אַז דאָס שטײַגעלע פון דראָטעלעך געפלאָכטן! . .
זיצט זיך איינס, דאָס עלטערע, האַכנאָעדיק און שטיל.
מיילע, וועלן מוז מען ווי ס׳איז מיגלעך, אַז ניט מיגלעך ווי מע וויל.
דאָס ווייסט יעדער, ווער דעם קאָפּ אין אומגליק ניט פאַרלירט.
נאָר דאָס צווייטע — וויי, וואָס דאָס פאַרפירט!
וואָס פאַראַקשנטער די נויט, אַלץ אימפּעט מער.
וואַרפט זיך, שפרינגט אַהין, אַהער,
סע געפינט זיך ניט קיין אָרט,
רײַסט זיך, בײַסט די דראָטלעך דאָ און דאָרט,
פּיקט אין טירל — פראָטעסטירט.
„פּיקהאָלץ!" זאָגט דאָס עלטערע, „וואָס נאַרישקייטן צו באַווײַזן?
זעסט דאָך, שוואַך דאָס שנעבעלע, די דראָטלעך — אײַזן!
גיי שוין, אומרו, גיי שוין אין דײַן רו!"
נאָר די רו פון אומרו — עפּשער ווייסט איר וווּ?
קומט צו גיין די שיינע ראָכעלע און קוקט זיך צו.
זעט זי — מיר פאַר איר בלאָ אייגעלע! —
ווי סע וואַרפט זיך, ווי סע רײַסט זיך פונעם שטײַגעלע דאָס פייגעלע.

דאַכט זיך איר, דאָס פּיצל מיטן שנעבל איר אין האַרץ אַ פּיק,
שפּרינגט זי — אַז מע שמועסט, אַ ווילדע ציג! —
און אַן עפן פונעם טפּיסעלע די ריגעלעך!
ביידע ראַפּטעם אויסגעגלײַכט די פליגעלעך
און — אין פרײַען פעלד!
דאָרט זיך אַף אַ בוים געשטעלט,
און צום אומרו זאָגט דאָס שטילע:
„נו, געריכט זיך מיט אַ רעגע פרײַ'ר?
אָבער זאָג: געפּילדערט איך ווי דו? געטון אַ פּיפּס אַפּילע?
און צי דען דער הימל ניט געהאָלפן מיר ווי דיר?
נו, באַדאַרף מען וויוועןְ? האַ? קעדײַ?
אַז באַשערט איז די ישועה, קומט זי סײַוויסײַ!"

*

נו, פאַרשטייט זיך, קומען קומט זי און זי מוז . . .
נאָר פאַרגעסט ניט, שטילינקע, אין ווּעמעס זכות!

בײַ רעב טאָדרעסל אין הויף

איר געווען אַמאָל אין דערפל בײַ רעב טאָדרעסל דעם נאָגיד?
דאָ איז שיין און דאָ איז ווויל, און דאָ גיט
גאָט זײַן מאַזל־בראָכע.
אַפּן הייפל געגנדזעלעך און הינדעלעך ניט איין מישפּאָכע,
און אַ אינדיק מיט אַ אינדיטשקע, אַ ציג, אַ קו,
און אַ טויבנשלאַק דערצו.
דאָס דער איקער. וועגן אים דערצייל איך. —
איינמאָל זיצט אַ טערקלטויב און וואָרקעט: „אַלע פריילעך,
נאָר צו מיר אַליין זיך טוליעט ער, דער טרויער,
איך אַליין געפעל אים . . .
פרעג איך אים: וואָס ווילסטו? וואָרקעט ער אין אויער:
אַלעמאָל אַן אַנדער טײַבעלע ווערט נעלעם!"
הערט מען אויס — פאַרשטייט זיך, ניט אָן שרעק —
פאַלט שוין עפּעס אויף:
אַלע דאָנערשטיק דאָס באָרוועסמיידל קומט־אַרויף . . .
נעמט אַ טײַבל . . . גייט־אַוועק . . .
און פאַרפאַלן! שוין! . ניטאָ דאָס טײַבעלע צוריק! . .
וואָס־זשע זאָל דאָס הייסן, האַ? . . דאָס לעבן נעמט זיך עקן!
ניט אַזוי דער שאָדן — דאָס ניטווּיסן טוט זיי שרעקן!
גייען פרעגן זיי אַן אײַצע בײַ דער ציג.
שאָקלט מיט דער באָרד זי: ס'איז ניט גוט, דאָס זעט זי אויכעט —
זאָל אַזוינס בײַ גוטע פרײַנד זיך גאָר ניט הערן!
נאָר אין טאָך וואָס איז דאָ, קען זי ניט באַקלערן.
— וואָס איז דאָ צו קלערן? (זאָגט דער האָן) סע שמעקט מיט שויכעט!

— שויכעט? וואָס-זשע הייסט דאָס, גוט צי שלעכט?
— שאַיעך שלעכט? אַ שויכעט שעכט!
— שעכט? וואָס הייסט דאָס שעכטן?
— קוקוריקו!.. וואָס מיר ניט געכאָלעמט זיך, ניט היינט, ניט נעכטן...
פריצלעך! ערשט פון אייעלע אַרויס!..
שעכטן הייסט: מע ציט דאָס העלדזעלע דיר אויס,
און מיט עפּעס דאָרט אַ שאַרפס, אַ שאַרפס ווי אָדלערס נעגעלעך,
איבער העלדזעלע אַ פיר אַהין, צוריק —
כיק!
און גענוג! פאַרגלייזט די אייגעלעך!..
— גאָט מיט דיר! וואָס רעדסטו? הערט נאָר, הערט!
(מיט די פליגל ציטערט-קלאַפּט די טערקלטויב צו דר'ערד)
וואָר דאָס? וואָר דאָס? טאַקע וואָר?
ווייסט איר וואָס גאָר: לאָמיר גאָר אַנטלויפן! גאָר גאָר ווייט! גאָר גאָר!
— פליען! פליען! (כאַפּן אַלע אונטער) און וואָס גיכער — בעסער!
— דאָר-אַלדאָר-אַדאָר! פאַרפירט און זינדיק!
(בלאָזט און גוידערט זיך דער אינדיק)
לויפן פונעם כאַלעף צו באַגעגענען דאָס מעסער!
טייקעף מיט מערידע! פליען!
— גו-גו (זאָגט די קאַטשקע און זי קוקט זיך אַלעמאָל אַרונטער)
גו-גו גוט, דאָס יונגוואַרג אין די פאַכוועלעך טוט בריען...
ווייסט ניט, זיצן אַפן אָרט געזונטער...
נאָר די אַלטע — זיי געמעגט כאָטש זיין אַביסעלע געזעצטער,
וויסן: ניט פון נעכטן פירט זיך אונדזער הויף,
קיינער ניט דער ערשטער, קיינער ניט דער לעצטער,
וואָס באַשערט — באַשערט, כאָטש פלי און שווים און לויף!
— לויפן?.. קוקוריקו!.. (קרייט דער האָן) און אַז מע וועט אייך כאַפּן?
— מע-מע-מע (צעמעקעט זיך די ציג) מע וועט דערטאַפּן!
אויך אַמאָל אַנטלאָפן,
אין אַ פרעמדן גאָרטן... מיינט איר, מע-מע-מע מע האָט מיך ניט געטראָפן?
אוי, אַז מיטן שטעקן מע-מע-מע מע האָט גענומען קלאַפּן!..

אָט אַזוי אַ פּאַכעד אָנגעיאָגט, פּאַרקישעפּט,
אַלטע זיך דערשראָקן, יונגע זיך געיִישעוועט,
אַזוי ברייט און אַזוי לאַנג,
ביז —
מאַזלטאָוו, רעב טאָדרעס מאַכט אַ בריס!
און אין קיך, געבונדן, אַף דער ברייטער באַנק
אויסגעלייגט די טײַבעלעך, די גענדז, דער האָן,
און דער אינדיק אויוונאָן,
און מע קרייט, מע גאָגערט, און מע קלאָלעט, און מע כראָמעט —
וועמען? נו, די טײַבעלעך! פון זיי די צאָרע טאָמיד!
זיי, די הויכע פליערס, זיי!
אומגעבראַכט דאָס הויף אונדז מענייביי!
— דאָר-אַלדאָר-אַדאָר, אַנטלויפן זיך פאַרגלוסט!
— גע-גע-גע געוווסט, אַ צאָרע גייט אַף אונדז, געוווסט!
— קוקוריקו! אַ שטראָף אַף אונדז אַראָפּ!
— אָלדער-אָלדער! טויבן זינדיקן — מיר קומען אָפּ!

דער באַל־יוֹיעץ

ניט אַ טאָג, ניט צוויי — אַ גאַנצע וואָך
ניט אַרויסגעוויזן זיך רעב מײַזל פון זײַן לאָך,
נאָר געטראַכט, געטראַכט קעסיידער.
(טראַכטן קען אַיעדער.)
זיבן טעג און זיבן נעכט געטראַכט,
און דערנאָך ערשט אַן אַסייפע ער געמאַכט.
צען מיניאָנים מײַז בעקאָוועדיקע זיך צונויפגעקומען
און צו הערן זיצט מען מוכן־אומעזומען.
טוט רעב מײַזל
ס'עקל אַ פאַרקרײַזל,
ניסט זיך אויס, און זאָגט: „ראַבויסײַ, הערט!
כ'האָב געקלערט און אויסגעקלערט:
אַלע צאָרעס נאָר פון סינע!
און די סינע? ניט אומזיסט! פון קינע, זאָג איך אײַך, פון קינע!
נו, בעכיין, ווי טאָג אונדז קלאָר
מאַכמעס וואָס סע הענגט דאָס לעבן אַף אַ האָר
און די קאַץ אַ בייזער וואָרעם, ווילד.
אַ פאַרדראָס, אַ ווייטיק איר: אַ מויז אַ שנעק —
אויך אַ קאָטער! מיט אַ לאַנגן עק!..
כוצפּע! זאָגט אײַך, וואָס איר ווילט!..
אַלקיין, ברידערלעך, אַצאָסי*): שטאַרקט די הערצער
און די עקן מאַכט אײַך קערצער!
נו אַוואַדע, יאָ, אַביסעלע אַ ווייטיק,
אָבער — נייטיק!

---

*) „עצתי״

קערצט איר אונטער אײַך די עקן —
פונעם קאָטערס פּיסקל פּוטער וועט איר לעקן!
ווי איר זעט מיך לעבן, ניט אַזוי אַ ביס — אַ קראַץ
טוט ניט מער די קאַץ!"
שאָקלען זקיינים מיט די קעפּלעך: „יאָ, אַ סוואָרע . . .
אוי, די עקן, אוי! . . אַ צאָרע, קינדערלעך, מיט זיי, אַ צאָרע!"
וואָס-זשע טוט מען? די קאַפּאָרע!
ווער וויל בײַסן, איז געביסן!
רײַסן זיי, זאָל זײַן געריסן!
און אַ סאָף, אַן עק מיט אַלע עקן! פּאָטער! . .
און אַ כאָכעם־אַטיק דאָרט פאַראַנען, ראָט ער
גאָר דערלאַנגן אַ באַקאָשע גלײַך צום שוואַרצן קאָטער:
ציען זאָל אַף זיי געגנאָד ער,
זאָל ער ציען,
און מיצאַד ראַכמאָנעס און מיצאַד אַ מיצווע־זאַך באַמיען
זײַנע הויכגעשעצטע, שאַרפגעשפּיצטע ציין —
זאָל באַרײַסן זיי׳רע עקן טאַקע ער אַליין!
(ס׳איז אַ סייכל,
יאָ, מע דאַרף דעם ראָשע טון אַ שמייכל.)
וואָס? איר לאַכט? מאַכטייסע, לאַכט!
נאָר געווינט גאָר אַלע מײַז דאָרט יענע נאַכט.
מ׳איז געוואָר געוואָרן — ניט פאַר אײַך געזאָגט, געליטענע! —
אָך און וויי! אַ קאַץ האָט פײַנט אַ מויז, אַפילע אַ באַשניטענע!
*
בלינדע בעטלערס, דרייט אַ קלאָג אַף אַלטע קאַטערינקעס,
און פאַרשרײַבט דאָס, פרומע שרײַבערס, מיטן גראַם אין אַלטן פּינקעס:
מיזל, מײַזל, מויז!
מעג דײַן עק זײַן גרויס,
מעג ער זײַן אַפילע קליין,
בלײַבט דער קאָטער — קאָטער, און די ציינדלעך זײַנע — ציין!

די שפּיז און די נאָדל

איינער (רוון, שימען אָדער איקס)
קומט פון דער מילכאָמע מיט אַ שפּיז און מיט אַ ביקס
און שפּאַרט־אָן זי אין קאַמאָדל,
ווו געשטעקט אַ דינע נאָדל.
— אָט אַ נאָדל, אָט אַ ריז!
(טראַכט דאָס נעדעלע, דערזעענדיק די שפּיז)
קליידער מאַכט אַוואַדע זי פון אײַזן צי פון בלעך,
און אַף גיך, מיט ריזנשטעך!
פאַר אַ גאָג־מעגאָג מיסטאַמע, צי אַזוי אַ ריז אַ גאָדל . . .
און די שפּיז? זי קוקט, באַטראַכט די נאָדל:
— אָט אַ שפּיזעלע אַ שרעטל!
כידעש, וואָס סע לויפט זיך ניט צונויף דאָס שטעטל
אַף דעם שנעקעלע צו קוקן!
קאָמיש! אַזוי קאָמיש! נו ווי מאַכט מען ניט מיט אים קיין שפּאַס?..
זאָג מיר, ברודערל, ניט שעם זיך: עמעס, וואָס מע שמוסט אין גאַס?
ביסט אַ פײַער! קומסט אין קאַס, איז מעסוקן!
מיטאַמאָל דערשטעכסטו, זאָגט מען, זיבן פליגן!
— שייקער! (שרײַט די נאָדל) ליגן!
איך קען שווערן דיר בײַם מענטעלע פון סייפער־טוירע:
לײַוונט שטעך איך, לײַוונט! ס׳איז אַזאַ מין סכוירע . . .
— כאַ, כאַ! (שיסט די ביקס אויס אַ געלעכטער)
כאַ, כאַ, כאַ! ער שטעכט גאָר לײַוונט! לײַוונט שטעכט ער!

— וואָס-זשע ווילט איר? (פרעגט די נאָדל) איך זאָל שטעכן בלעך? עך, עך,
ווען ווי איר איך גרויס!
— אוי, געוואַלד, איך האַלט ניט אויס!
(שרייַט די ביקס) איך פּלאַץ! איך שיס!
— זייַט מיר מוחל! (זאָגט די נאָדל) ניט געמיינט צו שלעכטן!
ניט קייַן לייַוונט, ניט קייַן בלעך — איז וואָס-זשע שטעכט׳ן?
— מענטשן שטעכט מען! מענטשן! (זאָגט די שפּיז)
אָבער דאָ די נאָדל שוין גענומען לאַכן,
נאָר אַ לאַכן — עפּשער לאַכט זי נאָך:
כי, כי, כי! און אַך, אַך, אַך! און אָך, אָך, אָך!
— שטעך איך, זאָגט זי, לייַוונט, מאַך אַ שטעכל נאָך אַ שטאָך,
ווערט אַ העמדל, ווערט אַ מאַלבעש — זאַכן;
אָבער מענטש — שטעך הייַנט, שטעך מאָרגן אים, וואָס ווערסטו פון אים מאַכן?!

די באַרשט און דער קאַמאַש

קיש-קאַש!
ס׳טאַנצט־אַ באַרשט אַף אַ קאַמאַש!
שטאַרקער, שטאַרקער גייט דער טאַנץ
און אַלץ העלער ווערט דער גלאַנץ —
ס׳איז צו קוקן אַ ציקאַווע!
דער קאַמאַש איז אָבער אַ באַל־גאַווע:
אַף זײַן פּיסל טראָגט אים דער געוויר רעב הענעך,
אַרט אים (ניט רעב הענעכן, נאָר דעם קאַמאַש גאָר מײַן איך),
ס׳שטייט די זאַך ניט אָן אים.
ווער סע שפּרינגט אים דאָ אין פּאָנעם!
נאַ דיר, נו! אַ באַרשט, וואָס וואַלגערט זיך
ערגעץ דאָרט אין קיך!
ווערט ער מאָלע קאַס
און ער שרײַט מיט האַס:
„ס׳איז דאָך, כלעבן, פון די בערשט ניט אויסצוהאַלטן!
זעט נאָר, ווי ער טאַנצט אין פּאָנעם מיר, דער באָכערעץ!
אײַ, וואָלט איך צו דר׳ערד געטון מיט אים אַ זעץ
און אַף צווייען אים צעשפּאַלטן!״
„זײַט ניט ברויגעס, רעב קאַמאַש!״
ענפערט אים די באַרשט, „מאַ ראַש?*)
אַז דו קענסט אָן מיר ניט גלאַנצן,
מעג איך, ברודער, אַף דיר טאַנצן!״

---

*) „מה רעש״

דער שירעם, דער שטעקן און דער בעזעם

וועמען לויבן? וועמען זינגען שיר־האַשירים?
סע פֿאַרשטייט זיך — קיינעם, נאָר דעם שירעם.
אַ באַלבאָס אַ יוסטער, ברייטער,
איבער אונדז זײַן פֿליגל שפּרייט ער,
ווען ער וויל, אין הימל פֿליט ער —
וויל ער אָבער זײַן אונדז אַ געטרײַער היטער
סײַ אין רעגן, סײַ אין היצן. קיצער —
ער איז אונדזער שומער, ער אונדזער באַשיצער.
קומט דער שטעקן גאָר און קעגן שירעם שטעלט זיך.
„איך בין עלטער!" שרײַט ער, „איך — אַף מיר שפּאַרט־אָן די וועלט זיך!
און דעם יאָם געשפּאַלטן ווער? מײַן זיידע זכוסע־יאָגן!*)
און דערצו נאָך — דערעך־ערעץ! איך קען שלאָגן!
ווער סע פֿאָלגט ניט מיך, איז וויי ז'אים!"
„און איך פֿאָלג ניט!" זאָגט דער בעזעם,
„מיך וועסטו ניט שרעקן!
איך בין גרעסער אי פֿון שירעם אי פֿון שטעקן!
איך בין", זאָגט ער, „דאָ באַלבאָס, און איך בין גרויס!
ווער סע לוינט ניט מיר, איז — מאַרש! איך קער־אַרויס!"
דעם וויקוועך דער באַלבאָס דערהערט
און עפּעס דאָ ניט גלאַט אים:
„אי דער שירעם אי דער שטעקן אי דער בעזעם באַלעבאַטים!
נו, און איך וואָס? איך וואָס האָב דאָ פֿאַר אַ ווערט?"
„דו?" שרײַט יעדער פֿון די דרײַ, „נו, דיך
גאָט באַשאַפֿן צו באַדינען מיך!"

---

*) „זכותו יגן"

דער טיש וואָס פרעגט קאַשעס

איר געהערט אַזוינס נאָך — פון אַ טיש אַ פילאָזאָף זאָל ווערן!
איינמאָל גאָר אַ טיש גענומען קלערן,
אָנגעהויבן צווייפלען ער,
וואַקלען זיך אַהין, אַהער —
שײַלעס פרעגט ער. שטייגער:
וואָס אַזוינס דער זייגער?
עפּעס, מוז מען זאָגן, אין אים שטעקט:
קלינגט און וועקט . . .
אוילעם קוקט אַף אים . . . דעם צײַטנגאַנג פאַרשטייט ער . . .
און — וווהין מע דרייט אים, גייט ער!
האָט אַ האַנט אַ שליסעלע אַזאַ מין
און זי דרייט מיט זײַן נעשאָמע און די ווײַזערלעך צוזאַמען!
ווו-זשע איז זעלבשטענדיקייט? גיי זוך עס! . .
צי רעב אָרנדל, דאָס שאַפּקעלע מיט ספאָרים!
האַלט פון זיך! אַ כאָכעם מופלעג! אַ מעיוכעס!
וואָס-זשע פלאַפּלט ער גאָר נאַרישקייטן, שקאָרים? . .
און דער לאָמפּ? דער אָדן מיטן גלעזערנעם צילינדער?
איז בײַנאַכט אַ זעענדיקער און בײַטאָג אַ בלינדער!
פּיילע!
און וואָס נאָך? ער נעמט דאָך אין דער לינקער קיילע!
ער דאָס פלעשעלע ניט פײַנט!
גיסט אין העלדזל, ווערט ער לעבעדיק און שײַנט . . .
אָט גאָר נעמט דאָס צינגל צאַפּלען-פלאַפּלען מײַסע שיקער! . .
(גוט נאָך, וואָס פאַראַן אַ שערל — צינגל-פּיקער!)

פֿאַסט דאָס פֿאַר אַ גלעזערנעם צילינדער? שיין?
און אַ ייכעס! אַפֿן טיש נאָר וויל ער שטיין!
ווי געפֿעלט אײַך? אַנדערש שטייט ניט אָן דעם אָדן!..
אָט וואָס פֿאַר אַ שײַלעס אונדזער פֿילאָזאָף באַוועגן!
וואָס-זשע טוט מען, אַז אַ טיש הייבט-אָן זיך וואַקלען, פֿרעגן?
מוז מען עפּעס אונטערלייגן.
(ס׳קען דאָך זײַן, כאָלילע, נאָך אַ שאָדן!)
נו, גענומען שיינדל
און געלייגט דאָרט ווו מע דאַרף אַ שפּענדל.
גוט געוואָרן! ניכע!..
שרײַט אָבער דער שפּאָן פֿון דר׳ערד: געוואַלד! רעציכע!
גראָבער פֿוס, וואָס טרעטסטו מיך?
דיר איז עפּעס קאָשע — שולדיק וואָס בין איך?!

גאָטס סטראַפּטשעס

זיצט אַ פּאַסטעכל און שפּילט —
גאָטס ראַכמאָנעס ער דערפילט,
דאָס ראַכמאָנעס, וואָס סע וואַרעמט, פינקלט, קווע̇לט,
זינגט אַרום דער וועלט
ווי אַרום דער קאַלעס פינגער דאָס קידושן־רייפעלע.
„מע, מע, מע!" צעמעקעט זיך אַ שעפּעלע
און סע ציטערט אין די אויגן איר אַ בליצל,
„גרויס, אַוואַדע, גרויס ווי בערגער גאָטס גענאָד . . . פון אייביק
וואַרעם, גלעטנדיק, פאַרגעביק —
ווו-זשע איז מייַן קאָשער לעמעלע, מייַן פּיצל? . .
און אַז גאָט געוואָלט, דער בייזער וואָלף איר קינד זאָל עסן —
וואָס-זשע גיט דער מאַמען ער אַ בענקשאַפט און זי קען עס ניט פאַרגעסן?
וואָס-זשע בריט אַזוי אין האַרץ און בראָט?"
פרעגט זי מיט די אויגן, זוכט אַ טרייסט. דערזעט זי גראָד,
אייַנגעשלאָפן ער, דער פּאַסטעך. כאַפּט זי זיך אַוועק אין שטאָט —
לויפט צום ראָוו. דאָ הייבט זיך אָן אַ מייַסע־נוירע!
הערט, אַ שעפּעלע מיט גאָט וויל האָבן אַ דין־טוירע!
ווערט זי אָבער פונעם רעבבנס ציג געוווירע,
אַז דער ראָוו נאָך פרומער פונעם שויכעט:
טאָג ווי נאַכט אין ספּאָרים גאָר פאַרמויכעט,
און ער אויכעט
גאָטס אַ מענטש! פאַר גאָט ער מוירע! . . שלעכט!
דאָ, ביי אים, אַוואַדע גאָט גערעכט!

לויפט זי שוין אין וואַלד אין פרײַען,
זוכן דאָרט אַ ראָוו אַן עמעסן, אַ דאַיען,
וואָס פאַר גאָט ער גאָר קיין מוירע ניט.
(אַנדערש לוינט זיך דאָך, פאַרשטייט זיך, דער דין־טוירע ניט!)
גיי־זשע ריכט זיך, אַז דער פוקס, דער בער,
שטאָל און אײַזן זיי פאַר גאָט נאָך מער
ווי דער ראָוו. — כצופּע!
(שרײַט דער פוקס) מיט טײַנעס גאָר צו גאָט?! דאָס גופע
ברענגט פוראָניעסן,*) בייז געיעג און קלאָווים אַפן וואַלד!
ווײ געשריגן! ווײ, געוואַלד!
ווייניק
נישטער איך און זוך און ריינינק?
אַלץ די זינד ניט אויסגעראָטן?!
— בו־ה־ה! (צעברומט דער בער זיך) מײַסע סאָטן!**)
וואָס־זשע שווײַגט איר? גיט זי איבער מיר!
— דיר?!
(טוט דער פוקס אַ כאַפּ זיך) דיר? פאַרוואָס?
— ווײַל אַזוי! ווײַל איך באַלבאָס!
— דו גאָר? אַזאַ אייזל?!
— פלאַטשיק נעזל!
— בופלאָקס דו! מיגעגע!
— שווײַגסט — ניט, מאַך איך שטויב פון דיר די רעגע!..
און זיי רײַסן זיך און בײַסן זיך און מאַכן זיך צו שפּאָט,
ווײַל — אַ טײַנע האָט דאָס שעפעלע צו גאָט!

*) „פורעניותן"
**) „מעשה־שטן"

די פלאַקסן און די קאַרטאָפּלבלימעלעך

אַף אַ שטיקל פעלד, אין שכיינעס
מיט אַ פּאָשעטער מישפּאָכע אַמכאָ־פלאַקסן,
בלוילעך־ווײַסע בלימעלעך געוואַקסן.
בלוילעך־ווײַסע — דאָס איז ריישעס, וועהאַשיינעס —
קנעפּעלעך אינמיטן! קנעפּעלעך פון גאָלד!
און דערצו נאָך זיי באַשענקען גאָט געוואָלט
און אַ בערגעלע פאַר יעדן איינציקן באַשאַפן;
ניט דערנידערט — אַף אַ בערגעלע זאָל שטיין עס!
נאָר צו קוקן און צו גאַפן!
וויסן זאָל די וועלט וואָס שיין איז!..
איז אַ כידעש, וואָס די בלימעלעך בײַ זיך אַביסל גרויס?
מאַכט דאָס אָבער בײַ די פלעקסעלעך זייער אויס,
שפּרינגען, מײַנע סאָנים, שיר פון זיך אַרויס:
סטײַטש? וואָס הייסט דאָס? שכיינים,
אויסגעוואַקסן אַף איין פעלד איניינעם,
איינער און דערזעלבער רעגן זיי געבאָדן,
איינער און דערזעלבער הימל זיי געהיט פון האָגל און פון שאָדן
אין אַ בייזער שאָ —
וואָס־זשע עפּעס גאַדלעס דאָ?
הערט, איך בעט אײַך: אַזאַ שטילע, זיסע נאַכט,
עפּעס נעמט זיך בענקען, עפּעס הייבט־אָן פעלן,
וויל אַ וואָרט זיך רעדן, צי אַ מײַסעלע דערציילן —
און די בלימעלעך זיך גאַדלעסדיק פאַרטראַכט,
גלײַך קיין פלאַקסן אַף דער וועלט ניטאָ!
אַ פּאַרדראָס!.. באַקלאָגן זיך די פלאַקסן פאַר דער אַלטער גוטער קראָ.
— קראַ, קראַ, קראַ! (די אַלטע זיך צעלאַכט)

גרויסע מעוכאָסים אײַ׳רע שכײנים!
יאָ, נו! . . איך באַרעד ניט קײנעם,
און מע טאָר ניט;
נאָר צווישן אונדז גערעדט, בעשטיקע —
וואָס? וואָס זענען זײ דען? גאָרניט! גאָלע גאָרניט!
צי אין זײ׳ר זכות, מײנט איר, ציען זײ פון ערד יעניקע?
ניין! אין זכות פון די קאַרטאָפּלעלעך די אָרעמע, די שוואַרצע!
(טוליען וואָלט איך זײ צום האַרץ צו!)
יענע, די פאַרגעסענע פון זון, פון הימל, און באַווײַזן
ניט נאָר די יאַכסאָנימלעך — אַ וועלט צו שפּײַזן!
— וואָס? אַזוינע גוטינקע? וווּ זענען זײ, נעשאָמע?
— וווּ? אין דער אַדאָמע!
און אַף יעדן — הערט! —
ליגט אַ בערגל ערד!

דער רעטעך

איינמאָל שיקט דער האַרבער רעטעך היסל-ניסל
גלײַך צום בינשטאָק: „מיר געפעלט דײַן טאָכטער זיסל!
(סטעלניק מיינט ער — איר פאַרשטייט דאָך!)
בעט איך,
היסל-ניסל רעטעך,
זײַ מיט מיר זיך דו מיסכּאַטן!"
„הערסטו, אַנדערש שטייט ניט אָן זײַן טאַטן!"
ענפערט בינשטאָק, „זאָגט אים, קלאָרע טויב
נידערט צו קיין רעטעך ניט אין שטויב!
גיי דיר, גיי צו דײַנע שוועסטער-ברידער!"
שיקט דער רעטעך ווידער:
„איך דיר אַדעראַבע — דו מיר קידער-ווידער?!
נאָר סע מאַכט ניט אויס!
העוויס
אָפּגעטויוולט און געמאַכט זיך ריין איך,
מיין איך,
איצט געפינען וועל בײַ דיר שוין כיין איך."
„מיינען", ענפערט בינשטאָק, „מיכע-טייסע,*) מעג ער —
אָבער פרעגט אים: ווערט דען ווײַס אַ נעגער?"
שיקט דער רעטעך ווידער:
„איך דיר אַדעראַבע — דו מיר קידער-ווידער?!
היינע זײַ-זשע, בינשטאָק, וויסן,
כ'האָב די הויט פון זיך געריסן
און — וואָס קען שוין זײַן נאָך בעסער? —
זיך געקאַשערט און געריבן מיט אַ מעסער!

---

*) „מהיכי-תיתי"

איצטער איך שוין קלאָר ווי שניי!״
„גיי!״
ענפערט בינשטאָק, „זאָג אים: טאַרבעס!
קלעבט זיך אין דער וואַנט אַן אַרבעס?״
שיקט דער רעטעך ווידער:
„איך דיר אַדעראַבע — דו מיר קידער־ווידער?!
נאָר דײַן טעכטערל מיר טײַער!
איר צוליב — אין וואַסער און אין פײַער!
צו דער שאַרף פון מעסער — מונטער!
און גאָט העלפט דאָך ווי מע נעמט זיך אונטער —
איז געשען אַ נעס:
כ׳האָב געקאָכט זיך אין אַ קעסל און געפּרעסט זיך אונטער פּרעס,
בין אַרויס פון דאָרט איך פרישער און געזונטער.
גלייב מיר, פון מײַן האַרבקייט ניט קיין זייכער!
(צאָרעס מאַכן אונדז דאָך צאַרטער, ווייכער!)
לאָמיר זיך מעשאַדעך זײַן! נו, לאָמיר!״
טראַכט זיך בינשטאָק: „עפשער... טאָמער...
ניט פאַראַן דען קלאָרע הערצער אונטער שוואַרצע פעלצן?
ער האָט ליב זי, וועט זיך אין איר שמעלצן —
זאָל דאָס זײַן צו מאַזל! אין אַ שעה מוצלחת!״*)
נו — אַ שידעך! רעטעך פרעגלט זיך אין האָניק, נאַכעס.
קומט דער ראָוו, קידושן ער מעסאַדער,
און ער מאַכט גאָר — האָסטו דיר און נאַ דיר! —
בורא פּרי אַדמה!**)
נו, און זי? די קאַלע? זיסעלע, די קאָשערע נעשאָמע?
„גייט אײַך!״ מאַכט דער ראָוו, „אי, גייט אײַך!
איצט אַ צוגאָב זי צום רעטעך!״

*) „שאָ מוצלאַכעס״
**) „בורעס פּרי אַדאָמע״

הענגערפּלעקלעך

ווינטער אין די גרויסע פרעסט
זיך צונויפגעקומען געסט,
אין דער ליבער וואַרעם מאַכן ביז פאַרטאָג אַ קערטל.
(ס'יאָ, ווי זאָגט די וועלט אַ ווערטל:
ווען שלאָף איך ניט אויס זיך? ווען די נאַכט ווערט לענגער.)
און וואָס מערער געסט, ביים טיש אַלץ ענגער
און אין פעדערהויז אַלץ שווערער פאַרן הענגער —
אונטער דיקע מאַנטלען, פוטערס ברעכן זיך די פּלעקלעך.
— שרעקלעך!
(קלאָגט אַ פּלעקעלע זיך פאַרן שאָכן)
וויי איז מיר! איך ווער צעבראָכן!
עפּעס ציט צו דר'ערד מיך ציט מיך!
לאָזט ניט פאַלן, ברידער! היט מיך!
— ביסט ניט איינער! יעדעס פּלעקל
האָט זיין פעקל!
(טרייסט דער שאָכן)
גאָט וועט העלפן! האָב ביטאָכן!
— גאָט וועט העלפן!.. (זיפצט דאָס דריטע) יאָ, געוויס,
נאָר ווי העלפט גאָט, ביז
גאָט וועט העלפן? אוי, ס'איז ניט צום איבערטראָגן!
— און ניטאָ כאָטש איינער וואָס זאָל איבערשלאָגן,
זאָל זיי זאָגן:
גאָט מיט אייך! געטוג שוין! אַלצדינג מיט אַ מאָס!
— ווו איז דער באַלבאָס?

— גוואַלד, וואָס שווייַגסטו, פּאָטערעניו, אָדן?
אונדזער בראָך פאַר דיר דאָך אויך אַ שאָדן!
— ווייס איך וואָס! וואָס הערט ער? אַ מעציע — פלעקלעך!
פלעקעלעך ווי האָלץ!..
בעטן נאָך דעם אָדן! ווו איז ווערדיע? שטאָלץ?
שעמט אייַך! טויטע פינגער! מייַזנעקלעך!
— וואָס-זשע זאָל מען טון? — זידלט! שעלט!
— בע, איך זאָג אייַך, שולדיק גאָר די קעלט —
אייַנגעוויקלט יעדן זי אין פעלצן...
טראָג אין שטוב דאָס פוטער, ועסטו זיך צעשמעלצן —
מוז מען עס צום הענגער ברענגען,
אַף די פלעקלעך הענגען.
הייַנט אַ צייַט אַזאַ, פאַרשטייט איר! ניט פאַר וויכן, צאַרטן,
נאָר פאַר האַרטן, אייַנגעשפּאַרטן!
שלעכט איז דעם וואָס קען קיין שלעכטס ניט איבערוואַרטן!
— איבערוואַרטן... איבערוואַרטן... (קרימט אַ פלעקל איבער)
וויל איך ניט! איך קען ניט! איך בין ניט קיין גיבער!
און דערפאַר, דעריבער,
אַז איך וועל זיך שוין דערוואַרטן אַלפי נעס,
דעמאָלט ערשט מייַן ווייטיק אַף מיר הענגען ווי אַ מעס,
אייַך און מיר אַליין אַרויסשטעלן אַ לעקער
און זיך רייצן: טעמפּע פלעקער!
טויטע פינגער!
וואָס אַליין געטון איר, זיך צו מאַכן גרינגער?!

דער קאָטער און דער טאָטער

אַז מע ווייסט ניט פון די גוטע יאָרן
אַף די שלעכטע אָפּצושפּאָרן,
צי מע האָט שוין אין די גוטע לאַנג פאַרגעסן,
צי, אַ סוואָרע, אין די גוטע אויכעט מער געהונגערט ווי געגעסן —
לאָזט דער קאָטער הינטער זיך זײַן קאָטערלאַנד
און אַנטלויפט קײַן טאָטערלאַנד.
ניט אַזוי גרינג טוט זיך ווי ס׳ע רעדט זיך . . .
שיר ניט מיט דער קאַץ געגעט זיך —
אַז זי האָט אין אים ניט קיין עמונע!
אַז זי קען אים! . . ער וועט לאָזן זי נאָך אַן אַגונע . . .
און געמאַכט אַ קאַצניאָמער אים אינמיטן גאַס.
און דערנאָך — אַ מײַסע מיט אַ פּאַס!
נאָר צו עפענען בעעמעס מויל און אוי׳רן:
אי זײַן טאַטע אי זײַן זיידע דאָ געבוירן,
אי צוויי יאָרן אָפּגעדינט אין גראַבלמיליטער,
אי געפאַלן שיר אין דער מילכאָמע מיט די פייגל —
ערשט, רעב סוקין-סין קעסאָקע־אייגל
זאָגט אים: דו ביסט דאָ אַ גער!
און אַ גער מיר האַלטן ווי אַן עוונטאָוו*) אַ טײַערן!
ער מוז זיצן אַפן אָרט און צאָלן שטײַערן! . .
נו, גענומען אונדזער קאָטער פײַערן,
און געפּרווּט זיך אי מיט גוטן, אי מיט קאַס —
נאָר באַקומען ערשט אַ פּאַס,

*) „אבן טוב״

אַז באַקומען דאָס קעסאָקע אייגל
שטילערהייט אַ בייגל
אָנגעשמירט מיט פּוטער.
(כאַפּט אים דער ניטגוטער!)
נאָכדעם ערשט די רײַזע.
איי, זי
ליגט אים גוט אין טאַם!
ניט אַזוי די רײַזע ווי די גרענעצן — די סטאַציעס!
אַלעמאָל שמיראַציעס!
שמיר — ניט, קריכט אין די געדערים דיר אַ'עדער כאַם!
זוכט די לעכלעך פון די פּוטערבייגל זײַנע אין דײַן בויך
און דעם טאַבעק פון זײַן לוולקע־ציבעקס אַש און רויך —
צי דו שמוגלסט אָקערשט ניט די גרענעץ זיי אַריבער...
אָבער אַז מע לעבט, איז לעבט מען אַלדינגס איבער.
אָנגעקומען, גאָט אַ דאַנק, קײַן טאָטערלאַנד דער קאָטער,
קומט־אַקעגן אים אַ טאָטער.
איז דער טאָטער ווי דער קאָטער שוואַרץ,
נאָר דאָס האַרץ — אַ טאָטערהאַרץ.
קערט ער איבער די צוויי אויגן כאַ'יש
און אַ הוק: „אָטקודעווע? אַ פּראַשפּאָרט מאַ'עש?"
נעמט־אַרויס דער קאָטער פונעם בוזעם
די פּאַפּירן
און דאָס לעצטע ביסל שמירעכץ וואָס געבליבן נאָך צו שמירן
(ס'יאָ, ער זעט דאָך, אַז ער מוז אים,
דעם פּאַרשוין, אַ שמיר טון — אַנדערש וועט ניט גיין!)
און, ווי זאָגט מען, וואַרף דעם הונט אַ ביין —
טוט ער ווי אַ טײַבעלע אַ וואָרקע,
ווערט דער טאָטער מיטאַמאָל שוין ווייכער,
זאָגט ער: עפּשער טו'מיר אַ פּאַררייכער?
טוט דער קאָטער אין די הויזנקעשענעס אַ פּאָרקע,
קריגט־אַרויס די הופקע און דאָס שטיינדל, די מאַכאָרקע,

און מע זעצט זיך אַף אַ שטיין אַנידער,
און מע רייכערט, און מע שמועסט ווי ,,אַלטע גוטע־ברידער —
וועגן בוידעם . . . קלאָץ . . . און גליקן,
וואָס סע לאָזט זיך אויס פון זיי אַ טײַך,
און: ,,ווי טײַער איז מאַכאָרקע דאָ בײַ אײַך?״
און: ,,צי קען מען מײַזלעך מיט דער פּאָטשט פונדאַנען שיקן?
כ׳האָב פאַרבענקט זיך״, זאָגט דער קאָטער, ,,נאָך אַ לאַנד אַ פרײַערן.
שלעכטע צײַטן אָנגעקומען, בייזע יאָרן —
זייען זייט מען ווייץ און קאָרן,
אויפגיין גייען אויף און וואַקסן נאָר די שטײַערן!
און דער הונגער — ווו אַ לאָך און ווו אַ הויז, דאָרט הויזט ער.
איז אַ וווּנדער, וואָס די מײַז צעלויפן זיך ווי פון אַ קלויסטער?
און דערצו: וואָס פאַרן גאַלעך קאָשער — פאַרן קאָטער טרייף!
וואָס אַ טאָג אַלץ ענגער אַפן האַלדז די שלייף!
נעם כאָטש, ניט צו דיר גערעדט, און שטעל־אַרויס אַ צונג!״
,,הער נאָר, דו״, כאַפּט־אויף דער טאָטער זיך, ,,דו ווילער־יונג!
אָקערשט וואָס געקומען און דו ווייסט שוין וואָס בײַ אונדז אין לאַנד!
אַ שפּיאָנדל, האַ? ביסט עפּעס מיר באַקאַנט!
שוין געוועזן אַמאָל, מיר דאַכט זיך, אין מײַן האַנט!״
,,גאָט מיט דיר! איך רעד דאָך פון מײַן קאָטערלאַנד גאָר רעד איך!״
,,עט, איך
קען אײַך! באַבקעס! ווילסט פאַררעדן מיר די ציין?
ניט געטראָפן גראָד דאָס אָרט, ניין, ניין!
אַ שפּיאָנדל ניט קיין האָן און ניט קיין הון!
פע, אַ מיסער פויגל! איך מײַן כויוו צום טאָטערלאַנד מוז טון —
קום, ביסט אַרעסטירט!״
און אָן טײַנעס ער דעם קאָטער אין כאַדגאַדיע אָפּגעפירט.
דאָרט אין איין שעמאַ־ייסראָעל אים געטון זײַן רעכט —
אָפּגעשיקט אים צו דער מאַמע פון די נעכט,
ווו קיין קאָטערלאַנד, קיין טאָטערלאַנד ניטאָ — און דאָך אַזוי ניט שלעכט.

*

און אַדהאַי'עם זינגען קינדער אַף דער גאַס:
אַז געקומען איז פון קאַטערלאַנד קיין טאַטערלאַנד אַ קאַטער,
האָט אים אויפגעכאַפּט דער טאַטער,
מיט אַ האַק אין קאָפּ געגיבן
און אין פּינקעס שוואַרץ אַף ווײַס פאַרשריבן,
אַז — —
און דאָס לידל דרייט זיך ווי דאָס מעשוגאַס
פונעם קאַטער, וואָס ער יאָגט זיך נאָכן עק,
וואָס ער יאָגט דעם קאָטער און וואַרפט-אָן אַף אים אַ שרעק.

רעב קאָלבוּיניק

רעב קאָלבוּיניק איז אַ קיילעוו, זאָג איך אײַך, אַ פײַער!
כ׳ווייס ניט, צי איז דעם באַלבאָס אַזוי געטרײַ ער,
צי איז גלאַט בעטעווע ניט קיין דימעט ער, אַ קײַסן
און האָט ליב צו בײַסן —
מאָלט אײַך ווי איר ווילט, צו שפּאַרן זיך איז ניט קעדײַ.
ווי די זאַך איז — גייט נאָר ווער פאַרבײַ,
ווערט קאָלבוּיניק גאַזלען, איז לעהאַרעג און לעאַבעד!
„האַוו, האַוו, האַוו! אַ גאַנעוו!" שרײַט ער, „באַדקען וויל ער, באַדקען!"
און ער פײַערט, און איז אָפּט אויך מיט אַ ביס מעכאַבעד.
איינמאָל זעט ער פונדערווײַטנס גיין רעב נאַטקען.
(כ׳מוז דערמאַנען אײַך דאָ קוידעם,
אַז רעב נאַטקע פלעג בײַנאַכט גיין זאָגן תּהלים*) . . .
גלײַך אין קלויז פלעג די לעוואָנע אָפּט באַלייטן שטיל אים,
און ער נעבעך האָט פאַרבלאָנדזשעט אַף אַ בוידעם.)
„האַוו!" שרײַט־אויס קאָלבוּיניק, „סקאָצל קומט, אַן אוירעך!
אָט צוליב אַזוינע אָרכים שטיי דאָך דאָ בײַם טויער איך!
זעט אַ גענגעלע! אַ נעבעכל, אַ טאַם!
מיינסט ווייסט מיך פאַרגאַנוועגען מיסטאַם?
כ׳זע! איך זע דיך, באָכערל, גאַנץ גוט!
מיך פאַרגאַנוועט קיינער ניט — זאָל זײַן מיט טויזנט קעפּ ער!
וואַרט, דו בוידעמקריכער! הינערשלעפּער!
אָפּגיין ווערסטו באַלד בײַ מיר מיט בלוט!
כ׳בין אַ מייוון! . . מיינסט אַוואַדע, אַז מיך אויכעט
קויפט מען אָפּ מיט שויכעד?

---

*) „טילעם"

מיט אַ שטיקל פלייש, אַ מאַרעכבײנדעלע, אַ בולקע?
מיך אָפּקויפן? מיך?! לוי־יוצלעך!
גייסט־אַוועק? ניט, פליט פון דיר באַלד פּיצלעך!"
„ע!" זאָגט נאַטקע (ער אַ ליולקע
שוין אַן אויסגערייכערטע, אַ מייוון אַף אַ טשאַד).
„שאַט, רעב קאָרעוו, שאַט!..." —
און ער וואַרפט דערווײַל אַ פעטן ביין.
„גיי דיר!" שרײַט קאָלבוּיניק, „כ'וויל ניט! ביין, ביין, ביין!"
און ער ריזעט די בעווײרע מיט די ציין!

דער באַל־מוסער

ווער נאָך קען ביים האַרצן טון אַזוי אַ נאָג?
אַ שטילער, הייסער זומערטאָג.
ליגט זיך האַווטשיק ביי דער טשערעדע אין פעלד,
אָנגעדראָדלט, ברויגעס אַף דער גאַנצער וועלט.
עפּעס קריכט די צייט זיך נאַריש, לעפּיש, פויל . . .
ער שוין מיד צו כאַפּן פליגן מיטן מויל . . .
(אוי, ניטאָ די יאָרן, ווען געטאַסקעט האַווטשיק האָזן
און געשלעפּט די פוקסן ביי די עקן!)
און די שעפעלעך — אַ סימכע! שפּרינגען אַף די׳ גראָזן,
היפּען, וויוועון! . . טוט דאָס אים ניט שמעקן.
ס׳נודעט אים, לאַנגווייליק . . .
שקאָצים! וויל ער זיי די ציינדעלעך כאַטש מאַכן הייליק.
און ער נעמט די שעפעלעך צום גלידערן, זיי זאָגן מוסער —
אַלע זינדיק זיי מעסוקן, קיינעם ניט געפינט קיין זכוס ער.
„וויי צו אייך, הולטייעס! צו אייער קאָפּ אַ בראָך!"
זיך צעפייערט האַווטשיק מיט אַ מיינע־לאָשן, מיט אַ ברען.
„כ׳קען אייך! אַלע איי׳רע כעפציעלעך און סטוטשקעלעך! איך קען!
אַזעס־פּענימער, גאַנאָווים איר! און נאָך און נאָך!
איי׳רע צאַפּעס מיט די בערדלעך — ווילע יונגען!
טאַנצן פּאָרויס! אָדער זוכן גייען זיי מעשי׳כן
און אין פּאַנסקע האָבער גאָר פּאַרקריכן! . .
און די פרומע ציגן איי׳רע אין די פרעמדע גערטנער נאָר געשפּרונגען!
העפקער! הוליע קאַבצנדל! שלך שלי!*)
און דערצו נאָך, פון פאַרנאַכט און ביז גאַנצפרי,
פון גאַנצפרי און ביז פאַרנאַכט
מע, מע, מע און מע, מע, מי!
לידלעך! . . שיינע לידלעך אויסגעטראַכט!

---

*) „שעלאָך שעלי"

בענעמאָנעס, אונדזער פֿאַסטעך נאָך אַ גוטער!
ניט אומזיסט דאָך אײַך צו קוילען אַלפּי דין איז מוטער!*)
עסן שאָף
פֿאַסקעט-צו אַפּילע דאָך דער ראָוו!
טשוועו טוט, הולטײַעס! קאָפּ אין דר׳ערד זיך פֿאַר די זינד!
גנעמט צום האַרץ זיך און פֿאַרבעסערט כאָטש פֿון ציינד!
זײַט באַלבאַטיש, לײַטיש, פֿײַן און ווויל — זײַט הינט! . .
נאָר אומזיסט! צו ווּעמען רעד איך? האַוו, האַוו, האַוו! צום ווינט!"
„רײַס ניט אָפּ דאָס האַרץ זיך, האַוטשיק! לאָז געמאַך!"
שפּרינגט אַ צאַפּ אַקעגן אים אַרויס.
„נו, צעדאַבערט זיך אַביסעלע! אַרויס ער מיט דער שפּראַך!
שווײַגסט? ניט, זאָג איך, האַוטשיק, אויס!
זאָלן וויסן דאָס פֿון קליין ביז גרויס
און פֿון גרויס ביז קליין,
וויסן זאָל אַליין דאָס האַוטשיק אויכעט —
האַוטשיק ניט קיין מוירע פֿאַרן שויכעט,
ווײַל ער איז אַ טאָמעניק, אַ טרייפֿע ביין;
אונדז עסט יעדער פּרומער, פֿרעסט ווי אַ מאַגייפֿע,
ווײַל מיר זענען קאָשער, ניט כאָלילע טרייפֿע!"

*) „מותר"

רעב לוי־יִצחק

רעב לוי־יִצחק איז אַ הונט, וואָס דאַווקע
ליב צו טון אַ האַווקע.
נאָר וואָס דען־זשע? אַז מע גיט אים מעסער,
נעמט ער אָן אַ מויל מיט וואַסער.
קומט אים עפּעס דען דערפֿאַר?
ס׳איז אַ כּלל פֿון טאָמיד אָן:
לעולם — נעם,
תּקח*) — ווײַטער מאָן!
און דערום, לעמאַן־האַשעם,
זײַ־זשע, ברודער, ניט קיין נאַר —
ווייס:
לכּל עת!**)
און אויב האַווקען איז אַ ביין — אַמאָל דאָס שווײַגן פֿלייש.
(איינמאָל דאָס אַ קיילעוו!
ער פֿאַרבײַסט אַ לאָשנקוידעש־ווערטעלע מיט כיילעוו!)
טרעפֿט זיך איינמאָל שפּעט בײַנאַכט אַ שאָדן:
אָפּגעריסן עמעצער די לאָדן
און אַרויסגעטראָגן ביזן לעצטן פֿאָדעם —
און גיי לאָד אים
צום אונסאַנע־טויקעף!
אינדערפֿרי, דער הונט, ער עפֿנט נאָר דאָס אויג אויף —
מיט אַ טײַנע קומט צו אים דער שטעקן:
„קיילעוו, ווו ביסטו געווען? דײַן אַרבעט איז דאָך וועקן!
האַווקען, בילן, בײַסן, שרעקן!״

---

*) „לעאוילעם טיקעך״
**) „לאַקויל אייס״

שרײַט דער הונט: „מה פשעי?*)
שרעקלעך! אַלעמאָל בילבולים פרישע!
גוואַלד! וואָס וויל מען פון מיר האָבן, וואָס? וואָס וויל מען?
איך בין ניט קיין בילעם, ניט קיין בילמאַן —
איך בין אַ געפילמאַן!
פיל איך טאַקע אַ פאַרדראָס!
ווי איר זעט אַ הונט מיך — אָפּגעטון די מײַסע זיך צו כצאָס,
כאַפּ איך אויף זיך, זע איך וואָס איך זע . . .
טראַכט איך מיר: הלילה — אָט דאָס נעכטעלע, הזה**) —
אָט דאָס דאָזיקע — פאַרענדערט! גאָר קיין לײַלע נישט!
עפּעס דאָ אַ כאַפּעניש, אַ פּאַקעניש, אַן אײַלעניש!
און גאָר דורכן פענצטער! . .
זאָגט דאָס האַרץ מיר: קענסט דיר שלאָפן, קענסט דיר!
זעסט ניט — ניסים פון מיצראַיים!
יידן פּאַקעווען זיך, אײַלן זיך, קײַן ירושאָלאַיים
מוזן קומען זיי אינגיכן . . .
וואָס־זשע ווילסטו? זאָל איך האַווקען, בילן אַף מעשי׳כן?
שיין פאַר מיר? אַ קאָוועד?
וואָס בין איך, אַ גאַסנהינטל? אַף די מיסטן אויפגעכאָוועט?"
איז דאָך דאָס אַ טײַנע קלאָר ווי טאָג.
ווייסט אָבער דער שטעקן איינס: לוי־יעכרעץ טײַנעט — שלאָג!

*) „מאַ פּישי"
**) „האַלײַלע האַזע"

דער קײלעוו

אײנמאָל נעמט דאָס פערד זיך פאַרן קײלעוו קלאָגן
אַף דער בײַטש און אַפן וואָגן —
אויסגערעדט דאָס ביטער האַרץ זיך:
אַז דער הײַנט — אַ פײַנט, דער נעכטן
איז אַוועק מיט שלעכטן,
און פון מאָרגן וואָס דערוואַרט זיך?
עפשער שוין אַ נײַע צאָרע פונדערווײַטנס שאַרט זיך...
— ווײסטו, מאַכט דער קײלעוו, וואָס איך וועל דיר זאָגן:
פרעמדע צאָרעס קען מען איבערטראָגן!
און אַפילע באַרגאַרויף צו שלעפּן זײ ניט שווער!
— יאָ, איך ווײס... דער קאָפּ פון צאָרעס כאָטש צעטומלט —
אָבער ווײסן ווײס איך, יאָ... אַנומלט
איך געפירט אין שעכטהויז לעמעלעך אַ צען און עפשער מער.
די אומגליקלעכע אַ גאַנצן וועג געמעקעט... מיר דאָס האַרץ
צעריסן...
איך געשלעפּט זײ באַרגאַרויף — די בײַטש געשמיסן!
און אַרויפגעשלעפּט איך טאַקע זײ אַהינצו...
— און מע לאָזט אַהין אויך הינט צו?
— הינט? כאָלילע! הינט פון דאָרט מיט דרוקעס!
— ווער דערהאַרגעט! (רײַסט זיך אָפּ אַף אים דער קײלעוו) מיטן קאָפּ
אין דר׳ערד!
קוק עס אָן נאָר, קוק עס!
ווו פּאַרנאָסע — נאָר פאַר פערד!

די קאַץ און דער הונט

מומע פרומע
איז צווישן אַלע פרומסטע קעץ אַ פרומע.
ז׳איז כּון די צידקאָניעס פון ׳ענע,
וואָס זיי ווייסן אויסנווייניק אי דעם „צענע־רענע״,
אי דעם „קאַוו־האַיאָשער״.*)
אַף די אייגעלעך שפּאַקולן, אַפן קעפּעלע אַ טשופּעק,
עסט נאָך פּוטער ניט קיין פלייש — מעג זײַן אַפילו פּופּעק,
און דאָס פּיסקעלע אַרומגעוואַשן קאָשער.
פּייסעך טראָגט זי אַף די פּיסלעך זעקעלעך,
ווײַל זיי זענען כאָמעצדיק — געטרעטן דאָך אַף ברעקעלעך!
און זי שיט מיט ווערטעלעך, מיט פּסוקים ווי מיט באָב:
„ווילסט זיך אויסשמירן — גיי־צו צום פעטן טאָפּ!״
„אַז דער ײיצער־האָרע קומט — אין בייס־האַמעדרעש שיק אים!״
„דער באַלדאָווער — פּאָרויס זיס און נאָכדעם ביטער!״
און „לא תחמוד!״ און „לא תקום!״
און „לא תטור!״**)
קורץ — אַ מאַנצבילקאָפּ. אַף איר געזאָגט דער ראָוו רעב כּאַי׳מל,
אַז געמעגט זי טראָגן ניט אַ טשופּעק, נאָר אַ שטרײַמל!
זיצט די מומע פרומע איינמאָל שאַבעס פאַרן פעטן קוגל
און באַלעקט זיך מיטן טשאָלנט, מורקעט זמירעס,
ערשט — דער קיילעוו: „מומעשע, ׳ענץ ביינדעלע – שענק מיר עס!״
ווי־זשע קומט אַ הונט צו טשאָלנט? ער צו אוינעג־שאַבעס דען
מעסוגל?

---

*) „צאינה וראינה״ — „קב הישר״
**) „לוי סאַכמעד״ — „לוי סיקעם״ — „לוי סיטער״

זאָגט די מומע: „שוין, צי שפּעטער?״
„שוין!״ מיט אַ ראַכמאָנעס־פּענעמל זיך בעט ער.
„זאָג-זשע צוויי מאָל, אַז דוווילסט!...
ניין, איך גלייב דיר ניט — דו בילסט!״
זעט דער הונט, אַרויסגעוואָרפן דאָך די רייד,
טראָגט ער אָפּ זיך, קריצנדיק די ציינער שטילערהייט.
מאָרגן
קומט די קאַץ צום הונט אַ שטיקל פּוטער באָרגן.
זאָגט דער הונט איר: „אַ קאַבאָלע פון מײַן מוטער —
פּײַנט די קאַץ אי קעז אי פּוטער!
דאָס איז נומער איינס. און נומער ערגער,
זאָגט אַ ווערטל: ניט באַגעגענען זיך בערגער,
אָבער קאַץ מיט הונט באַגעגענען זיך... בײַ אַביינדל...
שאַבעס...״
צינדט זיך אָן די מומע, ציט די הענט אויס מיט אַ ציטער,
הויקערט-אײַן זיך, מ'ויקעט ביטער:
„קיילעוו! ראָשע! סטײַטש, לאָ תקום! סטײַטש, לאָ תטור!״
„טראָג זיך אָפּ, מאַכשייפע! גיי צו מײַנע באַבעס!״
בילט דער קיילעוו, האַווקעט, ווײַזט די ציין. מאַכשאָוועס —
בײַם באַרג סיני ניט געשטאַנען זײַנע אָוועס!

שוועבעלעך

אין אַ פינצטער קערקערל, ווי הערינג אין אַ פעסל,
איינער פאַרן אַנדערן אַ פּרעסל,
ליגט אַ מאַכנע צינדערלעך:
ברען־ און היצקעפ־קינדערלעך,
שוועלבעלעך מיט שוועבל־שנעבעלעך —
שוועבעלעך.
— עך, אַ וועלט מיט וועלטלעך! (היצט זיך איינער)
ווו אַ רייִנער, שטיקט אים אַ געמיינער!
לאָזט מיך! לאָזט! איך בין אין קאַס!
קום־אַרויס איך, צינד איך אָן די גאַס!
— קוקט, אַ מאַכער! ווייַטער פון דער גאַס ניט גייט ער!
(רופט זיך אָן אַ צווייטער)
איך אין פייַער לאָז־אַוועק די גאַנצע שטאָט!
איינס נאָר מיר אַ שאָד —
ס׳גרויסע ראָד
פונעם ברונעם לעבן באָד!
גייט־אַוועק דאָס מיטן רויך, איז ווו־זשע וועט דער לעץ
דרייען שוין בייַנאַכט די שוואַרצע קעץ?
יאָ, מע דאַרף אַ טראַכט טון — עפשער גאָר דאָס ראָד אים לאָזן?
זאָל דער ווינט אַהין קיין פונקען נאָר ניט בלאָזן!
— ניין! ניט לאָזן! גאָרניט לאָזן! (שרייַען אַנד׳רע)
אַ קאַפּאָרע! שאַנדרע־באַנדרע!
זאָל די גאַנצע וועלט זיך ווי אַ כאַזער סמאַלען!
זאָל פאַרכאַפּן זי אַ פלאַם־יאַם אַ צעברויזטער!
און אַז אויפכאַפּן וועט זיך דער קלויסטער,
זיך צעיאַלען

און צעקלינגען מיט די טפּילעגלעקער,
זאָל דער לעץ אים פונעם פּלאַם אַרויסשטעלן אַ לעקער,
און די שוואַרצע קעץ
פון די בײַכער זײַלן רויך אין פּאָנעם אים אַ זעץ!
אוי, ווי עפּנט מען — ווי עפּנט מען די טיר שוין!
לאָזט אונדז, לאָזט! אוס גאָטעס ווילן! מיר שוין ווײַזן! מיר שוין — —
און די טיר, זי עפּנט זיך. מע לאָזט, מע לאָזט זיי וואַנדערן
איינעם נאָכן אַנדערן,
און זיי גייען אָנגעזאַפּטע מיט פּאַרדראָסן,
און זיי צינדן — וואָס-זשע? פּאַפּיראָסן!

*

ווי געפעלט אײַך דאָס, גענאָסן?

די נאָדל און דער באַנוול

ביי דער אַרבעט זיצט דאָס שניידערל רעב זיינוול,
ס׳לויפט די נאָדל גיך, גיך, גיך,
נאָך איר שלעפּט זיך נאָך דער לאַנגער באַנוול,
און די נאָדל שטעכט און בייזערט זיך:
„זאָג מיר נאָר, דו שוואַרצער שלעפּער, לאַנגער עק,
וואָס זיך אָנגעטשעפּעט דו אין מיר? אַוועק!
אַלערליי פּאַראַן, אַפּאָנעם, שלעק!
נאַ דיר, נו! וווהין איך גיי, ער נאָך — אַ שאָטן!״
זאָגט דער באַנוול: „נאָדל, האָסט אַן אוי׳רל, הער!
וואָס בין איך? אַ פעדעמל, ניט מער!
דו ביסט שטאָל און אייזן, פון די שפּיצעכיקע דראָטן!
דו דער איקער —
נאָר אין מיין זכות האַלטן זיך די שטיקער!״

*

מיט דעם מאָשל, ווילט איר וויסן, וואָס איך מיין?
כ׳וועל דאָס אייך ניט זאָגן, ניין!
זאָל דער באַנוול שלעפּן זיך אַליין!

העמדער

הענגען העמדער אַף אַ שטריק,
און מע הוידעט זיך,
און מע סוידעט זיך,
און מע רעדט פון פּאָליטיק.
— אַלפּי לאָגיק
האַלטן מיר שוין בײַ מלחמת גוג ומגוג*)
(זאָגט אַ מאַנצבילהעמד און וואַרפט מיט בײדע אַרבל).
— יאָ, געטראָפן ווי אין קאַרבל!
(ענטפערט אים אַן אונטערהעמד אַ שלימעזאַלניק)
קײנמאָל ניט געווען די וועלט אַזוי אונטערן פּראַלניק!
קײנמאָל ניט געגרײכט אַזוי דאָס הײסע וואַסער ביזן האַלדז!
אַז מיר צוגעטרעטן, איך געמײנט — אַ סאָף! איך ענדיק!
— קײנמאָל . . . קײנמאָל . . . אָט דאָס הערט מען פון אים שטענדיק.
קומט צום פּראַלניק — אַלץ דאָס אײג'נע, אַלץ!
קויטיק שוין דער פּיזמען!
(שפּעט אַ מײדלהעמד, אַן אויסגענײטס, מיט שפּיצעלעך,
כאַפּנדיק פון ווינטל קוצעניו־ און מוצעניו־קיצקיצעלעך.)
— נו, אַוואַדע, יאָ, דערויף דאָך איז מען העמדער איז מען . . .
(ציטערנדיק-פלאַטערנדיק זאָגט אַ העמד אַ זאָקן)
שאַ'עך? פאַרן פּראַלניק זיך דערשראָקן?
בע! אַזוי דער סײדער־אוילעם —
זינט די וועלט שטײט, שלאָגט מען העמדער שלאָגט מען . . .
— נו, וואָס זאָגט מען?
גוילעם!

---

*) „מילכעמעס גאָג אומאָגעג"

שמאַטע־שעבעשמאַטע!
נעם אַ נאָדל, נעם דיר
און ניי־צו דיר אָפּן סאַמע מויל אַ לאַטע!
אייביק, מיינסטו, וועט די וועלט צעטיילן זיך אַף פּראַלניקעס
און העמדער?
— שטילער! שטיל! באַהיט, אוי, זאָל מען ווערן!
אי־נו־אָ, דער פּראַלניק קען, כאָלילע, נאָך דערהערן!
פּלויט האָט אויערן, ווינט — אַ טעווע צו צעטראָגן!
— וואָס־זשע קען דער פּראַלניק טון אונדז? מער ווי שלאָגן?
און דאָס טוט ער סײַוויסײַ דאָך!
— פּי, אַ מויל!
— פּײַערדיקע קויל!
— אוי, איך שרײַ, איך שרײַ דאָך:
אַז דער פּראַלניק שלאָגט, איז דאָ דערצו אַ גרונד!
ניט דער שטעקן שולדיק, נאָר דער הונט!
— הערט איר: שמײַסן איז נאָך ווייניק, שמײַסן!
איר געדענקט נאָר וואָס איך זאָג אײַך — שטיקער וועט מען רײַסן!
— גאָט מיט דיר! אַל תּפתּח פּה!*)
— זע נאָר, ווי דער שמאַדניק האַלט זיך בײַ די זײַטן, זע! — —
און אַזוי־אָ איצט, אַזוי געוועזן מיט טויזנט יאָר צוריק:
הענגען הענגט מען אָפּן שטריק,
און מע וואַרפט זיך, און מע רעדט פון פּאָליטיק!

---

*) „אַל טיפטעך פּע"

האָדל און די נאָדל

ווען העלדן
זאָל דער טומלדיקער טאָג אונדז מעלדן,
פויקן און טרומייטערן;
און פאַרנאַכטצו, ווען דער ערשטער שטערן
פּיבערט שטיל און עלנט אַפן שטערן
פון דער וועלט, און אונדזער מאַמע ערדס באַלייטערין,
די לעוואָנע, קומט-אַרויס אַן אויסגעוואַשענע אין טרערן —
צייַט איז צו דערציילן וועגן האָדעלען דער נייטאָרין.
האָדל
רוימט אַ סאָד אין אוי׳רל פון איר נאָדל.
זעט: מיט אַ פאַרשפּיצטן פאָדעם צילט זי גלייַך אין אוי׳רל —
ס׳איז דער שוואַרצער פאָדעם פון איר גורל.
איז די נאָדל אָבער דאָס ניט גערן,
פּאָשעט — וויל ניט הערן.
נו, איז זאָל שוין זייַן דאָרט וואָס זאָל זייַן —
אַז סע גייט איר גאָר אין אוי׳רל ניט אַרייַן!
האָדל פּילט דאָס נעבעך, פּילט,
דאָך אַזוי, זי בעריעט זיך, זי צילט,
נאָך אַמאָל און נאָך, און טאָרעט,
בעט די נאָדל: נו שוין! נו-זשע!.. און פאַרפינצטערט און פאַרצאָרעט
גראָבט זי אייַן אין איר זיך מיט די אויגן און מיט אַלע גלידער.
און די נאָדל? קידער־ווידער,
וויצלט-שפּיצלט,
פריילעך! האָדלס שוואַרצער פאָדעם קיצלט זי גאָר, קיצלט!

שטיפט זי, שלאָגט זיך קלוימערשט מיט דער דייע:
אָט-אָ זי געכאַפּט דעם פּאָדעם, ערשט — ער ליגט איר אין דער
לינקער פּייע!
פון געדולד קען דאָס אַרויסברענגען אַפילע דאָך אַ מאַלעך.
ניין? און האָדל מער ניט ווי אַ מענטש — מיט נערוון —
ווערט זי בלאַס ווי קאַלעך
און שיסט-אויס: „אַ בראָך אַף דיר! אַ כערבן!
און אַף אַלע נעדעלעך, די שפּיצקעפּ, וואָס זיי שטעכן!
ווי איר ליגט מיר אין די זייטן!
ווי סע וויל זיך מיר אַף אַלע אייך אַ שפּיי טון
און אַף ברעקלעך אייך צעברעכן!
איר די קליי מיר אויסגעצויגן פון די ביינער!
נאָר וואָס קען איך טון דען? קריצן מיט די ציין נאָר!..
ניין! דאָס קען איך אויך ניט, ניין!
וואָרן ווו — ווו זענען מיינע ציין?
מיינע ווייסע ציינדעלעך די שטאַרקע?
אויך די נאָדל אויסגעגראָבן זיי אַ קאַרקע!
נו, איז ניט קיין ווייסע ציינדלעך, האָב דערפאַר איך ווייסע האָר —
כאָטש זיי זענען שוואַרץ געווען דאָך, שוואַרץ צו אַלדי שוואַרצע יאָר!
איצטער זילבער! איך בין רייך אין זילבער גאָר!
נאַ דיר זילבער אַף מיין קאָפּ!
זילבער . . . וואָס אַף מיר זיך אָנגעזעצט? אַראָפּ! אַראָפּ!
גאָט, אַ שניי אַף מיר געלייגט זיך און ער ליגט!
ווער נאָך אים געשיקט?"
און זי רייסט דאָס זילבער פון איר קאָפּ, זי פליקט.
און דאָס נעדעלע, סע קוקט און טראַכט:
הער אַ מייסע! ניט געוווּסט אַליין גאָר פון מיין מאַכט!
און סע זאָגט צו שער און אייזן:
„זעט נאָר, כעוורע, וואָס אַ נאָדל קען באַווייזן!"

אַ מײַסע אָן אַ סאָף

הערט אַ מײַסע:
ליגט אַן אײזל אונטער שווערער מאַסע,*)
איבער אים רעב כאַיִעם אַרבעט מיטן שטעקן —
כאָכמע, דאַכט זיך, וויל ער אין אים וועקן.
און דאָס אײזל רויק, נעמט יִעסורים אָן בעאַהאַווע —
הערט איר, דאַכט זיך מיר אַף קלעפּ דאָס אײזל אַ באַל־טײַווע!
— ע, גענוג שוין, גאָט מיט אײַך, רעב כאַיִעם!
אַ ראַכמאָנעס! אַ בעהיימע — צאַר־באַל־כאַיִים!
(גײען לײַט פאַרבײַ און זאָגן.)
— אַז אַן אײזל וויל ניט אויפשטײן, שרײַט רעב כאַיִעם, מוז מען שלאָגן!
אַדעראַבע, עפּשער וואָלט איר אַף די פּלײצעס אים געטראָגן?
— איר דעם שטעקן וועט צעברעכן! — נו, וועל נעמען איך אַ נײַעם!
און ער קלאַפּט דעם אַקשן, קלאַפּט געטרײַ אים.
— אײזל, אַקשן, וואָס־זשע ליגסטו? (פרעגט מען)
נו, שטײ־אויף! אינמיטן גאַס זיך ניט צעלײגט מען!
און דאָס אײזל זאָגט:
— ניין, איך וויל ניט! אַף לעהאַכעס! ווײַל ער שלאָגט!
און אַזוי אַלץ אָן אַ סאָף:
שטייט ניט אויף דאָס אײזל, ווײַל מע שלאָגט עס, און מע שלאָגט עס, ווײַל סע שטייט ניט אויף.

*) „משא״

געשיכטע

זיך געזעצט דער קאָטער שרײַבן די געשיכטע פון זײַן פאָלק.
ניט קיין שלעכטע זאַך, און ווינטשן מעג מען אים דערפאָלג.
ניין? פאַרוואָס? באַשער*)
מיט קיין מײַסעביכלעך האָדעוועט מען ניט קיין נאַשער?
הײַנט די כעוורע יונגוואַרג ליב דאָס לעבן צו פאַרברענגען
און קיין צײַט ניטאָ זיך מיט דער פאָלקסגעשיכטע צו באַקענען?
דראַפּען דאַרף מען זיך אַף גלײַכע ווענט?
זיך אַרומשלעפּן און מוּיקען לידלעך דורך די נעכט?
טאָרען פונעם זאַלצבערעטל ווי ראַבטשיק אונטער ד׳הענט
און די דינסט זאָל ברעכן ביינער און דערצו נאָך זײַן גערעכט?!
שנעקעס! קורצער סייכל און נאָך קערצער דער זיקאָרן!
זאָלן זיי זיך לערנען, זאָלן זיי כאָטש וויסן,
אַז דאָס לעבן ניט קיין שפּילעכל — אַ האַרבער ביסן,
און דער סייכל איז אַ קריכער, ער קומט־אָן ערשט נאָך די יאָרן!
און בעכיין, דערפאַרונג ניט קיין קלייניקייט, סע קומט צונויף,
זייער וויכטיק . . . און אַכויף
מוז אַלדינגס פאַרצייכנט ווערן, למען ידעו**)
וויאַזוי אַמאָל געלעבט, געקעמפט אַ זיידע,
און ניט מיינען זאָלן זיי, די שנעקעס,
אַז דאָס לעבן הייבט מיט זיי זיך אָן ערשט און מיט זיי שוין גייט־אַוועק עס!
און געזאָגט — געטון. בײַנאַכט, ווען יעדער
שלאָפט, געפאַקט פאַפיר און טינט־און־פעדער,
און זיך צו דער אַרבעט גלײַך אַ נעם:
קוידעם־קאָל אַ וואַרף־אַרויס אַ „באָרוך האַשעם״

*) „באשר״
**) „לעמאַן ויידו״

מיט אַ דריי אַהין, אַהער, אַריַין, אַרויס,
און פֿאַרשפּיצלט מיט אַ שפּיץ — אַ לעבעדיקע מויז.
נאָכדעם כּך וכך לבריאת עולם, סעדרע, דאַכט זיך מיר, „מקץ"*)
און דערנאָך מיט גרויסע אויסיעס: „געשיכטע פֿון די קעץ".
וויַיטער — סטאָפּ!
ווי דער רויך פֿון קוימען אַלץ אַרויס פֿון קאָפּ!
עפּעס פֿאַר די אויגן ווי אַ זיפּל, און ווי דורך אַ כאָלעם
ברעקלעך, שטיקלעך, פּיצלעך —
אָט אַ סנאָפּ זיכרוינעס־זאַנגען און אַ נעפּל אַף די שפּיצלעך . . .
וואַרפֿט ער זיך צום קוימען, קושט ער זיבן מאָל אים,
זעצט־צוריק זיך, דרייט דעם עק און שפּיצט די אויערן,
בייַסט די פֿען און, צום באַדויערן,
ווו און וואָס און ווען — פֿאַרגעסן! נאָר זיכרוינעס בלאַסע,
אָן געשטאַלט, אָן לעבן. שלעכט, כאָטש טו דיר אָן אַ מיַיסע!
פּלוצים מיט די אייגעלעך אַ בליץ ער,
הענדעם־פּענדעם זיך מעיאַשעוו און אַ מאַך בעקיצער:
נעגל — פֿייגל —
שוואַרצער קעלער און גרין אייגל —
ציינדלעך — ביינדלעך —
פֿרומע קיינדלעך —
גראַבל — קראַץ —
פּוטער — קאַץ —
מיַיזלעך, בלוט און קאָטער —
תּם־ונשלם**) די היסטאָריע — און פּאָטער!

*) „קאַך ועקאַך ליבריאַס אוילאָם" — „מיקעץ"
**) „טאַם ווענישלעם"

רויך און כמאַרע

אָט וויל איך אַרויף מיטן רויך,
אָט וויל איך אַראָפּ מיט דער כמאַרע,
און אויפלייזן זאָל איך זיך אויך
אין טרערן אַף גראָזן אַף דאַרע!

ד־ער קוימען

הייבט גערדאַנקען און גערדאַנקעלעך דער קוימען,
קרײַזלט זיי און דריידלט זיי אַרויף אין ווײַטע רוימען.
אינדעם טראָגט עס אָן אַ כמאַרע,
מאַרע
שוואַרצגעדיכטע רויכעס,
מיט אַ בליץ, אַ קנאַל, סע שפּאַלט אַזש מויכעס.
זאָגט דער קוימען: ניט אומזיסט שטיי הויך אַזוי איך —
מײַן גערדאַנק צעטרייסלט וועלטן מיט זײַן קויעך!

דער רויך און די כמאַרע

ווי אַ נאַקעטע נעשאָמע, וואָס פון גוף שוין אויסגעהוילט זיך,
שלינגלט זיך און רינגלט זיך און וויקלט זיך און קנוילט זיך
שוואַרצער רויך פון קוימען
העט אַרויף, אַרויף, אין הויכע בלאָע רוימען —
שלינגלט זיך, ביז ערגעץ אין אַ הימלגעגנט
מיט אַ כמאַרעלע באַגעגנט.
— גאָט מיט דיר! וווּהין? אין יענעם
גענעם?
סאַראַ נאַרעלע!
(זאָגט דער רויך צום כמאַרעלע)
מיך פרעג! אָקערשט קום איך דאָך פון דאָרט! אַ בוים געווען!
ווי געוואַקסן איך, געבליט — געמעגט שוין זען!
גאָט און לײַט געפרייט! אין קיל געדיכטן שאָטן
מידע איך באַהאַלטן, זאָל די זון ניט בראָטן,
זיי אַ פרײַנד געווען, אַ מאַכניס־אוירעך —
ניט קעדײַ, איך זע שוין, איצט באַדוי׳ר איך!
פאַר ליבהאַרציקייט באַצאָלט מיט וואָס? מיט אײַזן און מיט פײַער!
היט זיך, ווי דאָס לעבן איז דיר טײַער!
קום מיט מיר אַהין, אַהינצו צו די שטערן —
ריינע פונקעלעך, נעשאָמעלעך אָן גופן!
זע נאָר, ווי זיי ווינקען, ווי זיי רופן!
— ניין! איך קען נישט! איך — אַראָפּ, אַראָפּ איך מוז מיך קערן!
— קינד, פאַרוואָס? — איך האָב אַ האַרץ מיט בליץ, מיט דונער און
מיט טרערן!

דער קלוגער טײַך

ס׳האָט אַ טײַך אַמאָל געזאָגט:
„אַלע טײַכן נאָר אין יאַם — אַהין זײ טראָגט!
איך פֿאַרשטײ ניט: קלײַן די ערד זײ? װײניק װעגן?
װײניק ערטער דאָרשטיקע, פֿאַרגעסענע פֿון רעגן?
ערטער, װוּ מע לעכצט, מע כאַלעשט נאָך אַ טראָפּן װאַסער?
זאָגט: ניט גלײַכער דען אַהינצו, װי דעם יאַם צו מאַכן נאַסער?
אַז מע לױפֿט, מע ראַשט! ניטאָ קײן צײַט זיך צו פֿאַרטראַכטן
אַף אַ רעגע כאָטש אין די בײַנאַכטן
אין די שטילע!
ניין! איך גײ מיט זײ ניט! איך — איך זוך אַ נײַעם דרעך!
און איך שװער אײַך:
װען דער יאַם־האַגאָדל, ער אַפּילע,
ער אַלײן שיקט זאָגן מיר: איך װעל דיר
אַלע מײַנע פּערל שענקען, די סירענע
יענע,
װאָס געפֿעלט דיר —
אײנמאָל ניין! אױך אים װעל איך אױסמײַדן!“
און דער טײַך גענומען שלענגלען זיך און שנײַדן
איבער װעלדער,
װיסטע פֿעלדער
און יאַבאָשע פּיקלדאַרער.
(ניט קײן נאַר ער!)
בראָכעס אים באַגעגנט װוּ נאָר ער געקומען,
יעדעס שטײנדעלע מיט פֿרײד אים אױפֿגענומען.

נאָר דער טײַך, ער קרימט זיך אַלץ נאָך — ווײַטער, ווײַטער
שנײַדט ער,
זוכט אַלץ נײַע וועגן, נײַע, ביז ער איז פֿאַרפֿאָרן
אין דער הייסער מידבער פּאָרן,*)
וווּ די זון ווי קאַלעכאויוונס פֿלאַמט.
און וואָס איז געוואָרן?
פֿרעגט דאָס הייסע זאַמד!

*

זוכן נײַע וועגן — יאָ, מאַכטייסע;
נאָר פֿאַרקריכט ניט אין מידבאָריעס קיין הייסע!

*) „פּרן"

רעב כאַמאַריש

„אַך, אַ וועלט, אַ וועלט!
דעם נאָר גוט איז, וועמען סייכל פעלט —
דאָס אַן אַלטער קלאַל!"
שרײַט דאָס אייזל אַף אַ קאָל
פון אַן אוגערקע אַ זוי'רער.
„איך וואָלט דאָך געווען אַ ראָוו אין שטאָט, אַ בוירער,
איך אַזויצוזאָגן
וואָלט די גאַנצע שטאָט אַף מיר געטראָגן!
כ'האָב, נישקאָשע, גאָט צו דאַנקען, ברייטע פלייצעס
און אַ פולן בויך מיט אייצעס
און האַמצאָעלעך און פלענער,
איינס פון אַנדערן כאַריפעסדיקער, שענער!
ווען לעמאָשל מע וואָלט מיך געהערט,
וואָלט איך זאָגן:
שוין גענוג די פערד געשלעפט דעם וואָגן,
איצט פאַרקערט —
זאָל דער וואָגן שלעפן שוין די פערד!
צי איך וואָלט אַ נײַ געזעץ גאָר אויסגעפלאָכטן:
הכל שוחטין!*)
ווער סע וויל, דער קוילעט! פרײַ בײַ אונדז!
שויכעט זײַן מיר אויך אַ קונץ!
כיק אַ העלדזל, פליק אַ פעדער —
דאָס קען יעדער,
אי דער קאַצעוו אי דער בעדער!

---

*) „האַקל שאָכטן"

און אַפּשיטע שוין דער הונט! איז וואָלט איך אָנגעבאָטן
יעדן הונט אַ שטריימל מיט אַ טאַלעס־קאָטן:
זייַ אַ שויכעט, קיילעוו, נאָר ניט זייַ קיין בילער!
וואָלט געוואָרן אַף די גאַסן שטילער.
און קעדוימע.
אָבער גיי צערייַס זיך, הירזשע אַני שלמה,*)
אַז —"
„בענעמאָנעס, רעדט ווי אַ באַרדאַס!"**)
רייַסט אים איבער ציפּעך־פּליקעך,
אַ קודלאַטער הונט אַ פּיקעך.
„גאַנץ גערעכט מיר דאַכט זיך,
אָבער לאַכן פאָרט סע לאַכט זיך.
האָט ניט קיין פאַריבל, רעב כאַמאַריש —
קענטיק, ביז די כאָכמע קומט צום אייזל, ווערט זי נאַריש!"

*) „אַני שלוימע"
**) „בר־דעת"

תיקו*)

וואָס סע קען פאַרגלוסטן זיך אַ לעמעך —
האָט פאַרוואָלט זיך גאָר דעם אייזל ווערן ראָוו אין ווילנע!
אַז ער וויל, נו!
אַז סע ציט אים ווי צום אָמעד אונדזער טיפעש יאָקל־צעמעך!
איי וואָס? טוירע?
קריגט ביים מילנער ער די סכוירע!
אם אין קמח**) — אַז ניטאָ קיין מעל, ניטאָ קיין טוירע, שטייט אין פערעק.
נימצע: האָסטו קמח, האָסטו טוירע!
אַלפי צופאַל ווערט ער דאָס געווירע
פון אַ שמועס, וואָס צו אים זיך צוגעהערט נייגעריק
און אַריינגענומען זיך אין מייכל.
און ווי זאָגט מען, יעדער נאַר צו זיינעם סייכל —
טרעפט דאָס אייזל אַף אַ וועג:
אין די טרוקענע ניין־טעג,
ווען די קלאָווים דרייען-אום זיך נעבעך קויטיק,
און ניטאָ קיין פיצל פלייש, קיין ביינדל אַף אַ שעכעיאָנו,***)
זוכט עס אָפּ דעם יאָגהונט וואָיטעק-רויטעק
(ווער-זשע קען אים ניט — אַ רויטער הונט אַ קיילעוואָניע),
סוידעט-אָפּ מיט אים זיך, שליסט אַן אָפּמאַך:
„אַז וועסט מאַכן, קיילעוו, פאַר אַ ראָוו מיך
און מיר העלפן אַפּן קיסע־האַראַבאָנעס אין ק״ק ווילנע קריכן,
מאַך איך דיך פאַר שויכעט דאָרט אינגיכן,

---

*) „טייקע״
**) „אים איין קעמאַך״
***) „שהחינו״

און די גוטע־ברידער דײַנע און די קרויווים, אַלע פײַנע בריעס,
פּאַר נעמאָנים און מאַשגיכים אין די קאַצעפּיעס.״
און בײַ היגט, פּאַרשטייט איר מיך, איז אומר וואוכל.*)
נעמט קיין סאַך ניט, אין איין הערעף־אַיען
הערט מען שוין אין אַלע גאַסן קלאָווים שרײַען:
„נידער מיטן אַלטן ראָוו! וואָס טויג דער קאַנעץ מיטן רויכל,
אַז מיר האָבן שוין דאָס גרויסע ליכט, רעב אייזל כאַריף,
וואָס ער שײַנט פון מיזרעך ביז קײַן מײַרעוו!
ער אַ לאַמדן און אַ כאָרעץ! אַ באַל־אייצע!
ער וועט ברענגען אונדז מעשי׳כן אַף זײַן פּלייצע!״
מיילע, בין איך אײַך דאָס מויכל —
קלאָווים בילן,
ווייסן זיי כאָטש וואָס זיי ווילן!
(כאָטש פון ווילן ביז קײַן ווילנע נאָך אַ ווײַטע שטרעקע.)
אָבער הערט, איך בעט אײַך: אויך דער האָן אַרויס גאָר מיט אַ קוקורעקע!
און די גאַנדז, די קאַטשקע און די ציג מיט זייער געגע־מעקע!
וואָס איז דאָס? די אויפּעס און די שאָף,
זיי פּעלט אויך דאָס אייזל פּאַר אַ ראָוו?
תּיקו!

*) „אוימער וועאויכל״

דער אַמעריקאַנער

גוליע
בַר־באַרבוליע —
דאַכט זיך וואָס, ניט מער ווי אַ קאַרטאָפל;
נאָר אַ פּעמפּיקל און אויסגעוואַקסן אין אַמעריקע,
האָט ער ליב, צווישן אונדז געדעט, אַ בלאָפל —
ס'הייסט אַ ניטגעשטויגנדל אין גילדענע פּאַנטאָפל.
זיצט ער ברייט צווישן ריבעלעך און ציבעלעך נײַגעריקע
אין אַ קויש אונטערן אויוון,
ווי אַ גאַסט אַ נאָגיד בײַ קליינשטעטלדיקע קרוויוים,
און ער בלאָפט:
— זאָלט איר זיך ניט כידעשן, וואָס קום צו אײַך ניט אָפּט.
ניין, ניט היימלעך דאָ, ניט היימלעך.
דאָרטן, זאָגט ער, דאָרטן
אין מײַן אייגענעם יערושע־גאָרטן,
צווישן ניס־ און ווײַנשלביימלעך,
האָב איך מיר אַ שטיבעלע פון בלעטער, בליט עס,
און אַז וויל איך, נעמט עס גאָר און פליט עס
גלײַך אַרויף אין הימלבלוי . . .
— טאַקע? וואָס? אַזוי?
— איך פלי אָפּט אַהינצו.
נעם איך מיר מײַן שטיבעלע און בינד־צו
צו די וואָנצעס פונעם מאָרגנשטערן
און איך לאָז מיך גיין שפּאַצירן, נײַעס הערן.
אָדער איך צעלייג זיך אַפן טעלערל פון הימל
און איך כאַפּ אַ זיסן דרימל.
— הער נאָר, ס'איז דאָך טאַקע גימל!

— גוט,ווילט זאָגן איר? נאָך מער ווי גוט!
איך בין דאָרט קעמיילעכל ביגדוד —
ווי אַ סאָנישניק צווישן פּאַפּושויעלעך!
הערט איר, אויב איר וועט ניט זײַן קיין לעבערדיקע שטרויעלעך,
וועל איך אײַך דערציילן עפּעס שיינס, אַ סאָד:
איינמאָל מיר אין ליבע זיך דערקלערט די זון —
— וואָס? די זון? — די זון! — סע קען ניט זײַן! — בײַ גאָט!
אָבער איך זיך אָפּגעלאָזט דערפון,
ניט פאַר מיר זי — אַ צעפלאָסענע, און צו אַ הייסע . . .
גאָרניט, גלאַט אַזוי אַ גלעט, אַ קוש — מאַכטייסע!
אָבער זיך פאַרקאָכן גאָר? פּאַוואָליע!
כוץ־לעזע*) צו מיר געוווּנקען דאָרט אַ גילדענע פּאַסאָליע
מיטן נאָמען שטערנווונק —
ליכטיק, שיין און יונג,
אָבער זיך געטראָגן וועגן איר דאָרט ניט קיין שיינע קלאַנגען.
נעבעך, זעלבסטמאָרד צוליב מיר באַגאַנגען —
זיך אַראָפּגעוואָרפן און צעשיט זיך איבער דעכער!
טאַ, וואָס בין איך שולדיק? מײַן געוויסן ריין —
האָט געזאָלט זי זוכן זיך איר גלײַכן און ניט קוקן העכער!
פרײַ'ר פאַר אַלעמען מוז יעדער קענען זיך אַליין!
ניט געקענט זיך — ליג אין גריבעלע! — —
בלאָפט באַרבוליע און ער שאַרט זיך צו אַ ציבעלע.
מיילע, איז באַרבוליע אַ קאַרטאָפל און אַ בלאָפער —
זאָלן מײַנע רייד ניט שווער זײַן אים, שוין הײַנט אַ שוכן־אָפער!**)
אָבער אַז סע קומט צו רייד שוין, מוז איך טון דאָ אַ פאַרצייכן:
ניט מאַטריעך זײַן די שטערן און די זון פון זיי'רע הייכן,
אַז מע וויל אַ ציבעלע דערגרייכן!

*) „חוץ לזה"
**) „שוכן־עפר"

צווי קאַטשקעס

אין אַ טײַכעלע אַ קליינעם
און אויך ערטערווײַז ניט איבריק ריינעם
זיך צווי קאַטשקעס לאַנג געפּליעסקעט, זיך געטויוולט,
מיט די שנעבעלעך זיך אין די פּעדערן געבויבלט —
הײַנט אַ גאַסט געקומען פון די ווײַטע אויפּעס,
אַזש פון הודו זאָגט מען, אַ באַל־מויפּעס,
אין אַ שוואַרצער יופּע, גאָלדגעשטיקט דער טאַלעס־קאָטן,
מיט אַ גוידערל, דאָס בײַכעלע געראָטן,
און רעדט פויגליש: זאָגט ניט „אָדלער" — „אָלדער".
(טאַקע שענער מאָל דיר!)
גרייטן זיי זיך,ביידע קאַטשקעלעך, געטרײַ
און מע רייניקט זיך אַ שאָ, און צוויי, און דרײַ.
טרעפט גראָד איינע אין אַ בלאָטיק אָרט
און אַרויס נאָך אומרייינער פון דאָרט —
ווייס איך וואָס, די גאַנצע טווילע ניט קעדײַ!
און די שאָכנטע? אַ מאַזל! קלאָר און ריין!
טוט זי אָבער אַף דער כאַווערטע אַ קוק
און זי טראַכט זיך: „ניין,
ניט געטויוולט זיך גענוג!
איך מיסטאַם ניט ריינער דאָך פון איר."
נו, איז ווידער שווענקען! „שווענקען", זאָגט זי, „האָט קיין שיר!"
און די אויסגעשמירטע? זי איז גאָדלדיק בײַ זיך:
„מײַ־דאָך", זאָגט זי, „יענע שיין — מיקאָלשקן*) איך!"

---

*) „מכל־שכן"

צו „דער כאַלעף און די זעג" — ז' 11

דער שווימער

איינמאָל, לאַנג נאָך, ווען דער זיידע
איז געווען אַ ייִנגל,
האָט שפּאַצירט אַ גילדן רינגל
מיט אַ פלעדערווישל.
(ווו און וויאַזוי באַגעגנט זיך די ביידע?
פּאָרט-זשע ניט אַרײַנעט מיטן דישל
און קיין קאַשעס אַף אַ מײַסעלע ניט פרעגן!)
מיט פאַרדרייטע און פאַרקרימטע וועגן,
ווו סע פאָרן ניט קיין פירלעך און סע שליטלען ניט קיין שליטלעך,
זיי געגאַנגען און געגאַנגען, און נאַטירלעך,
ווי סע פירט זיך אַף שפּאַצירלעך,
זיי גערעדט, געפּלאַפּלט זיך געמיטלעך,
ביז אַזוי פּאַמעלעך
אָנגעקומען גלײַך צום יאַם־האַמעלאַך.*)
שטייט דאָרט אײַנגעשטעקט אַ מעסער
פונעם קיניג שאַלמענעסער.
פרעגט עס: „ווער שווימט בעסער?"
„איך!"
שרײַט דער פלעדערוויש און גיך
גלײַך אין יאַם אַ שפּרונג.
אַף די וואַסערפליגל פלעדערווישל-ווילערונג
טראָגט זיך, טראָגט זיך,
און דאָס רינגל נאָך אים יאָגט זיך —

*) „ים המלח"

פליוך-פליאָם,
אויך אַרײַן אין יאַם.
קומט דאָס מעסער, מאַכט אין האַרץ אַ וווּנד:
פלעדערוויש פון אויוון — פינגערל צו גרונט!

*

ווער ס'איז נישטיק, פלאַך און מיטלמעסיק,
אים אַרויפצושווימען ניט קיין שווערער אייסעק.
ווּעמען דאָס ניט גרינגלעך?
שווערע גילד'נע רינגלעך.

דאָס בריוול

„יעדידי אַווישאָלעם,
וואָס זאָל איך דיר זאָגן?
דאַנקען גאָט בקו החיים והשלום.*)
אַף די פיס נאָר האָב איך זיך צו קלאָגן —
ס׳איז מיט זיי, ווי זאָגט מען עס, ויהי.**)
כ׳ווייס ניט, צי פון איבריק לויפן, שווערער מי —
נאָר זיי זאָגן זיך שוין אונטער.
‚פאָרן׳, טײַנען זיי, ‚איז פיל געזונטער.׳
פויל געוואָרן, כאָטש, מיר דאַכט, צו פרי . . .״
בעזע־האַלאָשן***) שרײַבט די האַנט אַ בריוול.
„קוקט נאָר, ווער סע רעדט! די האַנט!״
שרײַט דער גראָבער פינגער פונעם פוס, „אַ שאַנד!
ווער איז זי? אַ דינסטמויד, פוצט בײַ אונדז די שטיוול!
ניט די ווערט אַפילע אונדזער מינדסטן נאָגל —
און אַדאָס־אָ האָט די האָזע אונדז גאָר צו פאַרקלאָגן!
ווילן מיר ניט גיין, נו, ווילמיר פאָרן מיט אַ וואָגן,
מיס געוואָרן אונדז דער וואַנדער־וואָגל,
וואָס ער מאַכט אונדז מיד און שווייסיק —
נו, איז וואָס? איר אייסעק?״
„כאַסוועשאָלעם! פאָרט אַפילע מיט קאַליאַסקן!
האָט אַ גוטן שליטוועגס איבער בערג און טאָלן —
ניט מײַן אייסעק! איר, ניט איך וועל צאָלן!
פעלט מעזומען, גיט די שטיוול פאַר אַ מאַשקן!״

---

*) „בעקאָוו האַכאַיִם וועהאַשאָלעם״
**) „ווײַהי״
***) „בזה הלשון״

פֿונעם עלנבויגן רעדט די האַנט.
ווו-זשע האָבן פּיס פֿאַרשטאַנד?
אין דער פּיאַטע.
דרייען זיי זיך אַפֿן קאָרעק טאַמעוואַטע,
טופּען, קענען בעאיין־אויפֿן זיך אַזוינס ניט מאָלן:
„ס׳הייטס, גאָר מיר און ניט די האַנט וועט צאָלן?״
לייגט די האַנט אַ פֿינגער צו צום שטערן
און זי נעמט זיך קלערן:
„פֿיילע, ווי די לײַט געפֿוי׳לט בײַ זיך!
ניט מײַן אייסעק — און באַצאָלן פֿאָרט זאָל איך!
דאָס איז, אַז דו וואַשסט אַ גראָבן פֿוס און פּוצט אים זײַנע שיך!״

צווײ הינער

אײנער קלאָגט און װײנט,
און אײן גאָט װײסט װאָס ער מײנט!

*

זיצן זיך צװײ הינער, אײנע
נעבעך אַן אַקאָרע —
מיט די אײער אירע עפּעס דאָרט געשען אַ צאָרע.
און די שכײנע:
אונטער ברײט צעשפּרײטן פליגלדיקן מענטליק
געלינקע קינדײסימלעך אַ צענטליק.
און זי פּיקט, פּיקט מיטן שנעבעלע, דעליבעט.
„הערסטו,״ זאָגט זי, „װאָס איך װעל דיר זאָגן, קאָשערע? נו הער:
שװער צו זײַן אַ מאַמע, שװער!
ס׳גײט מײַן לעבן אָט צוליב די כעװרעלײַט לעאיבעד!
טרעף איך נאָר אַביסל מיסט, נאָכװאָס צעשאַר איך עס?
עפּשער צוליב מיר? אומשטײנס-געזאָגט, מײַן ביסעלע היצטאַרכעס!
צוליב זײ דאָך! מײנסטו, אַז אַ מאַמע האָט אַ װערט?
אַז סע פאָלגט? סע הערט?
אָסער! . . זעסטו אָט דעם גרינעם צוצעק?
שײן, אַיאָ? כאָטש, טפו-טפו-טפו, אַביסל שמוציק!
פּי, אַ ברען! ניט מורע פאַרן קאָטער!
אַז איך רוף אַהער אים, לױפט שױן דאַװקע נאָר אַהין ער!
הײַנט די אײער קליגער פון די הינער.
און דער אַכבעראָש, װאָס כאַפּט דעם אָנבליק פונעם פאָטער —
ער איז בעסער?
כ׳זאָג דיר: אַ מישלאַכעס! ס׳זאָל ניט װאַקסן גרעסער!

ווייסט דען וואָס ער האָט מיר הײַנט געטון?
אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק! סע קען דען רו'ן!
זיך צווישן האָלץ אַזוי פֿאַרמאַטערט,
אַז געמיינט איך: שוין, אַן עק! געפּאַטערט!
און דאָס שטילע פֿויעלע, דאָס שנעקל?
קוק עס אָן! אַ שלעקל, זאָג איך דיר, אַ שלעקל!
ערשט
מיטן אינדיק שיר זיך ניט געמיימעסט פֿאַר אַ געראַשט!
און סע לויפֿט נאָר פֿאָרויס, פֿאָרויס!
צאָרעס מײַנע, צאָרעס!"
„קו-או, קו-קו, קו-קו-אַך!
לאָז געמאַך!"
שרײַט די שאָכנטע און טוט אין קעפּל איר אַ פּיק,
„נאַ דיר, נו! געפּעלט אײַך? שיינע שטיק!
קלאָגט און וויינט, און רייצט מיך מיט איר גליק!"

*

שוער דער צאַר פֿון גידל־באָנים*) —
ערגער איז נאָך אָן אים.

*) „צער" — „גידול בנים"

דער גיבער

פאַרן פאַרקן,
מיט אַ טריט אַ זיכערן, אַ שטאַרקן,
שפּאַנט דער האָן זיך, שפּאַנט אַהין, צוריק,
אַף די זיבן ווײַבער אַלעמאָל אַ בליק
און מיט גאַדלעס, מיט אַ שטעל:
„קוקוריקו! קוקוריק!
וואָס? וואָס ווילט איר, ווײַבער? גליק?
איך וועל גיבן אײַך, איך וועל!"
פּלוצים גאָר דער פוקס! סע גאַנוועט זיך דאָס מאַזיקל פאַמעלעך,
מאַכנדיק אַ בראָכע „זה התרנגולטשיק ילך!"*)
טראַכט דער האָן ניט, איינס און צוויי — און אַפן הויכן פּלויט!
„שטיי נאָר, שטיי, מײַן ליבער!"
שרײַט דער פוקס, „וואָס זאָגט מען אַף דעם גיבער?
ווי סע ציטערט דאָס אַף אים די הויט!
ניקער,
בעריע איז דער גרויסער קוקוריקער
אַפן פּלויט און אַפן בוידעם!
בע! איך אַלטער נאַר געזאָגט דאָך ווידע קוידעם,
איידער איך געפוי'לט ביי זיך מיט אים זיך צו באַגעגענען!
דונערן און בליצן — און סע הייבט ניט אָן צו רעגענען!
נו, פאַר וועמען איך געשראָקן זיך, פאַר וועמען!
פאַר די ווײַבער דײַנע, כלעבן, מעגסטו זיך דאָך שעמען!
שפּרינגט אַף פּלויטן! נו, מאַ ראַש?
יעפּייפּיעס! אַ העלד גיב זיי, קוראַזש!

*) „זע האַטאַרנעגוילטשיק ייילעך"

מיט געוורע מוז מען זיי'רע הערצלעך קויפן,
מיט געוורע, ניט מיט האָזישן אַנטלויפן!"
„קוק אַ רועך, קוק!" דער האָן צעקרייט זיך,
„וויל די קויכעס מיט מיר מעסטן, רייצט זיך!
און אַז דו ביסט שטאַרקער, נו, איז וואָס? ווער לאַכט דען
פון אַ שוואַכן, כאַסוועשאָלעם? אַף געלעכטער איז דער פאַכדן,
וואָס ער וואַרפט זיך ווי אַ שויטע אין סאַקאָנעס
מאַכמעס פאַכעד פאַר פאַכדאָנעס!
טראָג זיך, רועך, אָפּ!"
און פון פלויט אין הויף אַריַין דער האָן אַראָפּ.

רעב כויטעם

רײַט אַ בריל זיך אַף דער נאָז.
און רעב כויטעם,
כאָטש די בריל זי דריקט אים, מאַכט אַביסל רויט אים,
נאָר ניט דאָס אים קוועטשט, ניט דאָס;
אַ ביזאָיען און אַ כאַרפּע אים פּאַר לײַטן —
נאַ דיר נו, אַף אים גאָר זאָל מען רײַטן!
ער איז דאָך דאָס העכסטע פּונעם פּאָנעם!
בלאָזט ער זיך, סע שטייט ניט אָן אים.
„וואָס זיך", שרײַט ער, „אָנגעזועצט אַף מיר דער נאַר?
איין שוואַרציאָר אים קאַרג!"
„שווײַג, דו סמאַר . . !"
(פּע, אַ וואָרט וואָס שמעקט מיט מאַרק.
אָבער גיי רעד אײדל מיט אַ נאָז!)
„עמעס," זאָגט די בריל, „דו זיצט דיר אויוונאָן, איז וואָס?
ס'אייבערשטע פון פּאָנעם? מײלע,
ביסט דאָך פּאָרט אַ מיסע קיילע —
פרעג, זײַ מויכל, די פּאַטשיילע!
מאַך־זשע ניט, אַדויני כויטעם, קיין ייִרגאָזן,
הער זיך אויף צו בלאָזן!
מעגסט דיר זיצן אויוון און פּאַררײַסן הויך,
ווייסן אַלע קלוגע און אַפילע אויך
אַלע שויטים,
ווער און וואָס סע איז רעב כויטעם."

*

דאָס קיין נײַעס, זאָגט איר? ווייס איך וואָס?
עמעס, נאָר דערציילט איך דאָס —
פּאָשעט, ווײַל כ'האָב ליב צו שנאָלן אין דער נאָז!

קעצישׁ מיטגעפֿיל

לעבן אויוון קאַטשערע געשטאַנען
און גענומען צו דער קאַץ זי טײַנען
(וואָס צו טײַנען האָט די קאַטשערע אַסאַך):
אַז מע האָט ניט קיין ראַכמאָנעס! אַז מע לאָזט זי ניט געמאַך!
פּאָרויס צינדט מען אָן אַ פֿײַער
און דערנאָך די קוילן שאַרן שיקט מען זי!
דאָס איז יוישער? זי בײַ זיך איז אויכעט טײַער!
פֿײַנט ווי יעדער זי אַ ברי!
און פּאַרוואָס-זשע צו פֿאַרשטיין דאָס גיט זיך קיינער ניט קיין מי?
און וואָס נאָך? צעקריגט די דינסט זיך מיטן קיילעוו, אַ געשריי —
האָט זיך דאָרט מיט אים אַ מאַסעמאַטן,
צופּיל נאָכגעגיבן ער דעם טרייפֿע־האַלדז געשמאַדטן —
איז צו וועמען גייט עס אויס? איז וועמען ווינד־און־וויי?
איר, דער קאַטשערע, גיט פּרומע ניט קיין רו!
זי דעם הונט זאָל ברעכן רוק־און־לענד!
וואָס איז עפּעס איך? פּאַרוואָס ניט דו?
וואָס-זשע, האָסט כאָלילע ניט קיין הענט?
און ביכלאַל, וואָס איז דער קיילעוו שולדיק, פּרומע?
אַז די דינסט אַ שלימעזאַלניצע — דער הונט אַ בעריע!
ניין, איז פּרומע הייס געבאָדן אין די וואַסערן פֿון טוועריע,
ברענט און פֿײַערט: אַ פֿאַהיבעל! אַ מעהומע!
און זי שלעפּט די קאַטשערע . . . אום גאָטעס ווילן!
לאָז געמאַך! וואָס טויג דער קאַטשערע, דער הונט זאָל אַף איר בילן?
אַז אַ קיילעוו האָט וועקט, קומט דען צו געזונט?
„וואָס? דער קיילעוו?” זאָגט די קאַץ, „דער הונט?
כ'קען אים, יאָ, איך קען אים!
איידער אין זײַן פּיסק אַרײַנצופֿאַלן, גלײַכער שוין אין גענעם!
קיל אין האַרץ ווערט, אַז איך זע אים בײַ דער טיר.
ווייסטו וואָס איך בעט דיך, טײַ'רע? טו אַ טויווע — גיב אים אויך
פֿאַר מיר!”

דער כאָשעוו

שפּעט בײַנאַכט. אין קיך איז שטיל.
אָפּגעזונגען שוין איר לידעלע די גריל.
איצט אַ מײַסעלע דערציילט דער אויוון,
עפּעס פון אַ שרעטעלע: „זיך אויפגעהאַלטן קוידעם
אַפן בוידעם
לעבן קוימען אויוון.
שפּעטער, אַז אין אויוון זיך גענומען פײַפן ווינטן,
דאָס אַראָפּ אין קעלער, וווּ אַן אויצערל געפינט׳ן.
אַלע שאַבעס, אַלע יאָמים־טויווים ניסעלעך געקנאַקט,
יאָדערקעלעך זיך, די שאָלעכץ — אָרעמע אַף מאָעס־כיטן.*)
ביז מע האָט דאָס שרעטעלע געפּאַקט —״
„גלייבט ניט,״ פּאַלט־אַרײַן די קאָטשערע, „ער באַקט!״
(גראָב! אַוואַדע גראָב! מיט פּריסעק זי באַשיטן!)
„מאַלע ביסטו, קאָטשערע, אַ שטיפּערקע, אַ קריכערין,
מאַלע אַז מאַכשייפעס זיך צעוויכערן,
פליען שיידים רײַטנדיק אַף דיר און דורכן קוימען
גלײַך צום אַשמעדײַ, וואָס האָט געדינט בײַ שלוימען?
אָבער דערעך־ערעץ ווו? געמעגט כאָטש וויסן,
ווער פאַרזאָרגט מיט לעקעך כאַסענעס און בריסן
און די וועלט מיט ברויט און כאַלע! און דערצו:
ווער איז עלטער, איך צי דו?
כוצפּע! און מע שווײַגט! מע גיט איר דאָס ניט צו פאַרשטיין!
איך דערצייל שוין מער ניט, ניין!

*) „מעות־חיטין״

זאָל די קאַטשערע דערציילן!״
און די קאַטשערע, זי לאָזט זיך גראָד ניט בעטן.
וואָס-זשע? שעמט זיך? קען קיין צוויי ניט ציילן?
„איינמאָל", זאָגט זי, „דער מעשאָרעס׳ונג מיך אָנגעטרעטן,
מיינט איר, איך געשוויגן? ניט געוואַקלט זיך קיין סאַך
און צוריק אין קאָפּ אים — טראַך!
מאַרש, מעשאָרעספּיסל, מיט דיין קאָפּעטע!״
„יאָ, אַ שיינע מייסע, נאָר אַ קורצע!״ זאָגט די לאָפּעטע.
„נו, און דו וואָס? אין יעריד־געשלעג געמיימעסט און צעטראָגן
זיבן דרענגלעך און אַ דישל פון אַ וואָגן?
אונדז די מייסע וואָלט געוווּנדערט —
ווען-זשע? ווען שוין ניט געהערט זי אַ מאָל הונדערט.״
„לאָזט געמאַך! וואָס טויג אייך?״ בעט דער וואַלגערהאָלץ
(זיי׳ר אַ גוטער, קיינער ניט געזען נאָך בייז אים),
„בעסער וואָלט דערציילט אונדז עפּעס שיינס דער בעזעם.
זעט איר, ער מעג זיין ביי זיך אַביסל שטאָלץ.
אומעטום אַ כאָשעוו ער, פאַר אים דאַך אָפן אַלע טירן,
אין דער זאַל, אין שלאָפצימער — און ווו פאַרוועט אים צו שפּאַצירן?
„מ׳אָ, אַ כאָשעוו," זאָגט דאָס קעצל, „ניט אומדיסט!
אָדן בעזעם טראָגט פון אומעטום אַרויס דאָס מיסט!״

*

און פּאַרפּאַלן! יענע נאַכט די קיך קיין מייסעלע געהערט.
און די קאַטשערע, וואָס האָט געשטערט —
אָנגעצייכנט איר אַ שטראָף פון אויוון:
אָפּברי׳ן אין די קוילן פונעם אויוון.

דער קלוגער בער

ערגעץ אין מיצראַיִם, לעבן גוישן,
ווו די כוואַליעס פונעם נילוס רוישן,
ווו פון וועלדער, פון מידבאָריעס, פון היילן
קומען כאַיעס גאַנצע שאַרעס
הערן יענע מײַסעס פון מעכאַשפים און פון פאַרעס,*)
וואָס דער נילוס טוט דער שטילער נאַכט דערציילן
(וויפל מאָל די נאַכט געהערט זיי, אַלץ בײַ איר אַ נײַעס) –
דאָרטן איינמאָל פאַר די כאַיעס
שיין געדאַרשעט האָט דער עלפאַנט „מאַריך־אַף",
פונעם וואַלד דער פילאָזאָף.
(בײַ די כאַיעס אויך פאַראַן אַ קאַנט!)
אַלפי קלאָרן סייכל, ריין־פאַרשטאַנד,
העל און בוילעט
ווי די נאַכטמאַכשייפע, ווען דעם שוואַרצן בער זי קוילעט
(ס'הייסט, ווי די לעוואָנע נאָכן מוילעד),
ער דערוויזן, אַז די כאַיעס לעבן גאָר אין טאָעס:
אויגן האָט מען, און מע זעט דאָך, נאָר מע ווייסט ניט וואָס,
ווײַל אין טאָך איז יעדע זאַך לעגאַמרע גאָר ניט דאָס.
„מיגלעך," זאָגט ער, „מענטשען רופן אונדז גאָר כאַיעס ראָעס.
און אַז איר וועט פרעגן זיי,
שטייט די וועלט אַף פיס נאָר צוויי,
ניט, ווי ס'דאַכט זיך אונדז, אַף פיר –
ווײַל אי זיי אי מיר

---

*) „פרעה'ס"

אין אַ שווינדל־בלינדל זיך געפינען
און די דרויסנוועלט מיר שפּינען
ווי אַ שפּין איר שפּינוועבס, נאָר פון זיך —
קלאָר גערעדט: פון אונדזער איך . . .״
רעדט דער העלפאַנט, מויכעס ברעכט ער.
און צווישן אוילעם אויוון, אין דער זײַט דער רעכטער,
זיצט רעב בעריש אין דער גראָבער בעקעשע,
גלאָצט צוויי אויגן לעקישע,
און ער טראַכט זיך: בע, דער רוען קען זיך שטויסן,
וואָס דער שויטע אויסן!
און צום סאָף,
אַז געענדיקט שוין דער פילאָזאָף,
הייבט זיך אויפעט דער באַלבאָס דער יוסטער,
הוסט ער
און ער זאָגט זיך מיט אַ שמייכל:
„יאָ, געפאַלן אַפּן סייכל!
יאָ, איך ווייס שוין, ווייס, אין וואָס סע שטעקט דער קויעך:
רעזן דאַרף אַזוי איך,
ניט דער אוילעם, ניט אַפילע איך אַליין
זאָל ניט וויסן וואָס איך מיין —
וועט מען זאָגן: איַ, דאָוו־בער!
דעריעך־עריעך! ע, ער איז ניט אַבי ווער!
מעגסט אים, ברודער, הערן —
ער דער קליגסטער פון די בערן!״

דער טאַכלעס פֿון דער ערד

קיל.
אָפּגעשטעלט אין הימל זיך די מיל,
וואָס קרישטאָלבערג הייסע שטויבן זיך צווישן אירע רעדער.
באָרוועס, אַף שפּיצפֿינגער, דורך ווייַנשלסעדער,
קומט אין אויסגעגייטן העמד אַרויס אַ דאָרפֿיש פֿרישע נאַכט.
שאַ! דאָס פֿעלד זיך טיף פֿאַרטראַכט.
און וואָס טראַכט אַ פֿעלד? סע טראַכט און קלערט,
צי די ערד צוליב די זאַנגען, צי, פֿאַרקערט,
גאָט די זאַנג באַשאַפֿן צו באַשיינען גאָר די ערד.
און צו ווענדט מען מיט דער שאַלע זיך צום ערשטן?
סע פֿאַרשטייט זיך, אַז צום גערשטן.
ווייסט איר, ווי מע רופֿט אין פֿעלד אים? הער פּראָפֿעסאָר.
ניט אומזיסט דאָך — קוק זיך צו אַ ביסל בעסער,
זעסטו טאַקע, אַז די וואָנציעס ביי אים אַ ביסל גרעסער.
ווער-זשע, אַז ניט ער
אונדז פֿאַרענפֿערן די שאַלע? אַדרבה, ווער?
און געטראָפֿן. אין דער פֿינצטער אויפֿגעשטראַלט אַ שטראַלעניש —
נאָכן גערשטן מער די שאַלע שוין קיין שאַלע נישט.
„איך האָב", זאָגט ער, „אין דעם איניעון שוין גענוג געקלערט,
שוין פֿון לאַנג, פֿון לאַנג,
ביז געקומען מיר צו כאָלעם גאָר אַן אַלטע זאַנג,
און פֿון איר בעפֿיירעש איך געהערט:
,ערד צוליב דעם גערשטן, גערשטן פֿאַר די פֿערד!"

דער הונט און די געגדז

איינמאָל זיך פֿאַרבענקט אַ הונט נאָך עפּעס וואָס אַזוינס, אַ יענץ,
וואָס מע רופֿט בײַלײַט אינטעליגענץ —
פֿײַנבאַנעמונג, טאַקט . . .
אויפֿגעוואַקסן אַפֿן סמעטניק בײַ אַ פֿויערישער כאַטקע,
אַף דער גאַס אַרום דער יאַטקע —
וויאַזוי גאָר ער דערטראַכט דערצו זיך? זעט איר דאָך, אַ פֿאַקט!
נימעס אים געוואָרן די כאַווײרים זײַנע, די פֿאַרגרעבטע הינט.
(פֿרײַנט — און וואָס מע ווינטשט זיך, זאָל עס פֿאַלן אַפֿן ווינט!)
און די יאַטקעיִדענעס — אײַ, פּיסקעלעך!
אָנגעפּילט מיט קלאָלעס־כראָמעס ווי דער בויך מיט קישקעלעך!
און ווי גראָב באַהאַנדלען זיי דעם קאַצעוו! דאַכט זיך, וואָס? אין פֿלוג,
דאַרף אַ הונט דען זײַן דעם קאַצעווס סטראַפּטשע?
אָבער אַ פֿאַרדראָס: מע גיט אײַך, כאַפּט־זשע!
נעמט און זאָגט אַ דאַנק! איז, פֿאַר אַ באַלן, קוק:
וואָס דער קאַצעוו גיט זיי, אַלץ נאָך ניט גענוג!
גיט ער איינער לעבער, לונג,
שרײַט זי: ניין — זי וויל גאָר צונג!
איינער
גיט ער פֿון דער ריפּ אַ פֿײַדע — שרײַט זי: גאָלע ביינער!
און אַז ביינער וואָס? מע קען דערמיט זיך סאַמען?
אײַ, ווי גיט דאָס אים דער קאַצעוו! ביינער האָבן אַלע טײַמען!
אָבער יאַטקעווײַבער אויך אומשטיינס־געזאָגט מיר דאַמען!
ווייסן צו פֿאַרדרייַ'ן אַ קאָפּ רעב כאַי'מען, נעם כאָטש גיב זיי אַ
מאַיאָנטעק!
און ווי זאָגט דער קאַצעוו: טויווי'ע כאָטע זונטיק מאָנטיק —

טויבע זינדיקט זונטיק, מאָנטיק הייסט דער שלעכטער טאָג!
און צו וועמעס קאָפּ די קלאָג?
פרעגט דעם שטעקן! אַף דער קאַץ אין קאַס ער —
אַפּן הונט די ברויגעס־טענץ!
און פאַרוואָס? ווײַל איקער פעלט — אינטעליגענץ!
ווו-זשע, נו, געפינט מען דאָס? בײַם הונט? בײַם כאַזער?
צי גאָר בײַ דער קאַץ, אַ פײַער זוכט זי? פלאַם פון שטרוי! . .
ווי ער גייט, דער הונט, און טראַכט אַזוי —
ערשט, סע קומט-אַקעגן אים אַ כאָפּטע געגדז,
ריינע, ווײַסע, קלאָרע, שלאַנקע —
אָט דאָס הייסט אינטעליגענץ!
זאָגן זיי: „גוט מאָרגן!" ענפערט ער: „איך דאַנקע."
פרעגן זיי אים, וואָס ער מאַכט,
ענפערט ער: „וואָס זאָל מען מאַכן? בע, מע שמאַכט.
וויסן זי, אַ שווערע זאַך פאַרנאָסע —
זיבן קלאָווים אַף איין ביין!"
פרעגן זיי, וואָס טויג אים ביינער — בעסער פראָסע!
זאָגט ער: „גייט שוין, גייט! וואָס רעדט איר? איר זאָלט ניט פאַרשטיין?
קײַען פראָסע גלײַך ווי קײַען האָלץ, צי ערד . . ."
קוקן-איבער זיך די געגדז: „איר הערט?
גאַנץ געניג געפלוידערט! לאָמיר גיין!"
און דער הונט, ער קוקט זיי נאָך, באַדויִ'רט די געגדז:
„וויסן ניט דעם טאַם פון ביינער! אָרעמע אינטעליגענץ!"

צוויי כּאַכאָמים

צו דער ציג

אין אַ שמוּס געזאָגט אַמאָל אַ ביק:
— ס׳אַ סאָד! געהערט איך קינדוויַיז פון מיַין מאַמען!
דיר דערצייל איך עס: פאַראַן אַ ביינדעלע אַזאַ מין,
וואָס מע רופט עס „טשייכל״
אָדער „סייכל״ —
און באַוויַיזטו נאָר דאָס ביינדעלע אַראָפּצושלינגען,
איז באַקומסטו פליגל, הייבסט-אָן זינגען!
— טאַקע? — יאָ, נו, דאָס געזאָגט מיַין מאַמע, זכוסע־יאָגן!
— און דאָס ביינדל וווּ? — ביַים סאָלאָוויי אין מאָגן.
— הייסט עס, אַז דו ווילסט דאָס ביינדל פון געזאַנגען,
מוזטו דאָך דעם סאָלאָוויי פרי׳ר פאַנגען!
— האָ-האָ-האָ! צעקיַיט די זאַנגען!
— און דאָס פייגעלע צו פאַנגען מוז מען פליגל האָבן?
— איך מיין אויך דאָס, פליגל. ניט קיין נאַפקע־מינע, שוואַרצע ווי ביַי ראָבן
אָדער וויַיסע ווי ביַי טויבן, צי אַפילע רויטע . . .
— ווו-זשע נעמט מען פליגל? — גיי רעד מיט אַ שויטע!
הערסט דאָך, שלינגסט-אַראָפּ דאָס ביינדעלע, באַקומסטו פליגל!
— און דאָס ביינדעלע? — אַ ציג, אַ ציג, און גאָר פון ליים אַ ציגל!
הערסט ניט וואָס מע רעדט — ביַים סאָלאָוויי אין מאָגן!
— ע, מע. . . הייסט עס . . . וואָס געוואָלט איך זאָגן . . .
לאָזט איַיך דיגען נאָר אַ וויַילע . . .
— הייסט עס, שמאָכעט ביק, ביסט אַ כאַכיימעסטע באַליַילע!
פאָלג מיך, מיט אַ שוואַכן קעפּל שטופּ דיך ניט צו גרויסן —
ניט אַיעדער, וואָס האָט הערנער, קען זיך שטויסן!

דאָס זעלצערל

זע: דער טיש האַרכאָוועדיק געגרייט,
אָן אַ קנייטש דאָס טישטעך ליגט פאַרשפּרייט,
האַקל־באַקל*) אויסגעשטעלט, אי דאָס אי יענץ,
גאָפּל־לעפל, טעלער, אַ קרישטאָלענער קרעדענץ,
און די גוטע־ברידערלעך די דרײַ (איך מיין עס
פלעשלעך דרײַ, וואָס שטייען זיך אין שכיינעס —
בראָנפן, רויטער ווײַן און וואַסער,
און זיי רעדן צו די גלעזער־גלעזלעך אַפן ווונק)؛
אָט איז אויך דאָס זעלצערל (אַ מאַמזערל! אַ פונק!)
און דאָס קנאַקניסל (אָן ציין אַ בײַסער)
און דאָס זילבערמעסער מיט דער שאַרפער צונג
(דאַרף קיין שלײַפער זיך ניט זוכן) —
האַקל מוכן,
אַלץ שוין פאַרטיק צו דער סודע,
נאָר ניט פאַרטיק נאָך רעב יודע —
ער פאַרנומען איז געשעפטלעך
(פאַרן עסן טרעטן־צו געשעפטן עפּטלעך).
וואָס־זשע זאָל דערווײַל דער אוילעם טון דאָ אַפן טיש?
האַלט מען אונטער זיך, פאַרשטייט זיך, מיט אַ שמועס.
— אַך, ווען גאָט זאָל געבן אונדז נעכאָמעס און יעשועס
(זאָגט דער ווײַן), ווען זינגען זאָלן פיש
און במקום שאין איש**)
טאַנצן זאָל אַ קניש,

*) „הכל בכל"
**) „בעמאָקעם שעאיין איש"

וואָלט געווען שוין איינמאָל אַ לעכאַיים!
— מיגלעך! (זאָגט דער בראָנפן) ניט געהערט דערפון —
ווען דער בורא פּרי הגפן*) זיך צעהוליעט אין מיצראַיים,
איז דער יאַם געוואָרן מאַשקע, אויסגעזשליאָקעט אים די זון,
און די בערג געטאַנצט, געטופּעט ווי די ציגלעך.
ניט געזאָרגט, ביי גאָט איז אַלדינגס מיגלעך!
— יאָ, ביי גאָט איז אַלדינגס מילכיק!
פּי, אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם הילכיק
און אַ בלינדער שיקער ווערט אַ טרעפער!
(שיט דאָס זעלצערל מיט זאַלץ און פּעפער.)
— מאַמזער! אַפּיקוירעס! (טאַנצט אַ פלאַכער טעלער אונטער.)
לעפל קלינגען בייז און גאָפּלען קריצן מיט די ציין:
— הולטיי! ווער דערהאַרגעט! זאָל דערשלאָגן דיך אַ שטיין!
ווייַ, דער שוואַרצער פּעפער רעדט אויס אים, די קליפּע — האַווקעט ווי
אַ הונט ער!
— וואָס-זשע טוט ער אַפן טיש גאָר? זאָל ער גיין אַרונטער!
— זאָל ער גיין אַהינצו ווו דער שוואַרצער פּעפער וואַקסט!
— קנאַקניסל, וואָס שווייגסטו? נעם אים!
קלעם אים!
קענסט דאָך, אַז דו קנאַקסט!
— קענען קען איך, זאָגט דאָס קנאַקניסל, דאָס ווייסן אַלע טישן;
אָבער, האָט ניט קיין קיין פּאַריבל, איך זיך פּיינט צו מישן —
סיידן אַז איך מוז, איך בין געצווונגען, ס'איז ניטאָ קיין ברייירע...
— נו, וואָס זאָגט איר, ווי געפעלט אייך אונדזער קנאַקער?
(רויטער וויין זיך אַ צעפלאַקער)
פּיינט צו מישן זיך! כּאַרוואָס? די ציינדלעך אַ נעווויירע?
שעם זיך פאַרן טיש און פאַר די ווענט!
— ווערט פאַרשטומט שוין! (האַקט זיי אָפּ דאָס מעסער)
מער מע שווייגט זיי, אַלץ דער טומל גרעסער!
לעפל-גאָפּל זיך צעקלונגען! טעלערלעקער וואָס איר זענט!

*) „בוירע פּרי האַגאָפן“

און איר אויכעט, פֿײַנע בריעס, פּלעשלעך װײַן —
שעמט זיך אין אײַ׳ר טיפֿן האַלדז אַרײַן!
— װער? מיר?!
— איר!
מאַכט זיך נאָר נישט טאַמעװאַטע!
אײַער מאַשקע װינקט צו גאָט און איז גאָר אַ געשמאַדטע!
חצי מים, חצי יין*) —
און מע נעמט זיך אָפּ מײַן זעלצערל גאָר שרײַען?
זאָל מען װיסן: שעקער שמאַדט זיך און ער נעמט זיך אָן פֿאַר זײַן באַשעפֿער —
עמעט גיט זײַן גאָט אַלײן צו שמעקן פֿעפֿער!

*) „כאָצע מאַים, כאָצע יאַיען״

דער ויברח*) פונעם אייזל

שאַט נאָר, שאַטס —
עפּעס רעדט דאָס אייזל מיט דער קאַץ:
„זײַ געזונט מיר! מאָרגן, בעלי־ניידער,
איידער
פון די שוואַרצע שטאַלן די פאַרכמאַרעטע
פאָרט־אַרויס די רויטע קאַרעטע
מיט די ווײַסע אייזלעך,
וואָס זיי קײַען ניט קיין גרעזלעך,
נאָר זיי שלינגען שטערן —
וועסטו הערן,
איך בין שוין אַוועקגעפאָרן.
זײַ געזונט אַף לאַנגע יאָרן!
וועסט ניט בענקען, כאַ׳יע־עטל?״
„פרעג ניט, סע וועט זײַן אַ לאָך אין שטעטל!
כ׳וועל מיר אויסוויינען דאָס דריטע אויג!
עפּשער מעג איך וויסן, אויב ס׳איז ניט קיין סאָד,
וואָס סע טרײַבט דיך, ליבינקער, צו גאַוועגאַד?
וואָס איז עפּעס פלוצים גאָר? וואָס טויג
נעמען מיטאַמאָל אי זיך אי פרײַנט צעברעכן?
נו, באַרעכן:
עסן־טרינקען האָסטו,
וויל און טײַער די באַלבאָסטע,
זיס ווי פּוטער,
און רעב מאָטל דער באַלבאָס, זאָל לעבן, אויך אַ גוטער —״

---

*) „וואַיִוּורען״

„ווי פאַר ווען — גראָד פאַר מיר אַ שלעכטער!"
זאָגט דאָס אייזל און סע גריבלט מיט דער קאָפּעטע דער רעכטער,
„זאָג אַליין: פון מײַן געבוירן
איך געטרײַ אים פון קנעכל ביז שפּיץ־אױ׳רן,
רו ניט, אַרבעט פאַר צען רוכעס,
און קיין האָניק, ווייסטו, גיט ער מיר ניט לעקן,
ניט איך זוך עס —
בע, געגוג פאַר מיר אַביסל שטרוי.
אָבער יאָ, פאַרוואָס-זשע זאָל נאָך זײַן אַזוי,
אַז צעברעכן גלוסט זיך מײַן באַלבאָס דעם שטעקן,
ברעכט ער אים גאָר איבער מיר?
ניט פאַר דיר געזאָגט געוואָרן, ניט פאַר דיר —
דו וואָלסט דאָס ניט אויסגעהאַלטן! און וואָס נאָך:
קאַרג אים, וואָס ער שינדט די פעל — ער מאַכט מיר נאָך אין האַרץ
אַ לאָך!

ער באַליידיקט מיך, ער זידלט: ,אָקסנקאָפּ!
לאָקשנטאָפּ!
לעקיש! פּעטעך!'
עס, איך
וויל דאָס גאָר ניט נאָכזאָגן. ניט גוט —
ער פאַרצאַפּט מיר, ניט צו דיר גערעדט, דאָס בלוט,
עקט די יאָר —"
„זאָג איך טאַקע, פאָר!"
„זײַ געזונט-זשע!" „פאָר געזונט!"
„גריס דעם הונט!"
און וואָס מיינט איר, ניט געהאַלטן וואָרט? געהאַלטן!
מאָרגן, אָקערשט דורך די שפּאַלטן
פון דער שטאַל אַ שפּראָץ דער טאָג —
ס׳אייזל פונעם שלאָף אַ הייב, אַ טראָג,

גלײַך װי עמעץ ראַפּטעם אים בײַם עק אַ ריס
און אַ שטעל אים אַף די פֿיס
(כאָטש דער שלאָף גאָך אַזוי זיס).
איצט שױן גאַנצע דרײַ שאָ צײַט,
אַז דאָס אײזל טראָגט זיך, שפּאַנט זיך ערגעץ װײַט,
אַף די װײַסע, ברײטע שליאַכן,
און סע טראַכט פֿון מאָדנע זאַכן:
„בילעמס אײזל האָט גערעדט אַף זיבן שפּראַכן . . .
אַף אַן אײזל קומען װעט מעשיעך,
צװעקעס װעלן בליען, שטײנער װעלן לאַכן —
עפּשער טאַקע איך מעשיעכס אײזל? . . אי-עך? אי-עך!!"
און אַ הירזשעדיקע פֿרײד װאַקסט הױך און העכער. —
און דער שטעקנבורעכער,
דער באַלבאָס רעב מאָטל —
ער װוּ איז ער? װוּ זאָל זײַן ער? אַפֿן זאָטל!

אַמנען און טאָמער*)

ער און זי,
כאָסן־קאַלע מײַזעלעך, גאַנצפרי
אַף שפּאַציר געלאָזט זיך — גראָד די קאַץ אין קימפּעט איז געליגן,
נו איז ווי־זשע זאָגט מען זיך דאָס אָפּ פון פאַרגעניגן
און מע מאַכט ניט קיין פרימאָרגנדיק שפּאַצירל?
דרייען זיי זיך שטיל צווישן פּעסעלע און טירל,
און מע שפּיצט די אױ׳רלעך, און מע לויערט נאָך אַ מינדסטן שאָרך.
פּלוצים, האָרך —
ערגעצוווּ אַ שפּילקעסטל, אַ שיוורע־קיילע, אַ צעקראָכנס,
הייזעריק סע דרייט אַ גאַסנלידל אַ צעבראָכנס.
„שטילער!" שעפּטשעט איינס צום צווייטן, „שרײַ ניט!"
און דאָס פּאָרל שטעלט זיך אָפּעט, הערט זיך אײַנעט.
(מײַזלעך, דאַרפט איר וויסן, זענען מוזיקאַליש.)
„אוי, איך שטאַרב! איך כאַלעש!
ניט קיין שפּילן דאָס — אַ קאַצניאָמער!..."
ער, דאָס כאָסנדל, וויל שרײַען. און פאַרוואָס־זשע ניט געשריגן?
איר צוליב, צוליב זײַן קאַלעשע, זײַן טאָמער.
„מיילע," טראַכט ער, „נו, געפעלט מיר ניט דער ניגן,
אָבער איר, מיר דאַכט, צום האַרץ — זאָל זײַן צו פאַרגעניגן!
זאָל איר וווּיל באַקומען!
עמעס, ניט קיין מיוונטע — דערויף אַ פרויענצימער!
און וואָס ערגער, שלימער —
ס׳קען דאָך אין איר הערצעלע אַ כויזעקל שטיל ברומען:
,ער דערשראָקן זיך, מײַן גיבער — פליגן זשומען!

*) „אַמנון" — „תמר"

פלייטע וויל ער מאַכן — איז אַן אומכיין אַפּן שפּילן!׳״
שוויַיגט ער און דערשטיקט אין זיך די גרינע־גאַל־געפילן. —
און די קאַלעשע? זי — מויל און אוי׳רן אָפּן,
און די אייגלעך רעדן: סאַראַ טײַניג! סאַראַ פרייד ס׳איז!..
גלייבט ניט! אוי, וואָלט זי די פיסלעך אַף די פלייצעס
און אַהיים, אַהיים געלאָפן!
און נאָכוואָס די כיינדלעך?
אים צוליב, צוליב איר אַמנען —ביידע אויסגעגעסן זיך די ציינדלעך
אַפן „אַהבת ציון״*) פון רעב מאַפו...
„מיילע, מיר געפעלט ניט,״ טראַכט זי, „איך אַ מיִוונטע אַ קנאַפּע —
קיין געפיל ניט, קיין געהער;
אָבער ער —
זאָל ער שעפן נאַכעס!״
און גיי טו עפּעס און בעסער מאַך עס,
אַז צוליב איז אָפּטמאָל ערגער ווי לעהאַכעס!

---

*) „אַהאַוועס ציִען״

דער טעלער

אַ ציגײַנערטע אַ צירקוסמיידל,
אין אַ ווײַסן קליידל,
מיט אַ זילבערטעלער אַפֿן קאָפּ,
און דער שוואַרצגעדיכטער צאָפּ
ווילד צעפּלאָסן און צעלאָזן —
אָט אַזוי־אָ קומט־אַרויס די נאַכט אַף שטילע גראָזן.
און אָט בלײַבט זי שטיין אין לײַבקאָליר אין ראָזן.
קומט צו פֿלי'ן אַ שפּין
און צווישן ערד און הימל לאַנג און דין
ציט זי אויס אַ פֿאָדעם,
לאָזט זיך גיין אַף אים די נאַכט — פּעכאָדים!
און דער זילבערטעלער אַף איר קאָפּ
פֿאַלט, כאָלילע, ניט אַראָפּ.
שיין?
קומען אָבער הינט צו גיין
און זיי נעמען בילן:
— קאָפּ אין דר'ערד! די קונצן נאָכוואָס טויגן?
— וואַרפֿט אַ קאַץ איר אין די אויגן!
— גיט איר קײַען שטרוי מיט גרילן!
— וואָס־זשעווילט איר, הינט? — מיר ווילן,
ליכטיקער זאָל ווערן, העלער —
לאָמיר זען, וואָס איז אין טעלער!

רעב מײַזל־מיזל

ס׳איז באַקאַנט:
ערגעץ אין אַ לאַנד,
פּונקט אינמיטן מאַרק,
זיבן יאָר צו קינד געגאַנגען איז אַ באַרג;
זיבן יאָר געקרעכצט ווי טויזנט ניט געשמירטע אַקסן
און פאַרטייבט אַ וועלט די אוי׳רן —
און לעסאָף אַ מײַזעלע געבוירן.
איז דאָס מײַזעלע געוואַקסן און געוואַקסן,
ביז געוואָרן פונעם מײַזעלע אַ מויז.
גרויס,
ניט, פאַרשטייט זיך, ווי אַ באַרג,
ניט אַפילע ווי אַ בערגל,
נאָר אַ מויז געזונט און שטאַרק —
צווישן בערגעלעך אַ צווערגל,
צווישן מײַזעלעך אַ ריז.
און געהייסן האָט עס מײַזל־מיזל.
אַלע מײַז געציטערט פאַר דעם ריזל.
און אַז מײַזל־מיזל טוט אַ ניס,
ניסן מיט אים אַלע מײַז אײנײנעם;
הוסט ער — טראָגט אים יעדער אונטער גלײַך אַ גאָגל־מאָגל.
ווייל צו דעם, וואָס צווישן מײַז אַ גאָג־מעגאָגל!
זעט מען פונדערווײַטנס גיין אים —
אונטער אוי׳רל מיטן עקל בלײַבן שטיין זעקיינים.
קומט אַף אַן אַסייפע — ביזקל
מײַזל־מיזל עפנט ניט דאָס פּיסקל,

קײנער ניט קײן ריר און ניט קײן פּיפּס,
גלײַך װי אַלע טיזלעקלעך פון גיפּס.
אַף אַ כאַסענע, אַ בריסל –
אים דאָס בעסטע ניסל,
אָדער
אַלע עסן שאָלעכץ, ער די יאָדער.
אָבער יאָדערעס יאַק יאָדערעס – רעב מײַזל־מיזל,
װי געװײנטלעך יעדער ראָש־האַקאָעל, האָט זיך אַ קאַפּריזל:
פאַרן שלאָפן ליב אַ קוק צו טון אין „מעבר־יבוק"*)
און צו שמעקן טאַבעק.
טאַבעק מוז אים זײַן, כאָטש דונערט, בליצט און האָגלט;
ניט – דער שלאָף פאַרװאָגלט.
װוּ־זשע איז דער טאַבעק? אין דער טאַבאַקערקע.
און די טאַבאַקערקע – האָט דער אַלטיטשקער רעב בערקע.
און רעב בערקע, דאַװקע, איז אַ ייִד אַ צאַצקע:
אַז ער לײגט זיך שלאָפן,
אַפן טיש די טאַבאַקערקע לאָזט ער אָפן,
און כּל דכפין**) – שמעק דיר, פּאַצקע
דיר דאָס נעזעלע, די װאָנצעלעך . . .
צו געזונט . . . און זאָלן זיך דיר כאָלעמען
גרינגע, זיסע שמאָנצעלעך
פון געמאַרענירטע קעז־און־פּוטער־קעצלעך און פון שאָלעם און –
פּצי! אַפּצי! האַפּצי!
װאָלט דאָך זיס געװען דאָס לעבן, אַ צוקערקע –
דאַרף זיך טרעפן, אַז רעב בערקע
פאָרט־אַװעק און נעמט זיך מיט די טאַבאַקערקע;
ניט רעב בערקע, ניט די טאַבאַקערקע, בײדע נישטאָ הי –
צװײ און דרײַ און פיר מעסלעס.
און רעב מײַזל־מיזל דרײט זיך אום אַ מעס –

*) „מײַװער יאַבעק"
**) „קאָל דיכפּין"

ניט ער שלאָפט, ניט ער נעמט אין מויל אַרײַן אַ ביסן.
אַז ער כאַלעשט, אַז ער וויל און קען ניט ניסן!
ס׳איז אַן אומגליק, זאָלט איר טאַקע וויסן:
אַף שפּיץ־שפּיצל
פונעם נעזל זיצט אַ קיצל,
פונקט ווי אַף שפּיצצינגל פון אַ לעץ — אַ כויזעקל, אַ וויצל . . .
אַט־אָ שפּרינגט אַראָפּ עס! אָט־אָ —
ניין, סע האַלט נאָך ניט דערבײַ לעסאַטע,
עפּעס פעלט דערצו, אַ פּיצעלע, אַ פּינטעלע, אוי־אוי —
כוילעם נאָז נוי,
גוט אַזוי און רעכט אַזוי,
נאָז איז דאָ — נו ווו־זשע איז דער כוילעם? . .
זעצט רעב מײַזל־מיזל זיך אַנידער,
קעגן אים דער גאַנצער אוילעם,
און מע ציטערט און מע וואַרפט מיט אַלע גלידער,
און מע טרייסלט און מע הייבט די פּיסלעך —
אַט־אָ גיסן טויזנט ניסלעך
זיך צונויף איניינעם אין איין גרויסן ניס,
אַט־אָ קומט זי, די דערלייזונג, אַט־אָ קומט דער גרויסער שיס,
אַט־אָ ליכטיק אין די אויגן, אָט־אָט־אָ גייט־אויף די זון —
און ? ? ?

רעדער

ציט אַ וואָגן מיט פיר סקריפּענדיקע רעדער — אַ מוזיק.
אָפן וואָגן כעוורע קלעזמער — אַף אַ כאַסענע,
צי, מיר דאַכט זיך, פון דער כאַסענע צוריק.
פאָרן, פאָרן קלעזמערלעך געלאַסענע,
ס׳יאָגט אַ ווינטעלע אַף זיי אַ שלאָף —
אָפּגעשפּילט אַ נאַכט דעם ראָוו
און דעם בעדער,
זאָלן שפּילן איצט די רעדער.
פאָרט מען, ביז מע קומט צום וועלדל. שטעלט מען זיך דאָרט אָפּ,
כעוורע קריכט־אַראָפּ,
פערדלעך לאָזט מען פּאַסען, און דער אוילעם, ווי סע פירט זיך,
דער געלייגט זיך, דער געזעצט זיך, דער שפּאַצירט זיך.
און רעב יאַנקעוו־עליע,
ער, דער ראָש פון דער קאַפּעליע,
לעבן וואָגן זיך געזעסן און געטײַנעט
מיטן באַלעגאָלע, און זײַן פידל גראָד
ער געלייגט בײַם וואָגן, האַרט בײַם ראָד.
רעדט דאָס ראָד צום פידעלע — פאַר אַ באַלאָנעס הערט זיך אײַנעט:
„הערסטו,״ זאָגט עס, „ברודערקע — (איך מיין,
דו וועסט מיך פאַרשטיין,
נאָר דו איינער — ניט אַזוי פאַרשטיין ווי פילן)
הײַנט אַ וועלט אַ פאַלשע, ברודער, אַ גענאַרטע —
פויקן, טרובעס, טאַצן גיב זיי, דזשומדזשע ווי די מילן!
איך האָב פײַנט דאָס ליידיק־פעסלדיקע, ליאַרעמדיקע שפּילן —
ליב האָב איך דאָס ווייכע, צאַרטע,

װאָס סע בעט זיך, גלעט,
װאָס גייט-איבער אַפּן בײַקאָל און פֿאַרפּאָרט העט־העט . . .
זאָג, געהערט מײַן זיפּצעלע, מײַן קרעכצעלע?
הײַנט מײַן איבערקאַטשען זיך, דאָס יעכצעלע —
קונציק, האַ? נאָר װאָס . . . אַ שטיקעלע כיסאָרן —
(עך, ניטאָ קיין מאַזל, דאַרף מען ניט קיין יאָרן!)
װער פֿאַרשטייט מיך און װאָס האָב איך פֿאַר אַ װערט?
אַז איך שפּיל פֿאַר פֿערד!
פֿון דער שקאַפּע אָפּגערעדט, אַ גאָלע גאָרניט —
שפּיל איך, זי גאָר ברױגעס װאָס איך פֿאָר ניט.
און דער קאַשטן —
גאָר אַ גאַנצער װערטלזאָגער, קליגערט זיך: ,װאָס ראַשט׳ן?
אַז אין העלדזל טריקנט, מיט אַביסל פֿאַקרע װאַשט׳ן!׳
מױכל! עט, אַ פֿערד בלײַבט פֿערד, איך זוך בײַ אים קיין קיבעד;
ס׳אַרט מיך נאָר — סע גייט דאָך מײַן טאַלאַנט לעאיבעד!״
„זאָל ער!״ זאָגט דאָס פֿידעלע גלײַכגילטיק, „קיין סעקאָנעס!״
(ע, ניט איידל!)
אָבער ניט געפֿאַלן איז בײַ זיך דאָס רעדל.
„נאַריש!״ זאָגט עס, „פֿרעגט נאָכװאָס געטאָן עס —
בײַ אַ קאָנקורענט געזוכט ראַכמאָנעס!״

פליגן

מיר דאָס מײַסעלע דערציילט אַ גרויסער שאַקרען
און אַליין געזאָגט: איך זאָג אַ ליגן.
איז אַ סימען, ס׳איז אַן עמעס. — בײַ די פליגן
גאָר אַ ווילדער קאָפּ באַוויזן זיך, אַ כאַקרען —
אויסגעפונען ער, אָן ליבע האָט דאָס לעבן ניט קיין זין
און אַ פליג מוז ליב האָבן אַפילע אויך די שפּין.
מיט זײַן אייג׳נעם סייכל ער דערצו דערגאַנגען. און אַכוץ
זיך דערגרונטעוועט צום שוירעש, וואָס פון אים די צאָרעס גרינען:
פליגן טרײַבט מען ניט אומזיסט, כאָלילע, זיי פאַרדינען.
אַז מע פליט-אום באָטל! אַז מע ברענגט קיין נוץ!
אָט, ווען פליגן מאַכן האָניק ווי די בינען,
דעמלט, דעמלט —
און אַ נאַכעסל אין כאָכעמס אייגעלעך זיך פלעמלט.
ניט געוואַרט און דורכן פליגל „מיקל־שיקל״
ער צעשיקט אַ רוף אין ווו אַ געסל, ווו אַ ליקל,
אין די הויכע פאַלעצן ווי אין די הײַזעלעך די קליינע,
אין די שמוציקע ווי אין די ריינע־שיינע:
„מירטשעם פסח שני*)
אין אַלטן ביקער־כוילים
אַן אַסייפע. ווער סע קומט, אַז וויל אים!״
און ד׳ער אויפרוף אַ געשריי אין מידבער ניט געבליבן.
אַקוראַט צום טאָג אין העקדעש זיך צונויפגעקליבן
מאַכנעס זשומענדיקע, שוואַרצע.
דאָרט אין קיך דער כאָכעם אָפּגעוואַרט זיי

---

*) „פּייסעך שייני״

און אַרויס מיט אַ געטאָקטער וויצפאַרבראָקטער רעדע.
קוים געענדיקט, זיך צעוויגט די שוואַרצע איידע —
אַ געזשומערײַ:
— האָניק מאַכן? יאָ, קעדײַ!
— גרינג צו זאָגן: מאַכן . . . פרעגט, פון וואָס?
— ווייסט ניט? האָניק מאַכט מען דאָך פון גראָז!
— ניין, פון רויזן און פון אינדיקזאָמען!
— זאָל די שפּין זיך אַזוי וויסן פונעם נאָמען!
האָניק מאַכט מען גאָר פון טרויבן! דאָס דער איקער!
— יאָ, יאָ, טרויבן! טרויבנזאַפט פאַרטרײַבט דעם אומעט!
— ז-ז-זאָל גאָט היטן! (זיך אַ היקעוואַטע פליג צעזשומעט)
טרויבנז-ז-זאַפט מאַכט ש-ש-שיקער!
— פון וואָס דען-זשע? זאָג-זשע! בעבע!
— פ-פ-פון קעבעבע!
— טו אַ קוק! אַ היקעוואַטער רעבע!
— אַז-ז-זעס־פּאָנעם! מאַמז-ז-זער! . .
און געוועזן איז דאָרט דאָס פליגעלע פון טיטעס
(ס'האָט אַ פּיסקעלע פון קופּער און מיט שטעכווערטעלעך שיט עס),
לייגט עס פאָר: העיוֹיס דער כאָכעם זיס גערעדט, באַטאַמט זיי'ר,
זאָל מען מאַכן האָניק פונעם כאָכעמס זיסע ווערטער.
— שטילער, שטילער, זעצט זיך אויסעט אַף די ערטער!
— שרײַט ניט „שטילער", וועט שוין שטילער זײַן מעמיילע!
— אוי, פאַרפאַלענע! אַ פאָלק פון גנייווע־גזיילע! — —
און אַזוי אַ גאַנצע נאַכט. פאַרטאָג אַ העסקעם ערשט געבליבן,
אַף די העקדעשווענט מיט פליגנקסאַוו פאַרשריבן:
„יאָר בײַ יאָר אַסייפעס צוויי פון פליגן פרומע, ווילע,
כוצדעם אַן אַסיפה גדוֹלה*)
איינמאָל אין אַ שמיטע,
אויב ניט מיגלעך זײַן אין פוילן, איז אין ליטע —

*) „אַסייפע גדוילע"

ביז געפינען וועט מען סאָפּקאָלסאָף
גאָר דעם בעסטן האָניקשטאָף.״
און פון דעמלט — קומט דער זומער,
הייבט זיך אָנעט מיט זשום־זשום ער:
פליגן זשומען, פליגן ראַשן,
און מע האַלט זיך מיט די הינטערפיסלעך אין איין וואַשן —
שטורעמס אין די פלאַשן —
מע אַסייפעט און מע פליט אַהער, אַהין —
נו, און האָניק? גייט, זייַט מויכל, צו דער בין!

דער פליפיש

אַזוי ווי בײַ מענטשן, אַזוי אויך בײַ פיש און בײַ כאַיעס און אויפעס.
איז אויכעט אין וואַסער פאַראַן אַ באַלשעם, אַ באַלמויפעס —
דער פליפיש. דערמאַנט ער אין ריינקייט דעם הייליקן שעם,
און מיט די פליסעדערלעך פעטער אַ נעם,
און הייבט זיך אויף העכער צען טפאָכים פון וואַסער צום הימל אַרויף,
און טויוולט זיך דאָרט אין איינסאָף,
און קומט זיך צוריק צו די פיש,
און טויוולט אין יאַם זיך, און פראַוועט אַ טיש,
און זאָגט פאַר די קאַרפנקעפ טוירע:
„איי, בורא מאורי
האש!*)
וואָס ווייס׳מיר, וואָס זענען מיר — וואַסער און פלייש!
און בלינדע מיר גראָבן אין אָפגרונטן לעכער!
נאָר אָבער, אַז טוסט אַ טו-אויס זיך פון זינדיקן בויך,
פון גאַנצן דעם גאַשמיעס אויך,
און הייבסט זיך אויף העכער פון העכער —
פאַראַנען מאַדרייגעס נאָך העכער פון הויך! —
ניטאָ דאָרט קיין וואַסער, נאָר עפעס אַ גאָרניט,
וואָס איז קולע**) גאָר, און מע טאָר ניט,
מע קען אים ניט גיבן קיין בילד און קיין נאָמען —
אַ ניין, וואָס איז מערער פון יאָ, אַ ,מסתם כל מסתמין׳:***)
דו פליסט דיר אַרום דאָרט אין ליכטיקער וואַרעמקייט
און ציטערסט אין זיסער דערבאַרעמקייט —

*) „בוירע מעאוירע האָאייש״
**) „כולו״
***) „מיסטאַם קאָל מיסטאָמען״

אַ גאַנץ אַ ראַכמאָנעס!
און זעסט אונטער דיר דעם שטאָקכוישעך, וואָס הילט דעם אָקיאָנעס,
און זעסט ווי נעשאָמעלעך, דרייענדיק ריגנען,
זיך באָדן אין גלאַנציקן נאַכעס און זינגען
געזאַנגען זיס־זיסע,
און הייבן די פליגעלעך העכער צום כסא
פון לבנת־הספיר*),
וואָס אַלע די פערל פון יאַם
פון אים ניט אַפילע קיין אָפּגלאַנץ קיין קנאַפּער!
און אָמן וְאָמן**) — אַזוי דאָס! אַזוי דאָס! אַזוי דאָס!"
און ס'הערן זיך אײַן מיט אַ דווייקעס די פיש אין די סוידעס,
און ס'נעמט זיי אַרומעט אַ וואַרעמער שטראָם,
וואָס גלײַך ווי פון האַרץ פונעם יאַם ציט,
און שטיל שטיל אַ ניגנדל פּישיש מע באָמצעט —
סע פלאַטערן בולבעלעך גרינגלעך אַרום זיי'רע ליפּלעך,
די פרומע מיט טמימעס פאַרזיגלטע קניפּלעך . . .
און איינער אַ פיש אַ היינטוועלטיקער דאָרט,
וואָס גלייבט אין דרײַ זאַכן נאָר: ווערעמלעך, ליבע און ספּאָרט —
ער כידעשט זיך, כויזעקט און לעצט:
„די פינצטערע קרעפּטן, זיי ווירקן נאָך יעצט?!
אַז צוויי מאָל צוויי פיר שוין באַרעכנט די פישמאַטעמאַטיקער —
און נאָך עקזיסטירן פאַנאַטיקער!"

---

*) „קיסע" — „ליוונעס־האַספּיר"
**) „אָמיין וועאָמיין"

כײַ געלעבט

ווער רעדט?
צאַפּעס צוויי. מע רעדט, מע מאַלעגײרעט:
— מע-ע! מה אָנו, מה חיינו?*)
נאָך אַ וואָך און נאָך אַ וואָך, נאָך איינע און נאָך איינע,
נאָך אַ צווייטע, נאָך אַ דריטע —
און דערנאָך וואָס? סאָף בעהיימע — צו דער שכיטע!
— בע!
שכיטע — מיילע! . . מע!
ס'איז אַ גורל —
מ'איז געגאַנגען און מע וועט ערשט גיין דורכן טוי'רל.
אינדערווײַל וואָס מיינסטו טוט מען, וואָס?
אַז מע לעבט, איז לעבט מען און מע קײַעט גראָז.
— גראָז? מיט גראָז פאַרשטעקט מען אַלע לעכער?
— איז דיר ווייניק, שפּרינגט מען העכער,
און מע צופּט, מע קײַעט שטרוי פון דעכער!
קײַען, ברודער, איז ניט העוול!**)
ע', וועל
איך באַלד שפּרינגען און וועל צופּן און וועל רײַסן, רײַסן!
— און מע וועט דיך כאַפּן! און מע וועט דיך שמײַסן!
— שמײַסן? בע! אַזוי אָדער אַזוי,
איינמאָל לעבט מען — קײַ-זשע שטרוי!

---

*) „מע אָנוּ, מע כאַיײנוּ"
**) „הבל"

צוויי אייזלעך

— גוט מאָרגן, רעב אייזל! — גוט מאָרגן, גוט יאָר!
— וואָס הערט זיך עפּעס גוטס?
— עט, בע . . . ניט גאָר!
געמיינט, כ׳וועל עפּעס אויפטון, ברענגען נוץ
פֿאַר זיך און פֿאַר דער וועלט,
איך וועל צעאַקערן דאָס פעלד
פון אונדזער וויסנשאַפט —
אַז העפּקער! אַז סע הערשט אַזא צעריסנשאַפט!
זאָגט דער אַזוי און נאָר אַזוי,
איז קומט דער אַנדערער און זאָגט קאַפּויר.
און בייג דיך צו, איך וועל דיר זאָגן אַפן אוי׳ר:
זאָל גאָט זיי מוחל זײַן, זיי קײַען אַלע שטרוי!
אַז מע רעדט זיך אין דער וועלט אַרײַן, האַשאָרעלעך,
בויכסוואָרעלעך,
מע שפּינט, מע דריידלט און מע דראָטלט!
איך וואָלט זיך ערשט אַ נעם געטון, זיך אָנגעזאָטלט,
איך וואָלט אַרויסגעלאָזט אַ סייפער „אֶבן־אֶזל״ —
דער ערשטער כּיילעק וועגן בילעמס אייזל,
און פעסטגעשטעלט, ווי צוועקעלעך אין דער פּידקאָווע,
דאָס אייזל וויפל טעג געפאַסט, און אויפגעפאַסט נאָר מיט פּאָלאָווע,
און וויפל ס׳האָט געהאַט אין ווידל האָר,
און ווען געבוירן, ווען געשטאָרבן — ס׳יאָר,

דעם טאָג, דעם כוידעש,
אַפּילע אויך די שאָ —
אַדהאַי׳עם וועגן דעם קיין ריכטיקע יעדיעס נאָך ניטאָ.
און אַז גערעדט יענץ אייזל לאָשן־קוידעש,
איז מוז מען וויסן אַף וואָס פאַר אַ האַוואָרע —
וואָליניש, אַשקענאַזיש, אָדער ספּאַרדיש מיטן פּאַסעך;
ביי מיר איז דאָס אַ זאַך אַ קלאָרע,
אַז בילעמס אייזל נאָר גערעדט אַף ספּאַרדיש – אַשקענאַזיש האָט איך!
דערנאָך דער צווייטער כיילעק —
הייליק!
כ׳רעד דאָרט וועגן אייזל פון ר׳ פּנחס
בן יאיר:*)
ווי אין מידבער וואַסער פּרישס געפין איך עס,
אַז יענער צאַדיק ניט געווען קיין ווייסער, נאָר אַ גראָער.
דערנאָך ערשט נאָך און נאָך.
— איז וואָס-זשע שווייַגסטו, ברודער? — אָך, אָך, אָך!
אַז שטענדיק נאָר אין יאָך!
און וואָס אי׳?
פּאַרנאָסע, זינדיקע פּאַרנאָסע! —
דאָביידע אייזלעך שטיל אַראָפּגעלאָזט די אוי׳רן
און, שאָקלענדיק די מאָרדעס טרויעריק, באַדוי׳רן:
צוליב אַ נאַרישקייט אַזויפיל כאָכמע גייט פאַרלוירן!

*) „רעב פּינכעס בען יאָער״

דער ברויגעסער דאַך

קאַעס, ווייסן מיר דאָך, איז אַווידע־זאָרע;*)
אָבער מיטן דעכל פון רעב שלוימעס הײַזעלע אַ צאָרע —
בייז, סע גייט אַ רויך אַזש פון זײַן נאָז,
פונעם קוימען.
און פאַרוואָס?
טײַנעס האָט עס צו רעב שלוימען.
הערט אַ מײַסע: שלוימעס דעכל
האָט באַקומען ערגעצווו אַ לעכל,
אָדער צוויי, צי אַפילע דרײַ — און אַז פינעף, פופצן, זעכצן,
נו, באַדאַרף מען רופן שוין דאָס דעכל רעשעטע און קרעכצן?
און וואָס ערגער נאָך — דערציילט ניט קיינעם! —
קוים וואָס עפעס, ווייסעך, אַפן הימל אַ יעריד,
בוידעם, קלאָץ, אַ כמאַרעלע — ווו טרעפט זיך ניט? —
ער אַוועק, ער ליגט שוין איבער בײַ די שכיינים!
מעג ער זיך ניט שעמען? . .
רעדט זיך אויס דאָס דעכעלע דאָס האַרץ. פאַר וועמען?
פאַר דער טויב, מיר דאַכט זיך.
הערט די טויב, פאַרטראַכט זיך,
און זי זאָגט: „אַ לעכעלע אין דאַך? דאָס מאַכט זיך —
ניט געפערלעך!
און רעב שלוימעלע? איך קען אים — פרום און ערלעך.
אָבער הער, צו זאָגן דיר איך האָב:
ווילסטו ניט, ער זאָל אַנטלויפן, וויין ניט אַף זײַן קאָפּ!"

---

*) „עבודה זרה"

דער האַרבסטטאָג און דער זייגער

עפשער ווייסט איר, זאָגט מיר, ברידער,
וואָס דרייט-אום זיך ווי אַ נעכטיקער אַ טאָג אַ מידער
אַף דער גאַס?
האַרבסטיק קויטיק, קראַנק, פּיטשנאַס,
וואָלט ער בעסער אויפגעהאַלטן זיך ווי יענער כאָכעם אין אַ פּאַס,
אָדער ווי אַ דיבעק אין אַ ווײַסן בער פון קאַלטן צאָפן,
צי גאָר אַף אַ וואָלן כמאַרעלע געלייגט זיך שלאָפן
און ערשט אויפגעשטאַנען מיט די אויגן גלאָצן,
ווען אַף די דאָלאָניעס האָר וועט שפּראָצן —
ניין, ער וויל נאָך לעבן! לעבן וויל ער גאָר!
ציען נאָך אַזוי און ציען כאָטש אַ יאָר,
נאָך אַ יאָר מיט זיך אַזוי די וועלט פאַרגראָען!
און איז ברויגעס אַפן זייגער, וואָס ער ציילט אים זײַנע שאָען:
„אין געציילטן איז די בראָכע דאָך ניט שוילעט —
שוין ניט איין טאָג אונדז דער זייגער אָפּגעקוילעט!
קיינער ניט ווי ער אַזויפיל שעדלעך!
פול מיט שפּיצעלעך און דריידלעך־רעדלעך,
רעדט ער שטיל, זיס־אומעטיק, איינטאָניק —
טיק-טאַק, טיק-טאַק, טיק-טאַק, ווי די טראָפּנס האָניק,
ביז סע נעמט דיך שלעפערן און לאָזט-אַראָפּ די ברעמען,
ווייסטו ניט פונוואַנען און פון וועמען,
רוקט זיך אָן אַף דיר אַ שוואַרצע מאַכנע
און מע כאַפּט דיך, טראָגט דיך צו דער באַבע יאַכנע,
נעמט זי און פאַררוקט דיך אינעם טשאָלנט פון די אַלטע שקראַבעס
פון איר באַבעס באַבעס באַבעס —

בלײַבט די וועלט פֿאַרי'אָסעמט, איז דאָס האַרץ דיר שווער,
ווייסטו שוין ניט ווען צו באַדוי'רן מער,
צי די וועלט, צי זיך אַליין . . ."
ברומט דער אָסי'ענטאָג, פֿאַרלירנדיק אַ טרער.
„הער!"
קלינגט דער זייגער, „אויב די וועלט דײַן איקער־מיין,
זאָלסטו גיין!
גיין און שוין ניט קומען מער, געדענק!
און לעמאַן־האַשעם, ניט בענק,
ווײַל נאָך דיר אויך וועט ניט בענקען קיינער!
נאַסע האַרבסטטעג עסן־אײַן זיך אין די ביינער,
און זיי מיינען
גאָר, די וועלט וועט נאָך זיי ווייגען!"

דער זאָק

אַפּן גאַנצן דרויסן אויסגעצויגען זיך אַ טאָג,
און ער רירט זיך ניט פון אָרט, כאָטש האַרגע, שלאָג,
צי אַפּילו קוילע!
די יאָדאַיִים אין די ווײַסע העמדאַרבל די הוילע
ער פֿאַרוואָרפֿן זיך צוקאָפּן,
און צור באָרוועסשיקסע,
וואָס בײַם וואַסער מיטן פֿראַלניק הילעכדיקע קיש אים שיקט זי,
טוט אַ זאָג ער: „מיר אין קאָפּ ניט קלאָפּן!"
אַפּן שטערן כיינדלט זיך אַ שמייכלדיקער טראָפּן
צו אַ לאָק פון זײַנע מאַמזערישע לאָקן.
שטיל ווי גאָרניט. אין די אוי׳רן קלינגען גלאָקן.
וואַרפֿט ער, ליגנדיק, אַראָפּ די זאָקן —
איין פוס העלפֿט דעם צווייטן פונעם זאָק זיך צו באַפרײַען.
נעמט דער ווײַסער זאָק צום הימל שרײַען:
„פֿאָטער, טאַטע!
זע, וואָס בין איך עס בײַ אים — אַ נאַסע שמאַטע!
איך —
שעמען זאָל ער אין זײַן גראָבן פינגער זיך! —
מיך די זון מיט גינגאָלד־שפּיסעלעך געשטריקט!
און פון וואָס? פון שטראַלנקנויל, וואָס גליקט
נאָר דער שטילער נאַכט אין שויס אים אויסצושפּינען
און זײַן נאָמען ,שטערן פון באַגינען׳!
און דערנאָך אין מילעך פונעם מילכוועג אויסגעוואַשן מיך פונק־פונק!
ערשט — געפעלט איך ניט דעם ווילן־יונג!

טאַ, וואָלט ווי אַ מענטש ער כאַפּט זיך אָנגעבויגען
און פּאַמעלעך, איידל מיט דער האַנט אַראָפּגעצויגן —
ניין, ער רײַסט גאָר מיטן נאָגל!
הימל! דונער, בליץ און האָגל!"
און דער הימל הערט די טײַנעס פונעם זאָק
און ער קושט די פּיאַטעס פונעם טאָג.

*

סטײַטש? ניטאָ אין הימל קיין גערעכטיקייט?
ווער זאָגט? ווער רעדט קעגן זײַן אַלמעכטיקייט?
וואָס-זשע דען? ניין —
דאָס איז די גערעכטיקייט אַליין!

דער באַל־ראַכמים

נאַקעט, באָרוועס, אין איין העמד,
האַלב דערשראָקן, האַלב פאַרשעמט,
ווי אַ קינד,
וואָס, פאַרפּאָלגט פון בעסטיע פון רויער,
זיך גערעאַנגלט ערגעצוו אונטער אַ מויער
און זיך אויסגעריסן אָקערשט פון דער נעץ פון זינד —
די לעוואָנע שווימט-אַרויס אין בלאָע טײַכן טרויער.
סע צעשרויפּט דיך, סע צענעמט.
דאַרפט איר מער: דער אַשמעדײַ, אים אויך בײַם האַרץ פאַרקלעמט!
אײַנגעהילט אין זיבן נעכט און אָנגעשפּאַרט אַף שווערד,
שטייט ער פאַרן גענעם־טויער און ער קלערט:
„צאַער, טרויער — דאָס דער גוירל דער לעוואָנעס,
און דער גוירל מײַנער — קלאָלעס.
צאַער, טרויער היילט מען מיט ראַכמאָנעס;
האָב ראַכמאָנעס איך, באַווײַז איך כאָטש איינמאָל עס —
און געבענטשט וועט זײַן מײַן נאָמען.
האָמען!"
טוט אַ גרילץ ער און אַ פּאַטש מיט שוועבל־פליגל,
אַזש דער גענעם שפּרינגט שיר אונטער,
„האָמען! (דעם באַל־דאָווערס גאַבע, זײַן געטרײַער הונט ער)
טייקעף אויפריגלען דעם ריגל
פון שוואַרציאָר! אַרויסלאָזן די מאַמע
פון בייזוונדער און פון ליקעכאַמע!*)

---

*) „ליקוי־חמה"

און אַ פּאַכעד אַף דער זון שיק און אַ וויסטקייט אין איר מינע!
זון, לעוואָנע — גלײַך! אויס קינע־סינע!
נעבעך, נעבעך, די לעוואָנע אַ פֿאַרשעמטע שכינע!"
„האַלט!"
הילכט אַ דונער אַ צערודערטער, יאָגט־אום און קנאַלט,
„ראָשע! וויפל ניט פֿאַראַן סעקאָנעס —
גאָר די גרעסטע, אַז דו ווערסט אַ באַל־ראַכמאָנעס!"

דאָס פּאַרפּאָלק

גאַנץ קאַיאָר, ווען העכער הויז
זיך צעבליט די רויטע רויז,
וואָס די מענטשן רופן זון,
זאָגט דער האָן
„רויטער מאָן"
צו זײַן „ווײַסער ליליע", דער הון:
— קום, זוגאָסע קריינע!
דאָ דאָס לעבן דאָך אַ מוטשעניגע, לא עלינו,*)
גיין דאָ קען מען דאָך צוגרונט!
קיינער גיט קיין פרײַנד דיר, ניט די קאַץ און ניט דער הונט —
אָפּגערעדט שוין פונעם קאָטער.
און די מענטשן — צוצולייגן צו אַ בלאָטער!
דאַכט זיך, וואָס? אַזוי זיך גאָר קיין שלעכטע ניט, כאָלילע! אַדעראַבע!
— אַלע טאָג מיט זיסע ברעקעלעך אונדז שפּײַזט די באַבע!
— ווינטשן מיר איר אוילעם־האַבע!
נאָר דאָס האַרץ, סע שרעקט זיך, אוי, סע שרעקט זיך קעגן ווילן —
הערסט, דעם מענטשס געטרײַשאַפט אַרגער מיר נאָך פונעם קיילעווס בילן!
קום-זשע, קריינע, קום פונדאַנען! —
קום איז קום.
(אַנדערש ווי דער האָן די הון, כאָלילע, קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען!)
גייט מען, גייט מען, דרייט מען זיך אַרום

---

*) „לוי אָליינו"

און מע זוכט דאָס לאַנד פון גליק,
ווו סע הערשט די קלאָרע ווײַסע ציג,
וואָס באַווײַזט אין כאָלעם זיך צו יעדן פרומען קינד,
און קיין מענטשן זעט מען דאָרט ניט און סע בילן ניט קיין הינט.
שפּאַנט מען, שפּאַנט מען. אינדערווײַל א ווערעמל אַ פּיק,
און פּאַוואָלינקע אַהין, אַהער —
נאָך אַ ווערעמל, נאָך אַ קער,
ניט געאײַלט זיך, פּאָרויס, פּאָרויס — אָט פּאַרבלאָנדזעט גאָר צוריק.
גוט און ווויל. וואָס דאַרף אַזאַ פּאָרפּאָלק דען מער?
עסן ווערעמלעך און זוכן גליק,
ביז דער כאַלעף קומט און — כיק!

דער האָן און דער אינדיק

„וואָס איז דאָס מיט דיר פּאַר אַ צאָרע?״
געזאָגט האָט צום האָן באַר־קאַפּאָרע
דער אינדיק רעב באָלעק בען־ציפּער —
אין קאַמער בײַם שויכעט רעב זיידע
געזעסן דאָרט זענען זיי ביידע,
און ווען? סאָף סליכעסצײַט, ערעוו יאָם־קיפּער.
„נוּ, שטילער! נוּ, שווײַג!
וואָס קרייסטו, צעטראָגסט אַזש די שטײַג?
דעם שויכעט גאָר וועקסטו? וואָס איז? ער זאָל אויפשטיין באַקוקן
זײַן כאַלעף, צי איז ער נאָך שאַרף
אַזויוי מע דאַרף?
זאָל שלאָפן דער קוילער! אין שלאָף נאָר איז ער ניט מעסוקן!״
„אין שלאָף נאָר — אין שלאָף נאָר —״ געשאָקלט דער האָן מיטן פּײַ׳ריקן מיצל,
און העכער צעקרייט זיך, מיט קויעך.
(דערהערט פון אַ שאָכנט אַ בוידעם אַ קריי און געטון אים אין הערדזל אַ קיצל,
נוּ, ווײַזט ער: איר קרייט דאָרט אַזוי מיר — איך קריי דאָ אַזוי אײַך!)
„דוּ שווײַגסט, דוּ בען־פּיקהאָלץ? איך זאָג דיר, ניט זינדיק!״
זיך בייזערט און פּליקט אים דאָס מיצל דער אינדיק.
„לאָז־אָפּ! אוי, לאָז־אָפּ!״ בעט דער האָן זיך, „נאָכוואָס־זשע מיט קאַס?
גאָר וועקן דעם גאַזלען? כאָלילע־ווערכאַס!
אַן אומגליק! אַ צאָרע! אַ כאַלעף! איך וויל ניט, נוּ־נוּ —
קוּקוּריקוּ!״

די מיל

אומגעקוקט האָט זיך די מיל,
אַז ניט גוט — זי מאָלט צו פיל.
פע, וואָס צו איז איבריק, ווייסט דאָך יעדער —
שוין אַפשיטע צו פיל מאָלן, דרייען רעדער.
אַז מע מאָלט אַסאַך, איז מאָלט מען דאָך ניט שטענדיק ווייץ.
איר פאַרשטייטס!
פאָכט זי מיט די פליגל, טייַנענדיק צו באַרג און טאָל:
„כ'האָב געוויינט זיך שוין צו מאָלן, מאָל איך, מאָל.
וואָס, איך מאָל ניט ווייניק קלייַען? יאָ, איך פיל עס.
וואָס-זשע זאָל איך טון? אַזאַ רעגילעס!
כאָטש, מיר דאַכט זיך, אַ רעגילעס ניט קיין אייַזן, ניט קיין שטאָל —
אַ רעגילעס קען מען ברעכן.
האַ? ווי מיינט איר? מיר אַמאָל געזאָגט אַן אַלטע מויז
(קייַעט ספּאָרימלעך אין שאָכנס הויז):
‚אַ רעגילעס איז אַ צווייטע טעווע'. נו, איז וואָס? איך רעכן,
אַז אַ טעווע קען מען אויכעט ענדערן.
פרעגט, זייַט מוחל, אונדזער מילנער סענדערן:
ר'האָט געהאַט אַ מיסע טעווע,
ז'האָט געהייסן סאָרע־שעווע —
ער גערופן זי ‚מייַן מילשטיין אַפן האַלדז' —,
פלעג זי אויכעט מאָלן, קלאַפּן, קלאַפּן, שיטן
אַף די ווונדן זייַנע זאַלץ.
וואָס-זשע מיינט איר, וואָס? ער האָט זי ניט געביטן?
יאָ, געביטן. איצטער האָט ער שוין אַ נייַע,
הייסן הייסט זי שיינע־כאַיע —

ניט קיין מילשטיין, נאָר אַ טײַבל.
וואָס? דאָס ניט קיין טעווע, זאָגט איר, נאָר אַ ווײַבל?
רעדט ניט! טעווע, טײַבל, ווײַבל — סאַראַ כילעק?
איך אַליין געהערט, געזאָגט רעב סענדערל צום שאָכן הילעק:
,הערסט, אַ ווײַב אַ קליפּע — ווי אַ מיסע טעווע! ווילִיק צי ניט ווילִיק,
ווערסט זיך מיט איר מאַטערן און מאַטערן —
מיטן טויט ווערסטו זי פּאַטערן!'
נו, איז וועט מײַן טעווע אויכעט שטאַרבן מיט דער צײַט,
ווי אַ ווײַב אַ קליפּע שטאַרבט בײַלײַט."
שמייכלען, הערנדיק זי, בערג און טאָלן.
און די מיל זי מאָלט און מאָלט, וואָס מער זי קלאָגט זיך אַבן מאָלן.

פערדלעך

שטייען פערדלעך צוויי און מאָלנדיק ביַים זשאָלעב מיט די ציין
איניינוועגס אַ שמועס מאָלן זיי — מע פּלאַפּלט.
„שוין! ניטאָ שוין קאַשטן, ניין!
ווי ער האָט געוואָרפן זיך, געציטערט און געצאַפּלט,
ביז אַף אייביק ער פון וואָגן זיך באַפריַיעט!"
זאָגט אַ פערדל קרעכצנדיק און קיַיעט.
„אָך, אָך!" זאָגט דאָס צווייטע און סע הערט ניט אויף צו מאָלן,
„אָך, ער שטייט מיר פאַר די אויגן, קאַשטן!
אָט אַזוי איניינעם מיט אַ כאַוועך לויפט׳ן, ראַשט׳ן,
איבער בערג און איבער טאָלן,
פלוצים נעמט ער, לייגט זיך גאָר אינמיטן וועג אַנידער —
טפּררר! און זיַיט געזונט! און פאָרט אָן מיר שוין, ברידער!
נאָר וואָס זאָגסטו אַפן היי?" „געמיין, נאָר בעסער ווי אַ היי אין
סידער."
„יאָ, נו, פון אַ היי אין סידער ווערט דער קאָפּ דאָך האַרט —
דו געדענקסט דאָס מיַיסעלע, וואָס קאַשטן אונדז אַמאָל דערציילט?"
„פרעגסט נאָך? אָט-אָ שטייט ער, רעדט, די ווערטער ציילט.
‚איינמאָל׳, זאָגט ער, ‚קום אין שטאַל איך, זאָגט באַלבאָס מיר: וואַרט,
כ׳וועל היַינט וויַיזן דיר אַ היי אין סידער!
גייט-אַוועק, די טיר פאַרשפּאַרט,
און די גאַנצע נאַכט דאָס האַרץ מיר קידער־ווידער —
מעסערלעך אין בויך געשניטן!׳"
„נעבעך, וואָס ביַים לעבן ער זיך אָנגעליטן!"
קיַיענדיק געזאָגט דער ערשטער,
„וויפל טעג געהונגערט, ניט געזען אַ גערשט ער!"
„און די ביַיטש אין רעגן אַ פאַרכאַלעשטן אים אַלץ געטריבן!"
מאָלנדיק און זיפצנדיק דער צווייטער צוגעגיבן.
און אַזוי באַדוי׳רנדיק און קרעכצנדיק די פערדעלעך געקיַיעט,
ביז דאָס היי אין זשאָלעב ניט געסטיַיעט.

דאָס העמד און דאָס רעקעלע

שטילער, קלאַפּ ניט, צינגל פונעם גלעקל —
עפּעס רעדט דאָרט עמעץ!
ווער? דאָס העמד צום רעקל.
— איך בין, זאָגט עס, קלאָר! ניטאָ אַף מיר קיין שעמעץ
פון קיין שמוץ, קיין שפּרענקעלע —
זאָל גאָט היטן! שפּרענקעלע איז קרענקעלע!
מעגסטו טאַקע, רעקעלע, זיך שעמען!
— איך? פאַר וועמען?
— נו, פאַר מיר, פאַרשטייט זיך! איך בין ווײַס, דו שוואַרץ.
ניט אומזיסט בין נענטער איך צום האַרץ!
שוואַרץ איז בלאָטע, ווײַס — אָט דאָס איז, ברודערל, אַ פאַרבל!
— האָב איך דיך אין אַרבל!
(זאָגט דאָס רעקל) ווייס:
דו ביסט נאָנט צום האַרץ, זאָלסט אײַנזאַפּן זײַן שווייס!

רעב בערלס הויזן

פֿאָרן דאַרף רעב בערעלע קײַן פּויזן,
אָבער אַ מעניע. וואָס? מע טאָר ניט זאָגן,
סײַדן אַפֿן אויער: אָפּגעטראָגן
ער די הויזן,
טאַקע שטאַרק!
גייט ער אַ מעציע זוכן אַפֿן אַלטן מאַרק,
און געטראָפֿן גראָד בעכאָצע־כינעם
פּלודערן אַ פּאָרל פֿון געוואַנט פֿון גרינעם,
שטײַפֿע, שפּאָגלנײַע. נאָר וואָס דען —
לאַנג, צו לאַנג. בעכעך?*)
לאַנג פֿון קורצן — ניט פֿאַר אונדז,
קורץ פֿון לאַנג — אַ קלײנע קונץ!
קומט אַהיים ער, בעט זײַן סערל:
„נעם, זוגאָסע־קרוין, דאָס שערל,
מיטן שערעלע די הויזן האַקן —
כאַפּסטו קיש אין בײדע באַקן!"
מוז זי אָבער מאָרגן באַקן.
גייט זי צו דער שכיינע ציפּל
לײַען דאָרט דאָס נײַע זיפּל,
און זי ווערט שוין דאָרט פֿאַרפֿאַלן —
זי צו פּלאַפּלען ניט קיין קלײנער באַלן.
בעט זײַן שוויגער ער, די אַלטע זלאַטע —
וויל זי שלאָפֿן לעאייסאַטע,

*) „בכן"

קען אים איצט ניט דינען.
פרווט זײַן טעכטערל ער בעטן, דינען,
איז זי טאָרעד, זוכט דאָס קעמל,
האָט קיין צײַט — מע שפּילט הײַנט „קוני־לעמל".
וואָס־זשע טוט ער, בערל?
כאַפּט אַליין דאָס שערל,
שנײַדט־אַרום, באַזוימט די עקן,
מײַסע כאַיעט,
און געלייגט זיך, ניט געהײַעט —
מיט די זאָרעס קומט דער באַלעגאָלע וועקן.
ער נאָר אײַנגעשלאָפן — זי דאָ מיטן זיפּל,
בײַסט פּאַר בושע זיך דאָס ליפּל:
„בערל וועט דאָך נעבעך זײַן גערעכט —
נײַן מאָס רייד, דאָס מאַלבעש ניט פאַרריכט!"
כאַפּט דאָס שערל, שנײַדט, אַף גיך מיט דריבנע שטעך פאַרוואָרפן —
וואָס־זשע דען, זי קען ניט? וועלן דאַרף זי נאָר!
אָפּגעפּאַרטיקט און געלייגט זיך. (מיד, און אויפשטיין מוז זי הײַנט קאַיאָר;
גוט וואָס דינעלען די טיר ניט עפענען באַדאַרפ׳ן —
מיטגעגיבן איר דעם שליסל.)
נעמט עס ניט — אַזויפיל מיט אַביסל,
קומט־אָן דינע
און דערזעט די פּלודערן די גרינע:
„יאָ, געבעטן עפּעס דאָך דער טאַטע . . ."
אַ געטרײַע טאָכטער — באַלד געכאַפּט, אַרומגעקערצט, אַרומגעבויגן,
און דערנאָך ערשט שלאָפן — שוין געקלעבט זיך איר די אויגן.
דינע אײַנגעדרימלט, שטייט שוין אויף די אַלטע זלאַטע.
(דינע ליב זיך צו באַרימען:
„קיינמאָל לייג איך זיך ניט שפּעט, אַ סימען —
גיי איך שלאָפן, שטייט די באַבע אויף, און זי
אויפשטיין שטייט זי טאָמיד פרי.")

זיך געוואַשן, אָפּגעזאָגט די אַלטע מודה*)
און צו דער אַווידע —
שנײַדן!
(פּײַנט די אַלטיטשקע צו זיצן לײדיק, סײַדן
ניט מיט אַלעמען זי, כאַסוועשאָלעם.)
און רעב בערעלע? אין כאָלעם
האַנדלט, קויפט בעזיל-האַזאָל
באַקל-מיקל-קאָל!**)
און פון אַלע די כאַלוימעס און מעציעס —
פּלודערן גאָר ביז די קניעס!

---

*) „מודע״
**) „בזיל הזול״ — „בכל מכל כל״

צווײ פעדעם

ערגעץ אין אַ פרעמדן געגנט
מיטן שוסטערפּאָדעם זיך דער רויטער פּאָדעמזײַד באַגעגנט.
כאָטש דער שוסטערפּאָדעם פאַר קײן גרויסן יאַכסן ניט געשעמט,
זיך דערפרײט מיט אים דער רויטער — אין דער פרעמד
איז דער מינדסטער גרוס אַ שטרודל.
גערן
איז דער רויטער פּאָדעמזײַד צו וויסן, עפּעס הערן,
וועגן דעם און וועגן יענעם:
„וואָס טוט שער־און־אײַזן, פינגערהוט, רעב נאָדל?"
„וואָס? רעב נאָדל? ניט איך קען אים!
איך וואָלט גערן וויסן, וואָס עפּעס דער ייכעס דעם פאַרשווינס.
יאַקבע, זאָגט מען, ער בײַ אײַך אַזעלעכס און אַזוינס,
קאָל־וועלאָך —
איר אָן אים קײן שטאָך!
גײט ער פאָרויס,
שלעפּט איר נאָך זיך, ניט — איז צאָרעס.
הערט איר, אַלע מעגט איר גײן צו מיר אין כײדער:
איך וווהין איך דאַרף — אַהין אַלײן קעסײדער.
און איך שלאָג זיך דורך, ווי האַרט סע זאָל ניט זײַן די לעדער.
זײַ אַ בעריע, ברודערל, פאָלג מיך!
פעסטער, שטײַפער דאַרף מען זײַן בײַ זיך — אַ דראָטל,
און ניט ווערן באָטל!
שווער דער וועג? איז אָן סעקאָנעס, קריך!"
„טאַ!" זאָגט פּאָדעמזײַד, „וואָס דען?
איך וואָלט אויך זיך דורכגעשלאָגן, ווען —
ווען איך האָב
אויך ווי דו אַ כאַזערקאָפּ!"

דער לאָך פון בייגל און מעשענע קנעפּלעך

זאָגט דער בעקער מוישע־מעכל:
„וויאַזוי מע מאַכט אַ בייגל ווייסטו? נעם אַ לעכל,
קלעב־אַרום אַ טייגל,
האָסטו דיר אַ בייגל."
עסט מען אויף דעם בייגל, וווּ־זשע בלײַבט דער לאָך? אין קעשענע.
איז בײַ שלוימעלען אין קעשענע אַ לאָך.
און וואָס נאָך?
קנעפּלעך צוויי אַזוינע שיינע — מעשענע.
ווילן זיי, די קנעפּעלעך, ניט הויזן
אין דער קעשענע פון שלוימעס אַלטע הויזן
מיט אַ לאָך פון בייגל —
קומט זיי עפּעס דען דערפאַר? צי זענען זיי דען חוטא בעגל,*)
אַז זיך גליטשן פון דער קעשענע זיי נעמען?
וואָס? וואָס איז דער לאָך פון בייגל? גאָרנישט שעבעגאָרנישט.
און בײַ וועמען האַלטן זיך? מיט וועמען?
ערשט — ער עפנט גאָר אַ מויל דער בייגללאָך: „איר מעגט זיך שעמען,
איר מעגושעמדיקע! קיין פאַרשטאַנד ניטאָ בײַ אײַך דאָך אַף קיין האָר נישט!
איקער איז בײַ אײַך דער בייגל, ניט דער טאָך?
איר פון רוכניעס אַנטלויפט גאָר? דאָס איז דאָך דער עצעם־מאַהוס און דער קאָל־וועלאָך
פון אַיעדן יעש,**)
און אַפילע אויך פון גראָבן מעש!

*) „כויטע בייגל"
**) „עצם מהות" — „כל־ולך" — „יש"

נעמט פּאַר אַ באַלאָנעט און צעטיילט דאָס מעש אַף טיילן און אַף טיילעכלעך,

מער, אַלץ מער, פּאַמעלעך און פּאַמעלעכלעך,
און דאָס טיילעכל דאָס דינסטע ווי אַ האָר
וויַיטער טיילט עס ווי מע טיילט דאָס יאָר
אַף כאַדאָשים, טעג און שאָען, רעגעס און סעקונדן —
קומט איר ניט צום בייגללאָך, צום גול צום רונדן?
איר באַנעמט דעם איניען! טוט אַ קלער!
נעמט דאָס טיפער נאָר! נעמט טיף עס!"
און גערעדט דער לאָך פון בייגל סייכלדיק כאַריפּעס,
רוכניעס אַהין און רוכניעס אַהער —
נאָר גערעדט צו ווּעמען? צו אַ רוכניעס ווי ער:
אויסגעוועוּן די קנעפּעלעך די צייַט, ניטאָ זיי מער!

דער האַנטעך

ברודערלעבן, האָסט אַ האַרץ, פּילסט-מיט מיט יענעם —
ראַכמים בעטן גיי-זשע!
זינדיקע זיך פּייניקן אין גענעם —
קויטיק גרייט אין הייסער דייזשע.
אונטעררעקלעך, כאַווע-העמדער,
וואָס דו גייסט ניט אָן זיי קלוימערשט, קערסט זיי אָן אַ פרעמדער,
און זיי וואַרפן פון באַהעלטעניש דיר ווייסע בליצעלעך,
קוקעלעך מיט שפּיצעלעך;
אייבערוועש און אונטערוועש — מעשאָרסים און אַדוינים —,
הויכע קעלנער און, צווישן אונדז גערעדט, טאַכטוינים —
אַלע פּריען זיך איניינעם אין איין דייזשע.
מיילע, נו, אַ מיצווע! האָסט געזינדיקט — ווייס-זשע!
ווילסט זיך שליטלען — שלעפּ דעם שליטן!
פריי'ר געזינדיקט — איצט געליטן!
אָבער וואָס-זשע טוט דער פרומער האַנטעך דאָ אינמיטן?
ער, דער פּאָרעש, וואָס פון טווילע-וואַסער נאַס —
ער ליגט אויך אין קוואַס?
נעמט צו אים זיך דאָס פאַרשײַטע אונטעררעקל:
„פּעטער, וואָס? איר אויך? אַהערצו פונעם הויכן פלעקל?
איר, רעב האַנטעך?
איי, איי, איי, דערמאַנט אײַך:
פּענעמער פאַרוואַשענע געריבן און געווישט!
קאָשער, פרום — צום סאָף גאָר: ניין, ס'איז' נישט! . .
סײַדן הײַנט דער הימל ווי אַ ברודיק לײַלעך טרייפע!
אָדער אַלפי טאָעס אײַך פאַרשלעפּט אַהערצו די מאַכשייפע

קאַטשקע־פּראַטשקע כאַיע־ראָסיע?״
„אוי, חטאתי!״*) זיפצט דער האַנטעך, „יאָ, חטאתי!״
„פעטערל, וואָס רעדט איר?״ „פרעג ניט, קינד — ניט גוט!
כ׳האָב געלעבט פון פרעמדן שמוץ און ברויד!
ווי פאַרשעמטע פענעמער — איך ראָש־ווערישן!**)
ניט געפרייט זיך מיטן קלאָרן, מיטן פרישן,
איקערשט מיר דער שמוץ — צו רייבן און צו ווישן!״

*) „כאָטאָסי״
**) „ראש־וראשון״

די באָרד

אַף דער מאָרדע טראָגט דאָס פערד די שפּיזטאָרבע די גראָע,
טוט אים ווילד האַנאָע.
און ווי דורכן אַרבל אַ פאַרקערטע זאַנג
פונעם עק צום קאָפּ לויפט אַ געדאַנק:
„אַז איך האָב אַ באָרד
דאָרט
הינטן
אַף צו טרײַבן פליגן ווי די ווינטן,
נו, איז וואָס? אַזוינע בערד
האָבן אַלע דאָך, סײַ נאַרישע סײַ קלוגע פערד.
אָבער אַז איך האָב אַ באָרדע
פאָרנט אַף דער מאָרדע,
וואָס-זשע הייסט שוין דאָס?
ע, דאָס הייסט — איך ווייס שוין וואָס!
ווער ס'איז שיין, איך קלוג — אַף טייכל פאַל איך!
ע, בײַ קיינעם אַזאַ באָרד ניטאָ — בײַ מיר נאָר און בײַם גאַלעך.
ניט קיין פלעדערוויש מײַן באָרד און ניט קיין בעזעמל — אַ לאָפּעטע!
הײַנט-זשע, אַז מע קושט דעם גאַלעכס האַנט, פאַרוואָס-זשע קושט מען ניט מײַן קאָפּעטע?
טאָמער שווער זיך צו דער קאָפּעטע צו בייגן,
וועל איך זי דערלאַנגען, גלײַך אין מויל זי לייגן,
דאָס בײַ מיר קיין טערכע ניט קיין גרויסע —
קוקט!" און אומר ועושה*) —

*) „אוימער וועאויסע"

מיט דער קאָפּעטע דערלאַנגט ער דעם באַלבאָס
גלײַך אונטער דער נאָז.
קומט די בײַטש און קאַטעוועט און שנײַדט —
הירזשעט עס, דאָס פערד, און שרײַט:
„גראָבער יונג, אַמאָרעץ דו! אַ גראָער באָרד?"
נעמט די בײַטש ערשט און פאַרפאָרט
גלײַך אין פּיסק אים: „היט אונדז גאָט פון פערד,
וואָס זיי שפּײַזן זיך פון גראָע בערד!"

דער זומבראַט· צו „זשאַבעס״ — ז׳ 23

קאָשער

אויגן טויזנטער די נאַכט און דאָך אַזוי פאַרקוקט,
ניט געזען, ווי בלוט סע גיסט זיך אינגעהיים:
האָט דער וואָלף אַ באַרנדל פאַרצוקט,
אָפּגעדושעט אין דער פינצטער, מיט זײַן זינדל אָפּגעשיקט אַהיים —
פּירט שוין אויס דער מאַזיק אַ שעליכעסל בישליימעס!
און די שאָף די מאַמע, וואָס געפרווט צו מאַכן אַ געוואַלד,
בעטן הילף בײַ הינט, בײַ מענטשן, בײַ בעהיימעס —
אויך צעריסן זי, פאַרשלעפּט אין וואַלד:
„אַזאַ כצופּע! רופט די הינט גאָר! וועקט דעם פאַסטעך!
זאָל זי וויסן ווויל:
קום צו גאַסט איך —
ניט קיין שאָרך!
האָרך,
זע און טסס — האַלט ס'מויל!"
אָפּגעגעסן, אָפּגעפרעסן, מיט אַ האָזעלע פאַרביסן
(שוין געהאַלטן נאָך דער סודע, בײַם באַלעקן,
ערשט — דאָס נעפּעשל אַדורך, צעטומלט פון אומזיסטע שרעקן,
און צווישן זײַנע נעגל שוין געבליבן שטעקן).
בייז דאָס כרישע בלוט אין פּאָנעם אים געשמיסן,
ער געזשליאָקעט דאָס ווי רויטן ווײַן ווי זיסן —
שענקט דיר גאָט אַ פעטע סודע, שטעלט ער מאַשקע אויך! —
און די שפּילפייגל צום עסן שפּילן־צו.
פּאַטשט דער וואָלף צופרידן זיך אין בויך,
עפנט ברייט דעם פּיסק און זאָגט זיך מיט אַ געוועץ:
„איך מײַן כוויו, אַ לויב צו גאָט, איך טו.
נאָר אַלצדינג מוז האָבן דאָך אַ גרענעץ —
נאָך אַזויפיל אַרבעט קאָשער איך פאַרדינט דאָס ביסל רו."

דער אָדלער און דאָס זומערפייגעלע

איינמאָל זיך געיאָגט אַן אָדלער נאָך אַ זומערפייגעלע.
סע פאַרשטייט זיך, ניט דעם הונגער אָפּ צו שטילן —
גלאַט אַזוי זיך, אַ קאַפּריז דאָס פון זײַן ווילן;
וויל אַמאָל אַן אָדלער מיט אַ באַבעטשקע זיך שפּילן,
יאָגט זיך נאָך איר, כאַפּט זי, ווי מע כאַפּט אַ רעגעלע.
אָנגעשפּילט זיך
און געפּילט זיך
מילדער, גרינגער פונעם פּרילינגווינט,
לאָזט ער אָפּ דאָס פייגעלע גרויסמוטיק
(מעג די זון פאַרגיין און אויפגיין בלוטיק —
ווען זי שפּילט זיך מיטן רעגנבויגן, איז זי דאָך אַ קינד).
זאָגט צום פייגעלע דער אָדלער: „פלי דיר,
פלי, מײַן פלאַטערבלימעלע, און בלי דיר
איבער אַלע בלימעלעך געזונטערהייט!
נאָר פאַרוואָלט זיך מיר אַ שפּיל טון, ניט געמיינט קיין שלעכטס!"
צאַפּלט עס, דאָס פייגעלע, איז אויסער זיך פאַר פרייד
און סע ווענדט צום אָדלער זיך ווי עפּעס רעכטס,
און סע רעדט אַזוינע קלוגע רייד:
„אָ, דו שטערנכאַפּער, הימלפליקער,
דו, וואָס טרינקסט זיך אָן מיט זונבלוט און דו ווערסט ניט שיקער,
האָסט דאָך מיר דאָס כיעס שיר אַרויסגעצויגן!
איך אַזוי דערשראָקן זיך, אַזוי דערשראָקן!
כי-כי-כי, געמיינט וועסט מיך צעבראָקן!
אָבער ליין, נו, ליין אין מײַנע אויגן —

צי געפינסטו דאָרט אַ סימען פון פאַרדראָס?
איך בין מויכל יעדן, מויכל טאָמיד, ניט נאָר היינט —
איך פאַר מיינע פיינד
טרינק איך זאַפט פון יעדן בלומענקאָס.
איך — מיין האַרץ פאַרצייַונג פאַר אַ גאַנצער וועלט פאַרמאָגט!"
קוקט אַף אים דער אָדלער, קוקט, און זאָגט:
„הער-אויס מיך! הער, וואָס זאָגט צו דיר דער אַלטער
כמאַרעשפאַלטער:
‚איך בין מויכל' זאָל קיין נישטיקל ניט שרייען!
ווער סע קען באַשטראָפן, דער נאָר מעג פאַרצייַען!"

דער אינדיק

זע נאָר: אָנגעטון אין ווײַסע קיטלען,
אַף די קעפּ שוואַרצבלאָע היטלען,
ריכטן ריזן אָפּ אַ סיידער
מיט צענטויזנט גינגאָלד־קאַרעס —
דאָס אַ שפּיל אַזאַ פון זון און כמאַרעס,
איידער
אין די שוואַרצע גאַלעכקליידער
אַף דער זון מיט שווערד און פײַער
פאַלט־אַרויף די פרומע נאַכט.
שטייט אַן אינדיק לעבן שײַער
און ער טראַכט,
וועגן וואָס ביכלאַל סע טראַכט אַן אינדיק — וועגן גאָרניט.
שטילער! כאָלעם גיסט מיט וואָר זיך איבער —
איז דער כאָלעם ניט קיין כאָלעם און דער וואָר קיין וואָר ניט.
און פון פוסטע גריבער,
און פון קוימענעס, פון שטיבער
ציען זיך גאַלאָכים, שוואַרצע־כעוורעניקעס לויפן —
און דער שײַער ניט קיין שײַער, גאָר אַ שײַטערהויפן!
בלאָזט זיך אָן דער אינדיק, גייט־אַוועק און אָלדערט:
„מעג זיך ברענען טויזנט מאָל דאָרט,
זאָל זיך טון אַף בענק און טישן —
ניט מײַן אייסעק! איך וועל זיך ניט מישן!"

*

מוז מען פרעגן שוין דעם פעטער מינדעק:
וואָס אַשטייגער וואָלט געווען, ווען ס'מישט זיך יאָ אַרײַן דער אינדיק?

רײַזנדער

רײַזנדער, פֿאַרשידענע פֿאַרשוינען,
אָרעמע און רײַכע, גרויסע, קליינע,
דײַטשן און פֿראַנצויזן, טערקן, רוסן און אַחינו
בני ישראל*) — וואָס דען, סע וועט זיך לוינען?
אַלע פֿאָרן, מיר׳ן זיצן ווי מיר וווינען,
אַף די ערטער אַף די האַרטע?
פֿאָר-זשע, ברודער, כּי לכך נוצרת!**)
פֿאָרט מען: ווײַבער, קינדער, מענער,
לײַט געבילדעטע, ווילקענער,
סאָכרים אײדעלע און אַמעראַצים —
איינער אָנגעשטאָפּט, איך שאַץ אים
אין די הויכּינקע אַלאָפֿים,
נאָר אַ דײַטש! אוי, רעדט ער! גאָטעניו, ניט שטראָף אים!
נו, אַ דאָר־האַפּלאָגע, אַ מישמאַש פֿון שפּראַכן:
אַלע רעדן — ווער פֿון ליבע, מיסכער, וועטער, פּוסטע זאַכן,
ווער פֿון פּאָליטיק און ווער סע זאָגט זיך גלײַכע־ווערטלעך.
ווו-זשע איז דאָס? ערגעץ אַף אַ שיף?
כאַס־כאָלילע, ניין — אין בריווקאַסטן די בריוו!
רײַזנדער אין רײַזעמענטעלעך — קאָנווערטלעך,
און מיט רײַזעפּעסער אויך באַזאָרגט — פּאָסטמאַרקן,
מיט ביטאָכן אויכעט אין אַ גאָט אַ שטאַרקן,
נו, פֿאַרשטייט זיך, איז מען זיכער,
פֿרי׳ר צי שפּעטער, צי פּאַוואָלינקע צי גיכער,

---

*) „אַכיינו בניי ייסראָל"
**) „קי לעקאַך נעצאַרטע"

יעדער ווי אים אָנגעצייכנט, קומען וועט מען צו אַ ציל,
בעֶזרת שם יתברך*) —
וויל ער, זיך איך, וויל ער, פּאַר איך.
ניט אַיעדן אָבער איז באַשערט
אָט דאָס גליקלעכע געפיל.
ווי אַ באַרמעגען, פאַרפּינצטערט אין דער קאַרקע
נעבעך, ליגט אַן אָרעם בריוול אָן אַ מאַרקע.
(אָן אַ פאַס וואָס האָט אַ רייַזנדער די ווערט?)
און איר הערט:
אין אַ בריוול ליגט אַמאָל אַ מענטשלעך האַרץ,
אָפּטמאָל אַ פאַרביטערטס און אַן אָפּגעגנאַרטס.
קלאַפּט עס, קלאַפּט, פון זאָרג פאַרכאַפּט:
טאָמער, גאָט זאָל היטן, ביי דער גרענעץ מע דערטאַפּט,
טאָמער טוט מען אים אַ פרעג, אַ נעם צום כומעש —
ברודערל, סטייטש, סטייטש?
רופט זיך אָן צו אים דער אָנגעשטאָפּטער, דער וואָס רעדט נאָר
דייטש:
„זי זינט, זאַג איך אינען, דומיש!
דומער נאָך פון אייזן!
וואָס געוואָלט זי ווייזן —
אָנע מאַרקע קאָן מען רייזן?"
„כאַסוועשאָלעם!" ענפערט אים דאָס בריוועלע אַף מאַמעלאָשן,
„וואָס אַ בריוול אָן אַ מאַרקע? ניט אַ גראָשן!
עך, מיר וויסן, יאָ, מיר ווייסן: גליקלעך די וואָס רייזן
מיט אַ מאַרקע און מיט גרייזן!"

*) „בעעזורעס שעם ייִסבאָרעך"

ווענט

דאַכט זיך וואָס — אַ וואַנט, אַ שטומע לעלע?
ניט קיין ליבע, ניט קיין סינע, ניט קיין האָפענונגען העלע,
אָן באַגער און אָן אַ ווילן?
ניין, אַ טאָעס — איך קען שווערן בײַ די טפילן!
עמעס איז, אַ וואַנט האָט ליב זיך צו פּאַרטײַען,
דאָך אַזוי קען טרעפן זיך, אַ שטיין פון וואַנט זאָל שרײַען —
לײַט דערציילן און אין ביכער קען מען ליינען.
איך אַליין פיר ווענט געהערט אַמאָל שוין וויינען,
ווײַל אַ מאָדנע כיישעק, דאַכט זיך מיר, באַפאַלן זיי, די ווענט,
אומצוואַרפן זיך אַליין, און ניט געקענט,
ווײַל — וויל יאָ, וויל ניט — געמוזט זיי שטיין און צוזען און באַדוי׳רן,
וואָס צו גרויל און ווילדע סוידעס זיי געבוירן.
און ווער ווייסט ניט, אַז אַ וואַנט האָט אוי׳רן?
פרעג איך: אַז אַ וואַנט קען הערן, זען און פילן,
נו פאַרוואָס-זשע זאָל זי אויך אַ ליבע שוין ניט שפילן?
טאַקע! קוקן-איבער זיך צוויי ווענט —
אַ פרימאָרגנשטראַל אין פענצטער־אויג זיך ציטעריק צעברענט:
מיזרעכוואַנט אַ צאַצקע דאָך, אַ כאָסן וואָס קאַטאָרע,
אײַנגעטונקט אין ייכעס — הערצל, מוישע מאָנטעפיאָרע,
מַלבי״ם, ווילנער גאָען מיט די טפילן אַפן קאָפּ;
מײַרעוו־וואַנט אַ צנוע, רייטלט זיך, געהילט אין שוואַרצן שאָטן־צאָפּ —
מאָלע כיין זי! הײַנט איר גאַרדעראָב!
פּסס, אַ שאַפע פול מיט קליידער קיין נעהאָרע —
אַטלעס, סאַמעט, זײַד און ראַצעמאָרע.

און דערצו נאָך וועש אַ פולער קאַסטן. וואָס-זשע שטייט׳ן?
איינס דאָך אָנגעמאָסטן פאַרן צווייטן!
ווי-זשע קענען אָבער ווענט פאַרליבטע ווי אַ פליג
איינס און צוויי אַ פלי צום גליק?
קלאַפט דאָס האַרץ — דער וואַנטזייגער — טיק-טיק
און — נו, גאָרניט! . . אָ, צו ליבע מוז מען האָבן פליגל —
כאָטש אַסאַך מאָל אין אַ קלוגן שאַדכן גאָר געוועגדט.
ווער-זשע איז דער שאַדכן, וואָס ער פירט-צונויף צוויי ווענט?
ווער? דער שפּיגל.
נו, אַ שאַדכן! פּאַסיק איז דער שידעך, צי ניט פּאַסיק,
ער צו אים אַ נעם זיך ווי אַ וויַיסער־כעוורעניק אַ מאַזיק
נעמט אַ ציג אָן פאַר דער באָרד —
מאַזלטאָוו, סע פּאָרט!
שפּיגל ביידע ווענט צונויפגעפּאָרט:
מיזרעכוואַנט טראָגט מייַרעוו־וואַנט אין זיך,
מייַרעוו־וואַנט אין מיזרעכוואַנט צעשפּיגלט זיך — איין איך.
קומט דער שאַדכן, מאָנט שאַדכאָנעס — ווייסעך, טייַנע צו די ווענט!
„ווער שאַדכאָנעס? וואָס שאַדכאָנעס? ס׳אי׳ דאָך
גאָר אַ ליבעשידעך!
פרעג די שכיינים! נאָך פון קינדוויַיז מיר באַקענט —
דאָ איניינעם איינס געבוירן פאַרן צווייטן.
וואָס-זשע וויל דער שאַדכן? ער געקומען שוין צום גרייטן!"
און מע לייקנט שטיין און ביין, מע מאַכט צו גאָרנישט אים אינגאַנצן,
און מע לעבט צופרידן זיך אין זייַנע טיפע גלאַנצן.

*

קלאָגט ער זיך, דער שפּיגל, פאַרן ראָוו, דעם מאור גדול,*)
פאַרן בליצלאָמפּ, וואָס אַדורך דעם אוי׳רל פון אַ נאָדל
שלעפּט ער העלפאַנטן גינגאָלדענע מיט פּאָמפּ —
רעד צום לאָמפּ!

---

*) „מאָער גאָדל״

דער שפּיגל און דאָס בילד

אויב איר ווילט,
הערט זיך צו — צום שפּיגל רעדט דאָס בילד.
— עפּשער ווייסטו, ליבער שאָכן, מיר דערקלערן:
וואָס ביסטו? אַ קאַץ צי אַ לאַמטערן?
ערשט געווען אַ זיידע איבער דער געמאָרע,
שפּעטער אַ פאַרשלעפּטע קרענק, וואָס קושט זיך מיט אַ צאָרע!
אָן אַ שפּאַס, איך מיין עס:
ביסטו ריישעס — וואָס־זשע ביסטו שיינעס?
ביסטו שימען — וואָס־זשע ביסטו רוון?
גיב מיר צו פאַרשטיין עס!
— איך וועל פּרוון:
איינס פון צווייטן אַף דער וועלט פאַרשידן,
און אי דער אי יענער בלײַבן מוז פון דיר צופרידן.
און קעפּי,*)
ווען צוויי ליבן זיך, איז ניט זי אים און ניט ער זי,
נאָר זיי ביידע ליבן ביידע טאַקע זיך —
דו פאַרשטייסט? זיי ליבן זיך, אַ'עדער נאָר זײַן איך! —
און זיי אַלע מוז איך ריכטיק שפּיגלען,
אין מײַן האַרץ געטרײַ זיי וויגלען,
מאַך איך עס אינגיכן —
טו זיך אָן אין איכן, טו זיך אויס פון איכן.
און דער קלאַל איז: פּאַס זיך צו צו לײַט!
מיטן שטראָם גיי, מיט דער צײַט!
און דעריבער, אַלע מאָל זיך בײַט!

---

*) „כּפּי״

ניט, איז ביסטו אַ לוי־יוצלעך און דו גייסט אין בראָך!
— אָבער דאָך! . .
— ע, אומזיסט די רייד! דו האָסט מיך ניט פֿאַרשטאַנען,
ביסט נאַיוו און אָפּגעשטאַנען.
— עפּשער יאָ און עפּשער ניט. איך מיין נאָר,
דו ביסט דער און יענער און ביסט יעדער איינער,
ווײַל אַליין ביסטו ניט קיינער!

דער נאָווי

אַפֿן דאַך
שטייט אַ קראָ און שרײַט: „קראַך-קראַך!
קראַך און דונערן און בליצן!
קראַך-קראַך אַף די קלויסטערס מיט די שפּיצן,
וואָס זיי שטעכן, וואָס זיי בויערן
אין די הימלען לעכער!
קראַך אַף מויערן!
קראַך אַף דעכער!
קראַך! אַלצדינג וועט קראַכן, סע וועט גיין אַ רויך!
קראַך אַף נעסטן פֿון די הויכע ביימער!
אַף די ביימער אויך!
ווייסט, ביים אָנהייב פֿון דעם סאָף שוין שטיי׳מיר!
הערט, סע בילן הינט
און סע ראַנגלט זיך מיט זיך אַליין אוןווירבלראָד דער ווינט,
וויינענדיק און דרייענדיק זיך ווי אַ שלאַנג!
ווייסט, זיי זינגען אײַך איי׳ר לעצט געזאַנג —
דאָס געזאַנג פֿון אונטערגאַנג,
דאָס געזאַנג פֿון שטראָף און זינד!
קראַך! וואָס קלאַפּן נאַסע ביינער
דאָרט אין שטיינער?
וואַרט, איך הער, איך הער וואָס —
אַף די כערוועס, איי׳רע כערוועס
טאַנצט דער טויט אַ נאַקעטער,
נאַסער, פֿאַרמאַראַקעטער!"
און נאָך לאַנג דער נאָווי קראַקעט. קראַקעט ער

און לאָזט-אויס: „געדענקט, איך כאַזער-איבער איַיך און כאַזער —
קראַך! קראַך! קראַך!"
און אַ מאַך
מיט די פליגל, און אַ פלי, אַ שטעל זיך אַף אַ כאַזער.

*

פּאָרט דער נאָווי איבער גאַס און געסל
אַפן טרייפע-קאָשער פיסל-פּעסל
און נאָך שפּיגלט אין די אויגן דאָס נעוויאיש בליאַסקל.
שרייַט אַ באַסקאָל:
„הס כל
בּשר!*)
דאָס איַי׳ר נאָווי — דאָס ער!
איַי׳רער אַף שפּיץ דאַך ער,
איַי׳רער אַפן דאָווראַכער!"

*) „האַס קאָל באָסער"

דער עמעס

עמעס ווי דער רויטער מאָן ער בליט,
און אַמאָל אַ שוואַרצע קראָ ער, גאָט באַהיט.
פירט זיך אום אַ קוואָטשקע מיט איר פליד:
כּיינעווודיקע פיצעלעך,
לעבעדיקע עפעלעך,
מיט צוויי פיסעלעך, מיט קעפעלעך —
קעפעלעך מיט זיסע פישטשענדיקע שפיצעלעך.
און די קוואָטשקע היט די עפעלעך, זי היט,
און זי קוקט-אַרום זיך און זי ווערט ניט מיד
אַלע מאָל זיי רופן, אַלע מאָל זיי זאַמלען,
און דאָס האַרץ, סע קוועלט נאָר הערנדיק זיי שטאַמלען.
האָסטו דיר ניט, נאַ דיר — מיטאַמאָל אַ גאַסט איז דאָ!
ווער? די שוואַרצע קראָ.
— מאָרגנבלי און ווײַסע זון!
(מיט אַ ליבן גרוס באַגעגנט זי די הון)
נו, וואָס זאָגסטו אַף מײַן קליינוואַרג? (פרעגט זי איבערגליקלעך)
ניט וואָס איך, אַ מאַמע — אַלע זאָגן דאָס: אַנטיקלעך!
אויסגעוואַקסן קיין נעהאָרע היפּשע.
— טיפּשע!
(ווי מיט קאַלטן טוט די קראָ אין פּאָנעם איר אַ שפּריץ
און מיט בייזן קראַקע איר אין האַרץ אַ קריץ)
אויסגעוואַקסן . . . אַ געדולע, נו! אַ סימכע אַף איר קאָפּ!
מער זיי וואַקסן, וואַקסט דאָך די סעקאָנע אויס אין שוואַרצן טאָפּ!
היפּשע . . . פרייט זיך! בעסער
כאַפּ אַ קוק אין קיך — מע שאַרפט ניט דאָרט דאָס מעסער?

— שאַרפט מען יאָ, צי שאַרפט מען ניט — מײַן דײַגע?
— מײַנע אויך ניט! נאָר אין קיך אַ קוק טון סײַוויסײַ גיי!
וואָס-זשע, ווייסט דען ניט, אַז רעב עלישע
פּוילעך האָט ליב ער, יונגע, פרישע?
— ליב? לאַנג לעבן זאָל ער! ווער-זשע האָט ניט ליב אַזוינע?
אָבער מיטן מעסער וואָס האָט דאָס צו טון?
(כידעשט זיך די הון.)
— ס'האָט שוין! (זאָגט די קראָ) איך בין דיר ניט קיין סוינע,
נאָר —
— שוואַרצע קראָ, רעד קלאָר!
— אישע,
דײַנע קינדער מיט די ביינדעלעך וועט פרעסן רעב עלישע!
— כאָטש ער האָט זיי ליב? — ניט כאָטש, נאָר ווײַל!
קאָלזמאַן זענען פיצלעך — אָן סעקאָנעס! פריי זיך נאָך דערווײַל!
אָבער שפּעטער, שפּעטער — קראַך! השם ירחם! . .*)
שרײַט די קראָ דעם עמעס אויס, פאַרטראָגט אַזש אַפן דאַך אים.
צינדט דער דאַך זיך אָן און שעלט מיט פײַערדיקע צינגער
אי דעם עמעס אי די קראָ. דער קוואָטשקע ווערט ניט גרינגער.

*) „האַשעם יעראַכעם“

אַ טײַבע צו גאָט

דער פרימאָרגן שפּיגלט שפּאָגלנײַ און פריש
און זיס לעבן רינט זיך אין דער מינדסטער דאַרער שטרוי.
וואַרפט זיך צו דער רויז דאָס זומערפייגעלע און קושט אַזוי!
רויז און זומערפייגעלע — צוויי קיש
פון זײַן ליבן נאָמען.
זיך צונויפגעקושט און הערצעלע צו הערצל דונערט: „אַדוני!"
זאָגט-זשע: „ברוך הוא וברוך שמו —
אָמן!"
ניט געזאָגט? דערפאַר: ויבוא המן*) —
וואַקסט פון אונטער דר'ערד דאָ אויס,
ווי אַ גאַסט אַן אומגעבעטענער, די אַלטע מויז.
טוט דאָס זומערפייגעלע אַ ציטער,
פלאַטער-פליטער,
און ניטאָ מיך — אויסגעוועזן די צײַט!
און די אַלטע, ווי געוויינטלעך גוטע-פרומע לײַט,
נעמט זיך טײַנען, מוסערן די רויז:
„שטענדיק", זאָגט זי, „צו דער רעכטער רעגע שיקט מיך גאָט אַרויס!
גוט וואָס איך בין אָנגעקומען! און ווען ניט? . . נו, הער-זשע, טאָכטער, אויס,
הער, וואָס ס'זאָגט אַן אַלטע מויז דיר:
קאָלזמאַן דו ביסט יונג, געדענק, די וועלט אַ פּרויזדער,
נאָר אַ קורצער דורכגאַנג און ניט מער!
און וואָס נאָך? וווהין דו טוסט אַ דריי זיך און אַ קער,

*) „אַדעני" — „באָרעך הו אוואָרעך שמוי — אָמיין" — „וואַיאָווי האָמען"

אומעטום פאַרשפּרייט די נעץ —
שטייַגעלעך, כאַפּלאַפּערלעך און קעץ! אוי קעץ!
קעץ מיט טויזנט אויגן בלינדל-בלינדלענדיקע,
רעדל-ראָד- און ראָד-ראָד-רעדל-רינדלענדיקע,
און מעשיעך קומט ניט, און ווער ווייסט דעם קעץ!*)
אַז דער דאָר איז זינדיק — זינד אַף זינד!
זאָגט, וואָס טראַכט איר זיך? דער הימל, כאַסוועשאָלעם, בלינד?
צמאָטשקעט זיך מיט זומערפייגעלעך!
איי, געדענק! געדענק די טויזנט אייגעלעך!״
הערט, די אַלטע רעדט דאָך צו דער זאַך!
אָבער וואָס פאַרשטייט אַ רויז אין מויזנשפּראַך?
נו, צעשטראַלט זיך איר דאָס פּערל-אויג און טוט אַ לאַך —
זינד אַף זינד געקייפּלט!
ווערט די אַלטע בייז און טוט אַ מאַך פאַרצווייפלט
מיטן עקל:
„נעם כאַטש הענג די גאַל אויף אַף אַ פּלעקל!
גאָט באַשאַפן זיך אַ פּרויזדער מיט שרפ״ט**) אַלאָכים שאַלעמויזן,
ווייניק — אויסגעפּעלט אים רויזן!״

*) „קץ״
**) שרפ״ט (לייען: שאַרפּאַט) = 589

צו „בײַ רעב טאָדרעסל אין הויף“ — ז׳ 35

דער כאַמעראײזל

לאַנג דער זומערטאָג צעשטרעקט זיך אַף דער נודנער גאַס.
מאַכט דער קיילעוו מיטן אײזל זיך אַ שפּאַס:
— אײַ, דו כאַמעראײזל, זאָגט ער, דו!
קוצעניו און מוצעניו גאָר מיט דער רויטער קו?
— גײ, וואָס רעדסטו? איך? וואָס הייסט? אַ טאָעס מינעסטאַם!
— מאַכט זיך נאָר ניט, פעטער, פאַר קיין טאַם!
איך אַליין מיט מײַנע אויגן דאָס געזען
און דער שוואַרצער קאָטער אויך דערבײַ געווען —
לעבן טויער נעכטן!
נו, ווער וואָלט זיך אַף אַזוינעם ריכטן?
— שעקער! (שרײַט דאָס אײזל) שאַוו־ווּשעקער! ס'איז אַ בילבל!
זאָל אַ ציג איך ווערן! אַ צעטרעטן מילבל!
זאָל איך נעכטיקן אינדרויסן, ווען סע רעגנט!
(שווערט דאָס אײזל זיך און לייקנט שטיין און ביין.)
און אַ גאַנצן טאָג סע רוט שוין ניט, ניין, ניין —
ווען נאָר באַגעגנט,
זיך פאַר אים געקלאָגט:
— האָט געהערט איר, וואָס מע זאָגט?
אַז דעם שאָכנס פאָר־אַדומע*)
כאַיע־פרומע —
— נו?
— שרײַט צו מיר מו־מו!
— נו?
— ניט נאָר מו, נאָר מו־צע־ניו! —

*) „פרה אַדומה"

און מע לאַכט שוין אין די פויסטן, כאָדאָראָם די גאַס,
און מע טרײַבט דעם שלימאַזל מיט בעזעמער פון דערנער,
און די רויטע קוּ אים שיר ניט דורכגעלעכערט מיט די הערנער
און אַף קוילעס פון אַ מאָנקאַלב אים געמאַכט אַ יברכך*) —
אַז די גאַנצע גאַס נאָר כאַ-כאַ-כאַ און כע-כע-כע!
און סע וואָלט געווען דאָך נאָר אַ קלײנער שפּאַס,
ווען אַלײן צעפּויקט ער ניט ווי מיט אַ האַמער אין אַ פּאַס.

*) „יעוואָרעכעכאָ"

די נאָזפּאַטשיילע

וויפל קוילעס, וויפל שטימען,
פונעם דונער ביזן ביימעלע צעגרינטן
וואָס סע שמוסט זיך איבער מיט די ווינטן,
ביז צו דער פּאַטשיילע, וואָס רעב שימען
טראָגט זי אָפּן אַלטן שטייגער הינטן
אין דער טיפער קעשענע,
און ער ניצט זי צו די ברילן צו די מעשענע,
און צו דער אַפּילע, וואָס די ברילן אַף איר רײַטן —
זי רעדט אויך, די נאָזפּאַטשיילע. וואָס זאָל דאָס באַטײַטן?
ניט קיין גוטער סימען,
קאָפּווייטיק האָט הײַנט רעב שימען —
ניט פּאַר טײַניג: טעכטער פיר, פּאַרנאָסע קוים זיך ציקעט,
און דער שאַדכן טויבלעך, פּאָנפעט, היקעט . . .
ציט רעב שימען די פּאַטשיילע אַרום קאָפּ זיך שטײַפער, ענגער,
גיט שוין די פּאַטשיילע לאָשן, רעדט זי פעסטער, שטרענגער.
„דאָס איז," זאָגט זי, „אַז מע מאַכט דעם כאָלעם לענגער
פון דער נאַכט!
האָסט אַ קאָפּ, ווילסט טראַכטן — טראַכט!
אָבער מיט אַ שיר, מיט מאָס —
שפּרינג ניט העכער פון דער נאָז!
ווי געזאָגט אַמאָל אַ שטעקן:
ווער סע קען, דער מעג זיך שטרעקן,
אָבער יעדער נאָך די עקן!

(ער געהאַט אַף זיך אַ גאַלקע, ניט געווען קיין לעמעך!)
שאַ, וואָס דאַרפסטו מער? אָט בין איך אַ פּאַטשיילע,
און בעמיילע
גרעסער פון דיַין קאָפּ — איך נעם-אַרום אים נעם איך,
און יאַקאָש
בלייַבט אַ קנופּ נאָך הינטן ווי בייַ דיַין שעל־ראָש,
און אַפילע ווען די לענדן
מיט געבעט צו מיר זיך ווענדן,
נעם איך אויך אַרום זיי מיט גענאָד;
אָבער וויסן ווייס איך, ניט פאַר מיר אַריַינצוּנעמען אין אַ ראָד
ניט די שול און ניט דאָס באָד
און אַפילע ניט דאָס מינדסטע שטיבעלע אין שטאָט.״
זאָגט רעב שימען: „זאָלן מייַנע סאָנים ריידן!
וויפל גייווע אין אַ נאָזפּאַטשיילע, ווען זי ווערט באַשיידן!״

דער בראַוער קערל

ציטערט אָפן מיסט אַ טרערל,
טרעפט עס זיך דאָרט מיט אַ ווײַנשלקערל —
ביידע קײַלעכדיק, איין וווקס, אַ פּאָר.
נו, צערעדט מען זיך: — גוט־עלף! — גוט־יאָר!
— שוועסטערל, ווי רופט מען דיך? — מע רופט מיך פּערל.
— און פונוואַנען קומסטו? — פון אַ ווײַסן האַלדז,
אַזש פון אונטער פּעטן גוידער.
ניט פאַרטראָגן איך דעם רייעך פונעם שווייסיק שמאַלץ —
פּי, כאַלאָשעס! איך דערמאַן זיך, כאַפּט מיך אָן אַ שוידער!
נו, זיך אָפּגעריסן סאָפּקאָלסאָף און אַ באַלייטע
פון אַ ליבן שוימער מיטן נאָמען בעזעם
(לעבן זאָל ער! ניט אַקעגנקומען זאָל קיין בייז אים!),
איך פאַרקליבן זיך אַהער, געמאַכט אַ פּלייטע.
— גאָט מיט דיר! וואָס רעדסטו? בעזעם? ער,
דער רעצייעך? הער, איך בעט דיך, הער —
אויב דו ביסט קיין שטיין ניט, וועסטו מיך באַדויערן —:
אין אַ פרישן גאָרטן אַ צעבליטער בוים אין פרילינג מיך געבוירן
און געוואַקסן איך דאָרט — ווער מיר גוטס גינט ... אָן מײַן שאָדן ...
ליבער טוי געוואַשן, פרישער רעגן מיך געבאָדן,
פייגעלעך מיט לידעלעך אַנטשלעפט מיך און געוועקט,
זיסע זון מיט שטראַלעכלעך געקושט מיך און געלעקט
און מיט מיר געשפּילט זיך, מיך געקיצלט, איך געלאַכט.
שפּעטערצו אַ זײַדן העמדעלע אַ רויטס די מאַמע מיר געמאַכט —

איז דאָס מיר געגאַנגען! האָט דאָס מיר געקליידט!
אַז די ווײַנשעלעך די גילדענע אין הימל
דורך די נעכט צו מיר גערעדט, געוווּנקען פונעם דרימל!
— יאָ? געוווּנקען? אָט אַ מאַזל! אָט אַ פרייד!
אָבער, יאָ, אַ כידעש: אויך אַנטלאָפן? אויך אַהער?
— וואָס אַנטלאָפן? ווער?
איך ווי דו? כאָלילע! פאַל נאָר ניט אַרײַן מיר אין די רייד,
לאָז זיך דינען!
איינמאָל, בלעטער גרינען,
זון און זומערפייגעלעך און בינען —
מיר ניט, דיר ניט, קומט-אָן דער ניטגוטער
און רײַסט-אָפּ מיך — ווי מיר! — פון מײַן היים און פון מײַן מוטער!
מיט די ציין די ווילדע מיך געביסן,
מיר דאָס העמדעלע דאָס זײַדענע צעריסן
און דערנאָך ערשט מיך צום בייזן בעזעם ער געגיבן,
האָט ער מיך, דער ראָשע, אָט אַהער פאַרטריבן.
— נו, און דאָ וואָס? — זעסט דאָך: פסוילעס,
אָפּפאַל, בראָכוואַרג! ווייל איז
דיר, וואָס ווייסט ניט און פאַרשטייסט ניט ווו דו ביסט!..
זיפצט די פערל:
— נעבעך, נעבעך, ווערט פאַרפאַלן דאָ! אַ בראַווער קערל
און ער וואַלגערט זיך מיט מיר איניינעם אָפן מיסט!
*
פערל, פערל, ערגערסט זיך אומזיסט —
ניט קעדײַ, אַ פערל זאָל באַדויערן מיסט!

די נאָזפּאַטשיילע און די באָז

— זאָל דאָס זײַן אַן עמעס, שיינע־ריינע?
(צו דער נאָזפּאַטשיילע זאָגט די באָז.)
— וואָס?
— ניט קיין שלעכטע מײַסע, כאָטש אַ קליינע.
אָנגעשמעקט אַ נײַעס איך: רעב איציע
קומט פון טראַסקעוויצע,
בליט דאָרט, זאָגט ער, ניט אַ בוים אין גאָרטן, ניט אין גראָז אַ בלימל,
נאָר אַף אַלע קעפּ, אַף אַלע דעכער שימל,
און אַ נאָזפּאַטשיילע איז דער הימל —
טוט אַ נאַסער ווינט אַ בלאָז,
ווישט זיך מיטן הימל גאָט די נאָז;
גיסט אַ רעגן, ווערט אַ בלאָטע,
האָט פּאַרנאָסע ביזן גאַרטל די קאַפּאָטע.
— ווייס איך וואָס, רעב איציעס מײַסעס! קענסט אים ניט, דעם קרומען?
גלייב ניט! דאָס וועט זײַן ערשט, ווען מעשיח וועט קומען!

*

וואָס וועט ניט זײַן, ווען מעשיח וועט קומען?
פרעגט אַ בלינדן, פרעגט אַ שטומען,
פרעגט די קרעציקע, די פּאַליקע,
פרעגט אַ'עדן וויסטן קאַליקע,
פרעגט דאָס שטרײַמל, דעם צילינדער, אַלטע שיך —
פרעגט, זײַט מוחל, זיך!
ניט אומזיסט אַ צאַדיק לאַנג געטון אַ שפּײַ:
„זאָל ער קומען און איך זאָל ניט זײַן דערבײַ!"

די דערוואַכונג פונעם וואַלד

מאַזלטאָוו, אַ יאָנטעוו אַף די שאָף!
אויפגעכאַפּט דער וואַלד זיך פונעם שלאָף
און אַ זאָג געטון: „גוט־מאָרגן!
שוין גענוג אין מײַנע שאָטנס ווי אַ גאַזלען זיך פאַרבאָרגן!
ליכטיק — אַף מײַן קאָפּ גייט-אויף אַ נײַע זון!"
מיינט ניט, פּלוצים דאָס געשען — גענוג זיך דאָרט געטון:
פריער אָנגעהויבן נײַע ווינטן בלאָזן,
פרישע,
און קיין האָז שוין זאָגט ניט מער „שלא עשני אישה"*) —
וואָס „שלא עשני" עפּעס? ווײַבער ניט קיין האָזן?
שפּעטערצו געגומען שושקען זיך די בלעטער
און דער ווינט געפליקט זיי און געשיקט לאַזאָזל.
נאָכדעם גאָר — אַן אַלטן פוקס אין פּאָנעם שפּרינגט אַ האָזל:
„איך בין עלטער! דערעך־ערעץ, פעטער!"
און וואָס נאָך? די פייגל זיך צעזונגען מאָדנע האָפּערדיק
און דער וואָלף גייט-אום דערשלאָגן, שויכן־אָפּערדיק.
ערשט, אַ דונער — קנאַל נאָך קנאַל!
נעמט דער לייב זיך וואַקלען, צו דער ערד אַ פאַל —
דעמלט אויפגעציטערט שוין דער וואַלד
(קוים זיך אָנגעשטויסן, ווו סע האַלט),
מיט דער טשאַפּרינע אַ טרייסל, גוורעדיק זיך אַ צעפּאַך.
און דערנאָך
קומט דער האָניקכוידעש, ליכטיקע פיר וואָכן:
„ניט געקוילעט! ניט געביסן! ניט געשטאָכן!

---

*) „שעלוי אָסאַני אישע"

אויסקומען מע קען מיט האָניק, גרינסן און געוויקסן —"
זאָגט דער בער, דער פּרישער פּויסעק, נײַער ראָוו;
אַף די אַלע פֿליישפּרעסערס אַרויפֿגעלייגט אַ שטראָף:
„גיין אַף צוויי און מאַכן קניקסן
ווי די מענטשן, וואָס זיי שיסן זיך מיט ביקסן,
קוילען זיך מיט שווערדן —
כאַ׳עס ניט קיין מענטשן אַף גאָטס ערדן!
כאַ׳עס זענען ברידער — אַלע איינס, איין פֿלייש-און-בלוט!"
גוט?
זאָגט דער פֿוקס, מע דאַרף נאָך מאַכן בעסער —
זיצט און פּילפּלט דרײַ מעסלעס ער,
נאָכדעם אַף אַ בערגל וואַקסט ער אויס און רעדט בעזע־האַלאָשן:
„איך אַמאָל בין יונג געווען און איצטערט גראָ שוין,
כ׳האָב אַסאַך געזען, געהערט, געביסן דראָטן —
הערט-זשע, וואָס סע רעדט צו אײַך אַני האַקאָטן:
אַלע מיר די טויווע פֿון די שאָף און רינדער זעמיר אויסן —
זיי גאָר הערנער אַף די קעפּ! נאָכוואָס? זאָל זײַן אַז ניט צום שטויסן;
אָבער דאָס טיילט-אָפּ זיי, מאַכט זיי פּרעמד אונדז, רייצט דעם צאָרן!
גלײַך איז גלײַך! ניט זיי, ניט מיר — מע טראָגט ניט מער קיין האָרן!
הערנער טראָגן שטרענג פֿאַרבאָטן!
און זאָל לעבן אונדזער וואַלד און זײַנע גלײַכע קינדער,
שאָף און בערן, וועלף און רינדער!"
און פֿון דעמלט ליב דער וואָלף דאָס שעפּעלע — ער וויל ניט מער נאָר אָפּרײַסן דעם שלימאַזל די הערנער.
און וואָס איז ער שולדיק, אַז דערבײַ ווערט אויך אַ טעל
אי דאָס קעפּל אי די פֿעל?

דער צוג

טוט דער צוג אַ טקיע־פּײַף צום הימל
(עך, אַ שטימעלע, אַ שטימל!)
און צעלאָזט זיך אַף זײַן שפּראַך:
„פּוך-פּוך-פּאַך!
וואָס איז דאָס? אַ מאָדנע זאַך!
כאַ-כאַ, כאַ-כאַ, כאַ-כאַ, כאַ-כאַ, אַ געלעכטער —
אַ וואַיִיוורעך מאַכט דער דראָנג, נאָך אים דער וועכטער!
קוקט,
ווי דער באַרג, ער רוקט זיך, רוקט זיך, רוקט —
אויך דערשראָקן זיך! אַזאַ געזונטער!
און דער טאָל, ער שלעפּט זיך נאָך אַרונטער!
שטייט נאָר, שטייט נאָר! גאָט מיט אײַך!
אָט, פון גרעבליע אָפּגעריסן זיך דער טײַך,
און אָט לויפט אים נאָך דער וואַלד!
כאַפּט אים, כאַפּט אים! האַלט!
לויפט אַ שטיבעלע אים כאַפּן, לויפט דאָס צווייטע —
אינדערווײַל גאָר, כאַ-כאַ-כאַ, זיי ביידע מאַכן פּלייטע!
שטייט, וואָס בין איך? אַ מעכאַבל? אַ צעשטערער?
סדאָם-אַמוירע־איבערקערער?
צי גאָר אַ פאַרשאָלטענער איך, פון די ריזן די געפאַלענע,
די פאַרפירערס די מעטאַלענע,
פון געבּרענטער טײַוע און פון בראָנדז געקנאָטענע,
וואָס געזינדיקט מיט די מענטשנטעכטער די געראָטענע?
וואָס איז דאָס אַנטלויפן? ס'איז ניט צום פאַרשטיין —"
כידעשט זיך דער צוג, אַנטלויפנדיק אַליין.

דער אָדלער און דער מוילוואָרף

צוויי, דער אָדלער און דער מוילוואָרף, הויך געפלויגן,
ווײַט געצויגן —
איינער, ווי געוויינטלעך, מיט די פליגל
און דער צווייטער מיט דער מאַכט פון מעלעך שלוימעס זיגל.
זיבן טעג געפלויגן, אָפן אַכטן
אָנגעקומען צום גאַניידן־טאַכטן.
(אָנגעזאָגט זיי שלוימע: „דעם גאַניידן מיר באַטראַכטן!
פּאָרשטן, אויסקוקן מיט שאַרפן בליק!
דאָרט דער זין פון לעבן, דאָרט דער סאָד פון גליק,
דאָרט דער פּיסרען פון מײַן כאָלעם, וואָס איך מוז אים ערשט באַשיידן!")
אָנגעקומען ביידע צום גאַניידן,
עפנט זיך פאַר זיי אַ וועלט, אַ וועלט שעקולע*) וווּנדער.
און אַ־יעדער וווּנדער איז אַ וועלט פאַר זיך באַזונדער,
און אין יעדער וועלט אַזוי פיל און אַזוי פיל שפּיגלען,
און אין יעדן שפּיגל ריגלען־אויף זיך און פאַרריגלען
טויערן־טירן,
וואָס זיי פירן
דיך אין נײַע וועלטן זיך פאַרלירן.
טראַכט דער אָדלער זיך: „אַבי
כ'האָב געמיינט, איך פלי
און איך קוק מיך צו צו יעדן קלייניקייט, צו איטלעכס פּיצעלע באַזונדער.
יאָ, איך זע שוין, ניט געבוירן פאַר דער זון דער,
ווער זיך יאָגט נאָך יעדן איינעם פון די שטראַלן —
לאָז־אַראָפּ זיך דו צו איינציקייטן, ווערסט אַף אייביק דו פאַרפאַלן

---

*) „שכולו"

אין איין טויער, אין איין שפיגל;
העכער מוז מען הייבן דאָ די פליגל,
איבער אַלץ און איבער אַלעמען זיך שטעלן
און זיך באָדן פונדערווײַטנס אין די גלאַנצן
פונעם גאַנצן —
אַלדינגס אַרומנעמען, באַנעמען מיט אַ קוק אַ העלן!
אָ, דאָס מוז מען קענען, ווייניק נאָך דאָס וועלן!״
איז דער אָדלער דאָך אַ פליער אַ געניטער,
פליט ער,
פליט ער און סע שפּרייטן־אויס פאַר אים זיך אונטן,
אין אַ פאַנטאַזיענווונדער אין אַ בונטן,
לאַנדשאַפטן און שלעסער, שלעסער איבער שלעסער —
שלעסער פון קרישטאָל
און מערמלשטיין און העלפאַנטביין. און וואָס אַמאָל
זינען שפּאָגלנײַע, אָקערשט פון די פּוטערפעסער,
ערגעץ אַף אַ קופּאָל, אַף אַ טורעם אַף אַ רונדן —
אָט געשפּיגלט זיך אין רעגנבויגנס, אָט פאַרשווונדן.
און אַרום און איבער אַלץ אַ שאַבעסרו אַ שטילע.
און דער ווונדער וויקלט זיך, צעוויקלט זיך ווי אַ מעגילע
איבער ווערסטן, איבער מײַלן: יעדעס וואָרט מיט זיבן מיינען,
יעדער מיין מיט זיבן כיינען —
און דער אָדלער קוקט פונווײַטנס, קוועלט, און קען ניט לייענען. —
און דער מוילוואָרף איז באַשיידן און ער זאָגט: „פאַרקערט!
גראָבן דאַרף מען אין דער ערד,
אין דער טיפקייט, און ניט פליען הויך אין הימל —
זיך דערגראָבן מוז מען צו די וואָרצלען פון די זאַכן!
זאַכן? זאַכן אָן אַ שיר, אין ווייס איך וויפל פאַכן!
גאַנץ געװוג אַ זאַך: אַ בוים, אַ ביימעלע, אַ בלימל —
זיך צום וואָרצלשטענגל פון איין בלימעלע דערשלאָגן!
נאָר דעם עמעס מוז מען זאָגן,

אַז דאָס גאַנצע וואָרצלשטענגל
ליגט זיך אויכעט אַפּן סייכל ווי אַ קלעצעלע, אַ דרענגל —
אויך צו פּיל! דער וואָרצל האָט ערשט פּעדעמלעך און הערעלעך,
שעפּע־ און כאַוונע־רערעלעך —
איינס אַ הערעלע אַזאַ צעברעקל און צעפּיצל
און געפּין־אַרויס דאָס שפּראָצלינגל, דאָס שפּריצל,
ווו צווישן יאָ און ניין, דאָרט ערגעץ אין אַ קריצל,
ליגט דער אָנהייב און דער סאָף פּון גרויסן ראָצן
און דער סאָד פּון גליק, פּון לעבן און פּון שפּראָצן.
נאָר דאָט הערעלע, דאָס רערעלע איך זע פּאַר מיר אַצינד,
פּאַרן גאַנצן איבריקן איך בלינד,
אַלץ פּאַרזונקען אין אַ יאַם פּון טויטע ראָבן,
און די ראָבן דאַרף איך אויך ניט האָבן —"
זאָגט דער מוילוואָרף און ער נעמט זיך גראָבן, גראָבן —
זוכט די אוצרעס, וואָס זיי ליגן
טיף פּאַרבאָרגן אין גאַניידן
ערגעץ אינעם שאַרבן פּונעם זיידן
פּון די פליגן.
און דער סאָף? וואָלט שיין געווען אַפילע פּאַר אַ ליגן,
ווען ער איז קיין וואָר ניט:
אי דער אָדלער, אי דער מוילוואָרף דאָרט געפּאָרשט, געפּאָרשט אַ יאָר,
און דער שפּיץ — דער אָדלער ווייסט ניט גאָרניט וועגן גאָר
און דער מוילוואָרף אַלדינגס ווייסט ער וועגן גאָרניט.

דער טאַנץ (די פּויק)

אַף איר מאַזל זיך די פּויק אַמאָל געקלאָגט
און אַזוי האָט זי געזאָגט:
„גאָט אַ פאָטער, סע פאַרשטייט זיך —
איינעם נאַכעס שענקט ער, איינעם מאַקעס־רעצעך.
זעט די טרובע! אָט אַ לעבן, פּיסק צו פּיסקל —
כאָטש אַ קעלכל, צווישן אונדז זאָל בלײַבן, פון אַ שאָר־האַניסקל.
און דאָס פידעלע, אוי זעט נאָר, ווי רעב איציק
גלעט עס מיט די פינגער, מיטן סמיטשיק,
אַזוי האַרציק, אַזוי זיס,
ווי ער טוליעט — צו פיל, כלעבן! פע!
זאָגט אײַך וואָס איר ווילט — פאַר לײַטן פּאָשעט מיס!
מאַלע, נו — נאָר שאַט נאָר, שאַט! עהע,
גאָר אַ פעלטש געטון דאָס פידעלע! בעכען?*) אַ דריי בײַם אויער'ל
און געשפּילט שוין ווידער! נו וואָס דען, ווי איך? אומשטיינס-געזאָגט,
מײַן גוירל —
קלעפּ אַף קלעפּ, אַ האָגל!"
„בע!" אַ ברום געטון דער באַס, „אַ זאָקן איך, אַ ראָגל,
איך אין שפּילן בין געניט,
און איך זאָג דיר: קיש צי קלעפּ — דאָסזעלבע ליד,
קוילעס פון איין קלאָגעדיקן ניגן!
דאַכט זיך אויס אַמאָל אַ פריילעכס — אויך אַ ליגן!
ס'איז אַ שפּיל גאָר פאַרן טײַוול:
הוליע, קאַבצן! טאַנץ, רעב פײַוול!
הייב די פּיאַטעס! רײַס די שיך!
מאָרגן כאַפּט דער רוך דעם פידל אָדער דיך!"
„באָם!" זאָגט-נאָך דאָס פּײַקל, „באָם!"
אײַנפאַרשטאַנען מינעסטאַם.

---

*) „בכן"

דער רעגנבויגן און די פיש

פון אַ ווײַטער פאַרבנוועלט געצויגן,
ווי אַ יונגע מאַמע איבער וויגעלע פון קינד געבויגן —
איבער טײַך אַ רעגנבויגן.
שטייט און שטייט — דאָס קינד זיך נאָך גענוג ניט אָנגעזויגן
מיט די זיבנפאַרביק זיסע מילכן,
ס'מאַכט זיך מיט דער מאַמעס ברוסט אַ שפּילכן.
זעט — אַ שווײַגנדיקער דונער, נאָר מיט פאַרבן טוט ער הילכן!
ווערן שטומע ריידעוודיק, באַקומען לאָשן פיש —
מע באַוווּנדערט און מע כידעשט זיך: — פּש-פּש!
— פּי!
— שטייט שוין פון גאַנצפרי!
— פּילע-פּלאָים!
— איך באַטראַכט שוין פון אַ שאָ אים!
— פאַרבן!
— איינמאָל זען און שטאַרבן!
— ע-הע-הע!
— בע!
— אײַך געפעלט ניט? — עט!
— ממ . . . אַ קאַרפנקאָפּ און ווייסט ניט וואָס ער רעדט!
אַלצדינג ער מיט עט און בע מעוואַטל!
(מיטן עק דעם אַלטן קאַרפּ אין פּאָנעם פּאַטשט אַ יאַטל.)
— שטום, יונגאַטש!
— אַלטער קוואַטש!
— שטאַרב!
(וואַרפנדיק זיך אַפּן אַזעספּאָנעם, שרײַט דער קאַרפּ.)

אַפֿן קאַרפּ זיך וואַרפֿט דער העכט,
נעמט זיך אָן די קריוודע פֿונעם יאַט —
אַז דער קלײנער פּאָרט געדעכט!
נאָר דער קאַרפּ האָט אויך אַ צאַד.
און ווו צאַד און צדאָדים,
הײבט זיך אָן די מײַסע פֿונעם רויטן פּאָדעם,
וואָס ער ציט זיך דורך אַלע צאָרעס, אַלע ווונדן.
לאַנג דער רעגנבויגן שוין פֿאַרשווונדן,
לאַנג די פֿיש אין אים פֿאַרגעסן —
און מע האַלט זיך אין איין עסן!

שטאַדלאָנים. צו „דער באַל־יויעץ“ — ז׳ 38

צו „טינעס-כינעם" — ז' 13

קע-קו-אָק

זיך צעהוליעט קוואַקי־קוואָק,
דאָס באַרימטע פּרעשל, און סע גייט אַ קע-קו-אָק
(ס'איז אַזאַ מין מאָדנע טאַנץ דאָרט אין געמויזעכץ,
וואָס ער הייבט זיך אָן מיט פּויזעכץ
אַפֿן בויך
און גייט-איבער אין אַ שפּרינגען אינדערהויך).
שפּרינגט דאָס פּרעשל העכער גרינעם שימל
(דאָרטן הייסט עס ביזן הימל),
מיטן פּיסקעלע ביי יעדן שפּרונג אַ צמאָק,
און די זשאַבעס פּליעסקען און זיי שרייען: קע-קו-אָק!
דאָס אַ טאַנץ, זאָג איך אייך, עף-און-פֿוף!
זעט דאָס דער געמויזעכצוואָרעם „שלענגלגוף",
דרייט ער מיטן עקל,
מאַכט-אַוועק: „אַ שיין מין קע-קו-עקל!"
„דו קענסט בעסער?" זאָגט אַ זשאַבע,
„נו, באַווייז-זשע, אַדעראַבע!"
נעמט דער וואָרעם טאַנצן, ווייזט זיך באַלד אַרויס:
וואָס ס'איז שאַ'עך פּויזען אַפֿן בויך —
גאַנץ נישקאָשעדיק! דאָס קען ער אויך,
אויסגעצייכנט, יאָ, אין פּויזען איז ער גרויס;
אָבער אַז סע קומט צום שפּרינגען ביזן הימל —
נעבעך, פֿאַלט אַף אים אַ דרימל.

דער כאָסן

איינמאָל שטעלן האָט געוואָלט אַ כופּע —
ווער? דאָס הייפּטל קרויט אין גרינער יופּע.
קען אָבער דער כאָסן זיך ניט צוקלויבן קיין קאַלע.
און אײנעמענסן, נו, וועמען? זאָגט, איך פרעג אײַך אַלע!
— עפּשער דאָס אַרבוזיקל? — אַביסעלע געפּערלעך:
אַ פּאַרמאַכטס, אַרײַנקוקן אין אים איז שווערלעך,
גאָט ווייסט וואָס אין אים דאָרט טוט זיך,
ווײַסע צי גאָר שוואַרצע קערלעך!
— און די דיניע? — געל און פּירט ניט גוט זיך,
איז אַ פּליאָטקעמאַכערין, אַ צאָרע!
— עפּשער גאָר די פּאָמעדאָרע?
— ע, אָן זאַלץ, אָן טאַם!
— פּרײַלן רעטעך?
— לאָזט געמאַך, איך בעט אײַך!
אַ מאַרשאַעס, פּײַ׳ר־און־פלאַם!
— שאַ נאָר, שאַ, די פּיטשעריטשע?
— מויכל אײַך די אַלטע פּריצע!
— ווייסטו וואָס, די אוגערקע? — צו גרין!
— נו ווער דען־זשע? (פרעגט די בין —
דאָס די שאַדכנטע, וואָס פליט אַהער, אַהין.)
— כ׳וויס? איך מיין — איך טראַכט — דאָס קעפּל קרויט
וואָס שפּאַצירט דאָרט אויוון — ליכטיק דאָס און רויט —
ווען, ע —
— וואָס מיר ניט געכאָלעמט זיך ניט די נאַכט און ניט יענע!

(זאָגט די בין) נו, טו אַ קוק:
טראָגט אַ יופּע אַף אַ יופּע און איז שיין בײַ זיך און קלוג —
אָקערשט קומט די זון און טוט אַ קאַלע־קוש אים!
און פאַרוואָס? אין זכוס פון די מאַלבושים!
זאָג מיר נאָר, דו כאָסן מײַן — איך מוז דאָס וויסן, איידער
אין שאַדכאָנעס צו דער זון איך גיי דיר —:
דו אַליין וואָס ביסטו, דו און אָן די קליידער?
ניט אַ גאָלע גאָרנישט? ניט אַ הוילער קאַטשן?
ליג-זשע ווו מע קען דיך, ניט פאַר דיר זיך ווײַט צו קאַטשען!

דאָס שלעכטע מײַכל

לאַנג, צוריק מיט יאָרן,
אײדער מ׳איז נאָך מיט דער באַן געפאָרן
און די װעלט אין גאַנצן
נאָך געװען בײַ באַלעגאָלעס,
דעמלט באַלעגאָלעס זיך אין אַלדאָס גוטס געבאָדן
און שטאָט ברױט געגעסן פלאָדן.
מער פון אַלע — טאָלע:
אין דער מאַמעס בױך נאָך ער געװען אַ באַלעגאָלע,
פונעם בױך, דערצײלט מען, ער אַרױסגעפאָרן מיט אַ װיאָ.
און איר מעגט עס אַף אים גלײבן, יאָ!
אײנמאָל ער אין שטאַל געשטאַנען,
ליב אַרומגעגלעט דאָס פערדל פאַרן שפּאַנען,
און אַרױסגעבראַכט אַהינצו
זײַן געטרײַע שפּרינצע
אים אַ גרױס שטיק פלאָדן װײַסן,
פאַרן פאָרן צו פאַרבײַסן.
נעמט ער, טאָלע, זאָגט צום פערדל: „ליבער,
עפּשער גײט דאָס האַרץ דיר איבער,
פלאָדן דאָך בײַ דיר אַ נײַעס —
האָסטו אױכעט אַ קעזאַיעס!
מערער טאָרסטו איצט ניט נאַשן,
װײַל צו פלאָדן דאַרף אַ פערד זיך װאַשן —
ס׳שטײט אַזױ אין גראָבן קאָרבן־מינחה־סידער!"
און ער לײגט אַ שטיקל פלאָדן פאַרן פערד אַנידער.

נאָר דאָס פערדל אַ מעפּונעק, נעמט עס שמעקן
און דאָס זיסע שטיקעלע באַלעקן:
„וואָס מיר דאָס?"
און דערנאָך ערשט מיט דער נאָז
באַלד פון זיך אַ בלאָז.
„פע, כאַלאָשעס!" זאָגט עס, „דאָס־אָ עסן? וויאַזוי?
עסן עסט מען האָבריק, קײַען קײַט מען שטרוי —
גיב אַ פולן זשאָלעב, וועסטו זען ווי איך וועל מאָלן!
אָבער פלאָדן? פוי! אַף וויסטע בערג און טאָלן!"
*
פערדלעך — פערדישע מײַכאָלים!
פלאָדן פאַר די פערד גאָר? כאַסוועשאָלעם!

דער הונט און דער יאַם

אַפּן יאַם געפּענט האָט אַ הונט אַ פּיסק,
אַ געפּילדער אַזש פון פּאָרטוגאַל ביז בריסק —
אַפּן גישטער האָט געטון אַ נעם ער!
„דאַווקע, דאַווקע!״ שרייַט ער, „דאַווקע!
דאַווקע ווי די ווייַסע שאָף און ווי די טאַנצנדיקע לעמער!
דאַווקע, דאַווקע! גלייַך קיין נאַפּקע־
מינע
פון אַ שאָטן ביז אַ סטינע!
און צעוואָרפן דאַווקע זיך אַהין, אַהער, אַף אַ מעדינע!״
(זיך צעדאַווקעט אונדזער קיילעוו.)
„גלייבט מיר, ווען דער יאַם איז לויטער כיילעוו,
וואָלט שוין אויך געווען צו פיל! וואָס צו,
זאָגט די וועלט, איז איבעריק — כוץ פלייש און ביינער!
אָבער ווו איז כיילעוו, ווו?
ניט קיין לעמער, ניט קיין כיילעוו, גאָר אַ שווינדל אַ געמיינער —
גאַל און זאַלץ!
טפע! סע קריכט מיר ניט אין האַלדז!
עך, עך, וויפל איבריקס אַף דער וועלט פאַראַנען:
קעץ און געסט און יאַם און פליגנקיצל,
שטעקן, בייַטש, לעוואָנע, אויסגעהוילט שקאַרמיצל —
ס׳טראָגט עס אונטער דיר דער ווינט, דו ווייסט גאָר ניט פונוואַנען!״
און דער יאַם?
וואָס מער אָמעק,*) מער פאַרגינט ער זיך צו זייַן אַ טאַם:
שיפן אַפּן האַרץ און פערל אַפּן גרונט,
פרעגט ער׳ ניט, וואָס טויג אַ הונט!

*) „עמוק״

קידעש־לעוואָנע

אַף אַ זילבערשיפּעלע געקרויזט מיט פּערלשוים,
שיפּט זיך די לעוואָנע אין אַ בלאָען טרוים,
און זי שמייכלט קוים.
ערשט — אַ קיילעוו זיך צעבילט
אַף אַ קאָל מעכוצעפּדיק און ווילד:
— עי, הער בילער,
זײַט־זשע מויכל, שטילער!
(זאָגט צו אים רעב יוינעלע, אַ טויב
פונעם נאָענטן טויבנשלאַק.)
— אי נו, מאַפּסיק, שקאָץ! כאַפּסט באַלד אַ פּסאַק!
כ׳בין מעכאַדעש די לעוואָנע דאָך! איך זינג דאָך איר אַ לויב!
— וואָס? וואָס רעדט איר? איר באַזינגט דאָס שיינקייט דער לעוואָנעס?
איר, הער בילער? ניין, איר טרײַבט לעצאָנעס!
— נאַ דיר גאָר לעצאָנעס! הערסט ניט? דו ביסט טויב?
— הערן הער איך, זאָגט די טויב,
נאָר — נו זאָגט אײַך וואָס איר ווילט:
לויבט אַ קיילעוו, דאַכט זיך גאָר, ער בילט!

דער כויקער

די ראַגלאַ‏ים אונטער זיך פאַרבויגן,
אויפגעשטעלט די אוי׳רן, האַלב פאַרמאַכט די אויגן,
ליגט דאָס אייזל און סע הייבט געדאַנקען.
(וויפל כקירעס האָבן מיר כאַמוירים צו פאַרדאַנקען!)
„אַ! גוט־מאָרגן!״ די געדאַנקען אומגעריכט שלאָגט־איבער אים דאָס פערד,
„נאָר איר טראַכט, מײַן שאָכן, נאָר איר קלערט!
וואָס איז עפּעס ווידער?״
זאָגט דאָס פערד און לייגט זיך קעגן אים אַנידער,
„הערט, געדענקט מײַן וואָרט:
טראַכטן — אי פאַר זיך אי פאַר דער וועלט אַ מאָרד!״
„כ׳ווייס! נו, מיילע, ס׳טראַכט זיך אָבער פאָרט!
ס׳איז אַזוי, מײַן פרײַנד, די טעווע פון אַ כויקער —
די געדאַנקענמאַסע*) טראָגט ער ווי דאָס קעמל טראָגט דעם הויקער.
אָט לעמאָשל איך פאַרטיפט זיך אין נעגינע:
שלאָף איך, צי קײַ שטרוי איך,
וויל איך יאָ, צי וויל איך ניט — סע אַרבעט שוין דער מויעך!
ס׳איז, פאַרשטייט איר מיך, אַן איני׳ען ניט ווי גראָזן גרינע,
ניט אין איין קעהערעף־אַי׳ען
וועט איר דאָס צעקײַען!
נעמט דעם סאָלאָוויי אַשטייגער — וואָס? אַ וועוויריקל, אַ ברעקל!
און סע קלינגט מיט אים אַ וועלט — אַ גלעקל!

---

*) „געדאַנקען־משא״

זאָגט, וווּ שטעקט זײַן גוורע, וווּ? אין פֿליגל צי אין בויך?״
„כ'ווייס? מע זאָגט, אַז זינגען דאַרף אַן אוי'ר.״
„שטוּסים!״ שאָקלט מיט די אוי'רן רעב כאַמויר,
„אוי'רן האָב איך אויך!״
„עפּשער איז געוועגדט אין קאָל? אין האַלדז?״
„אי, מע דאַרף דאָך ווי דער קו אײַך גיבן לעקן זאַלץ!
וואָס-זשע, כ'האָב קיין קאָל כאָלילע? ווילט איר שרײַען, שרײַ איך!״
און דאָס אייזל ציט דעם האַלדז און טוט אַ הירזשע.
„וואָס-זשע דען? זאָגט איר-זשע!״
בעט דאָס פֿערד.
„הערט!
איך אַז קײַ אַ זאַך, צעקײַ איך,
אַלפּי סייכל!
זינגען איז געוועגדט אין מייכל, ברוּדערציוּ, אין מייכל!״
„גאָר אין מייכל? וואָס איז שאַ'עך?״
„שאַ'עך, שאַ'עך, זאָג איך אײַך, רעב פֿערד,
נאָר דאָס שײַכעס איז פאַרקערט:
ס'איז אַ קלאַל,
וויסן זאָל פֿון הײַנט די שטאַל —
וואָס דאָס מייכל קלענער,
אַלץ דאָס זינגען שענער!״

רש״י

רויק, שטילער, טומלדיקע גאַס —
רש״י שרײַבט זײַן פּירעש אַף תּנ״ך און ש״ס!*)
קורץ דער טאָג, די אַרבעט גרויס, מע טאָר קיין רעגע ניט פאַרלירן —
וואָס-זשע פּלוצים אָפּגעשטעלט זיך, וואָס-זשע?
עפּעס רש״י קאָשע,
קען זיך פונעם אָרט ניט רירן.
זיצט פאַרטראַכט ער, ברומט זיך אַ געמאָרעניגן.
וואָס-זשע זאָלן טינט-און-פעדער טון? מע נעמט דערווײַל זיך קריגן:
— דו, רעב פעדער, גרויס בײַ דיר נאָר זײַ ניט!
(ס׳טינטערל סע טײַנעט)
סייכל שעפּסט פונוואַנען דו? פון מיר!
איך אַ יאַם פון כאָכמע בין איך, מײַנס אַיעדעס טרערל
דאָך אַן עוונטאָוו, אַ פּערל —
אַ שוואַרצאַפּל אין דעם אויגנווײַסל, וואָס מע רופט פּאַפּיר! —
און אַקעגן טינטערל די פעדער:
— וואָס? וואָס רעדט ער דאָרט, דער שוואַרצער בעדער?
אויב דער טינטער יאַם, בין איך דער שטעקן וואָס איך שלאָג אים!
זאָג איך אים און זאָג אים:
וואָס ביסטו? אַ מיקווע, ווו צו טווילע זאָל איך גיין,
איידער קלוגע פעפערלעך אַף ווײַסן פעלד איך נעם פאַרזיי׳ן —
דאָס אַ הייליקע אַוווידע, ניט קיין שפּילעכל כאָלילע!
מוז פאַר יעדן שורעלע איך האָבן טווילע!
(זאָגט די פען.) און רש״י קנייטשט דעם ווײַסן שטערן הויכן,
קוקט אַף טינט-און-פעדער און באַדויערט זיי: „כאַן בוכין!״**)
וואַרטן אַף אַ טיקן אָרעמע צוויי זאַכן —
רש״י ווייסט ניט וואָס מיט זיי צו מאַכן.

---

*) „ראַשע״ — „טאַנאַך״ — „שאַס״
**) „קאַן בויכן״

מיריעמס ברונעם און דער אַמעד־אייש*)

האָט אַ פאָלק באַפרײַט זיך פון מיצראַיִם,
מאַכט דער יאַם אַ וועג אים, מידבער איז געטרײַ אים.
שטיין, קענסט גיבן וואַסער אים? איך קאָן!
און דו, קופּערהימל, דו וואָס שענקסט אים? מאָן!**)
בערג, פון אייביק אָן באַזונדער זיך געשטאַנען,
דער אין מויעוו, דער אַף באָדן פון זכוס־אָוועס,
און אַיעדער זיך אין אייגענע מאַכשאָוועס —
זיי דערזען נאָר די באַפרײַטע מאַכנעס שפּאַנען,
קאָפּ צו קאָפּ געבויגן, זיך צונויפגעשלאָסן
און האַכנאָעדיק געבעטן:
„זאָל אַף אונדזער פּלייצע אונדזער כאָלעם טרעטן,
אונדזער כאָלעם, וואָס באַקומען בלוט-און-פלייש!"
און דער מיריעמקוואַל, וואָס נאָך די מאַכנעס נאָכגעפלאָסן,
גלײַך אַן אויג פון מוטער ערד, מיט כעסעד אָנגעגאָסן,
שטיל געמורמלט און גערעדט צום אַמעד־אייש,
צו דעם פײַערזײַל, וואָס פאַרן פאָלק געגאַנגען,
אים דעם וועג געלויכטן און געברענט די מידבערשלאַנגען.
— ברודער, זאָגט דער קוואַל צום פײַער, וואָר דאָס צי אַ כאָלעם?
זע נאָר, בערג געשלאָסן שאָלעם!
עפשער צײַט שוין, פײַער זאָל מיט וואַסער גיסן זיך צוזאַמען?
קום, אָ ברודער, שפּרינג מיט דײַנע פלאַמען
אין די אָרעמס מײַנע קילע!
— זאָל גאָט היטן! כאַס־כאָלילע!
— נו פאַרוואָס-זשע? — פײַער זאָל מיט וואַסער זיך גאָר שפּילן?
— מערק
די בערג!
— סאַראַ גלײַכן? בערג פאַרשיידן טראַכטן, מיר פאַרשיידן פילן!

*) „עמוד־אש"
**) „מן"

די קראָ און דער קוקוק

„קום־אַהער, מײַן ראָבעלע, געקומען שוין די שאָ
לערנען זיך נעוויעס זאָגן!"
צו איר זינדעלע געזאָגט די אַלטע קראָ,
„מאָרגן, ווען דאָס ערשטע פרילינגווינטעלע זיך טראָגן
איבער נאָנטע, ווײַטע וועגן,
קומען לײַט צו דיר שוין אייצעס פרעגן,
בוקן זיך און קיבעד לייגן — ווערסט באַרמיצווע!
ניט געלאָזט ביז הײַנט זיך לערנען, איצט ווו
ווערסטו נעמען סייכל און ווי וויסן וואָס צו רעדן,
ווי באַגיין זיך און וואָס ענפערן אַ'עדן?
הער־זשע כאָטש איין קלאַל: מע גיט דיר — נעם!
אָבער זאָג ניט וואָס דו ווייסט — געדענק, לעמאַן־האַשעם!
ביטער איז דער עמעס, ביטער,
און מיט צאָרן הערט מען אים, מיט שוידער און מיט ציטער —
נו, איז מאַך אַביסעלע אים שיטער!
דו פאַרשטייסט? סע רעדט זיך נאָר אַזוי ,אַביסל' —
צײַט דו זאָלסט צעפיקן שוין דאָס ניסל . . .
קיצער: וואָרט וואָס שענער — עמעס בלייכער,
אָבער לאָזן מוזטו דאָך פון אים אַ סימען, כאָטש אַ זייכער!
און דעם עמעס לויבן זאָלסטו, לויבן!"
„יאָ? נאָכוואָס?" „קעדיי מע זאָל דיר גלויבן!"
און פון דאָרטן אָפּגערוקט העט־העט
זיצט זיך אַף אַ בוים דער קוקוק און ער רעדט:
„הער זיך צו, מײַן זון!
מאָרגן, ווען אינמיטן הימל שטייט די זון,

וועט געשען, דער רו׳ך־נעוויע וועט אַף דיר אָני׳אָגן —
זאָלסטו וויסן, זון, ניט שרעקן זיך, ניט שרעקן!
קלאַפּן זאָלסטו! קלאַפּן! וועקן!
און דעם עמעס זאָלסטו זאָגן,
עמעס!
זאָג זיי, ווו די צאָרע, ווו דער סאַמעך־מעם איז —
פון דער מאַמעס איי באַלייט זיי דאָך דאָס בייז!
אָבער יאָ, וואָס וויל איך זאָגן? ווייס —
(ביסט דאָך נאָך אַ קינד, און מײַרעך זײַן וואָס טויג?
ריין און לויטער ווי דער פרילינגטאָג דײַן אויג . . .)
נאָר איך זאָג דיר, כאָטש דו וועסט מיך ניט פאַרשטיין:
ווי דער עמעס זאָל ניט שיין זײַן און דערהויבן,
גיב אים צו אַ שעקערווײַמפּערל, אַ כיין!״
„יאָ? נאָכוואָס?״ „קעדיי מע זאָל דיר גלויבן!״

גוטע־ברידער

אַפּן שפּיץ פון הויכן, גרינעם באַרג,
ווו די ווינטן בלאָזן שטאַרק,
זיך דער פעטער רעב ראַכמיל
אויפגעשטעלט אַ נײַע מיל.
נו, אַוואַדע, פאַר אַ ווינטמיל דאָרט
אי דאָס העכסטע אי דאָס בעסטע אָרט.
נאָר אַ צאָרע: שווער, מעסוקן שווער אַהין צו קריכן.
וואַרט ראַכמיל אַף קוינים, וואַרט ווי אַף מעשי׳כן.
נײַ די מיל, דאָס ווינטל פריש —
און ער זיצט ווי שאַבעס נאָכן טיש.
שרעקלעך!
איינמאָל, ווי ער הערט — אַהאַ, סע קלינגען גלעקלעך!
שטעלט ער אויף זיך, קוקט זיך צו גוט מיט איין אייגל,
זעט ער, באַרגאַרויף דאָרט מיטן שטעגל
פאָרט אַ פערד־און־וועגל,
און דאָס וועגל אָנגעלאָדן פול מיט זעקלעך.
„אָ, רעב אָרן!״ רײַבט זיך רעב ראַכמיל פאַר פרייד די הענט,
„אָרן (רעב ראַכמיל פונוויַיטן אים דערקענט)
פאָרט אַ פרײַנט! פאַרלאָזט ניט! קומט צום פעטער מאָלן!
אָט אַ קוינע! ניט צו דינגען זיך און שיין באַצאָלן!
אָרן —
ע, אַ גוטער־ברודער נאָך פון קינדער־יאָרן!״
און רעב אָרן,
ער פאַמעלעך באַרגאַרויף געפאָרן

און געטראַכט:
„ווו אַ מענטש אַ מילעכל זיך מאַכט —
ווו דער טײַוול זאָגט אַ גוטע נאַכט!
יאָ, אַהין מיט זעקלעך זיך צו שלעפּן ניט קיין נאַכעס —
נאָר אַ ברייִרע? אַז די מילנערס זיך געמאַכט יאַד־אַכעס,
שנײַדן פּאַסעס און קיין כילעק
סײַ אַ פרעמדער סײַ אַ שאָכן! יאָרן, יאָרן!
שלעכטע צײַטן, און אַ גראָשן מוז מען שפּאָרן!
שווער אַרויפצושלעפּן זיך, דערפאַר וועט קאָסטן בילּיק,
צי אומזיסט גאָר אָפּמאָלן דאָס ביסל קאָרן —
ע, ראַכמיל אַ גוטער־ברודער נאָך פון קינדעריאָרן!"

די גאַנצע וועלט

שאָקלט זיך דער בוידעם, וואַקלט זיך דער דאַך,
אָט אַבאַלד-אָ — קראַך!
מויערן
ווי די קעמלען אַף די קניעס וועלן הויערן!
עפּעס סקריפּעט דאָרט אין שטאַל ווי זעכציק בייזע טויערן —
קינדער זיך באַהאַלטן, ווײַבער זיך דערשרעקן.
קומט צו לויפן מיטן שטעקן,
אַ פּאַרסאַמטער, דער באַלבאָס:
„ע, וואָט איז דאָ, וואָס?"
ערשט — דאָס אייזל רײַסט דעם גאָרגל,
רעוועט, פּרוווט אַ ניגנדל מעלאָכען,
און די פערדלעך שטייען זיך און שמאָכען.
„מאַזלטאָוו!" צעלאַכט זיך דער באַלבאָס, „אַ כאַזן מיט אַן אָרגל!
שטיל! גענוג שוין!" שרײַט ער, „שטילער!"
„הערט נאָר," זאָגט דאָס אייזל, „הערט! וואָס וויל ער?
אים, מיר דאַכט, מײַן זינגען ניט געפעלט!
עי, באַלבאָסל,
מיינסט, אַז דיר געפעלט ניט, איז דער ניגן פּאָסל?
קליגער דו גאָר פון דער גאַנצער וועלט?
אַז אַ גאַנצע וועלט זאָגט גוט, זאָגט ער פאַרקערט!"
„אייזל, ווער די גאַנצע וועלט?" „די פערד!"

צו „גאָטס סטראַפּטשעס" — ז' 46

שיכל, ביכל, טיכל

ניט איניינעם בלויז צוליב די גראַמען,
ניין, אַמאָל די דרײַ געטראָפֿן זיך צוזאַמען.
זאָגט דאָס שיכל:
„איכ׳ל
איַיך דערציילן ווו איך בין געווען,
וואָס איך האָב געזען —
נו, פֿאַרשטייט זיך, אַז איר וועט דערלויבן.״
„אָך, זיי׳ר גערן!
רעד, אַבי זאָל זײַן נאָר וואָס צו הערן!״
„אויב אַזוי, מוז איך אַליין אַביסעלע זיך לויבן:
איך בין שיכל ,וואַנדער-וואַנדער׳,
אַף זײַן פֿוס געטראָגן מיך דער מעלעך אַלעקסאַנדער,
אַלעקסאַנדער מויקדן — איר געהערט פֿון אים אַוואַדע —,
און דער ערשטער הייליקער מיקאַדע,
און דער קישעפֿמאַכער פֿון גראַנאַדע —
האָב אַ קויעך איך: איך טרעט אַף עגדעשן און שלענג!
איך געדענק,
איינמאָל אין אַ מידבער איך זיך אָנגעשלאָגן אין אַ באַרג:
טו אַ שפּרונג איך — בין איך אַפֿן קאַרק
פֿון אַשמעדײַ!
קלאַפּ איך מיטן קנאַפּל, איינס, צוויי, דרײַ —
איז דער אַשמעדײַ אַ כמאַרע!
נאָך אַ טופּע — אויס, אַ גאָרנישט, שפּענדלעך-ביינדלעך דאַרע!״
„באָוועמײַסעס!״ זאָגט דאָס ביכל, „טויזנט און איין נאַכט!
זעט איר, איך — איך האָב אַ מאַכט!

אויסגעמאָסטן איך דעם גאַנג פון שטערן, זון, לעוואָנע,
און די קנייטשן פונעם יאַם און זיי'ר באַהאַלטענע קאַוואָנע!
זאָג אַ וואָרט איך, אַ באַפעל די בליצן,
איז געפלויגן און באַוויזן זיך ווי שיידים
דורך שפּילקעקעפּלעך, נאָדלשפּיצן!
און איך פּאָר דעם בליץ מיט שטורעם און צעשייד אים!
נו, און דו וואָס?" טוט אַ דריי זיך אויס דאָס ביכל
און אַ פרעג דאָס טיכל,
„האָב ניט קיין פאַריבל, עפּעס זעסטו-אויס מיר ווי אַ פליכל
אַף אַ שוואַכן קאָפּ!"
„איך? איך האָב —
איך האָב אויפגעטון נאָך עפּעס מער!"
„וואָס איך הער!"
„יאָ, יאָ, איך האָב אויסגעווישט פון אויג אַ טרער!"

כקירע

צו פיל כאַקרענען איז שעדלעך,
ד״אָס ווייסט, דאַכט זיך מיר, אַיעדער;
ניט געוואָלט דאָס וויסן נאָר דאָס קלענסטע פון די רעדלעך
אין מײַן אַלטן זייגער און קעסיידער
נאָר געכקירעט און געוואָלט דערגיין
אי די סיבע אי דעם טאַכלעס פונעם דריי׳ן
פונעם גאַנצן זייגערגאַנג.
„לאָמיר״, זאָגט עס, „דאָס נאָר גוט פאַרשטייען, מיט געדאַנק:
ס׳דרייט איין רעדל מיטן צווייטן — עמעס,
דאָס פאַרשטיי איך, איך באַנעם עס!
און מיט אַלע רעדער
דרייט דאָרט, זאָגט מען, גאָר אַ דינע פעדער —
אויך אַ סוואָרע! און ווער דרייט די פעדער, ווער?
דאָס צו זאָגן איז שוין שווער.
שמוסן שמוסט מען, אַז פון יענער זײַט קאָפּערטע דאָרט
ליגט אַ ראָד אַ גרויסער און ער דרייט מיט אַלע —
מיגלעך! איז דאָך אָבער אַלץ די אייג׳נע שאַלע
ווידער אַף איר אָרט:
און דאָס ראָד דאָרט ווער באַוועגט?״
און געפרעגט
און געטראַכט, געטראַכט
האָט דער כאַקרען זיבן וואָכן מיט אַ נאַכט
און דערנאָך געטראַכט ערשט נאָך
דרײַ כאַדאָשים מיט אַ וואָך.

און צום סאָף האָט ער דערקלערט —
אויב איר ווייסט ניט וואָס, טאָ הערט:
יענעם ראָד דעם גרויסן,
וואָס ער דרייט זיך דאָרט אינדרויסן,
דרייט אַ ראָד נאָך איינער
און, פֿאַרשטייט זיך, ניט אַ קלענער,
און אויך יענעם דרייט אַ דריטער — און דעם דריטן?
וואָס-זשע האַקט איר איבער אינדערמיטן?
און דעם דריטן דרייט אַ פֿערדער, און אַזוי אַלץ ווײַטער, ווײַטער —
צו פֿאַרטיפֿן זיך האָט צײַט ער.
נו, און סאָפּקאָלסאָף?
מאַזלטאָוו!
אויסגעקלערט דער פֿילאָזאָף
נעכטן גראָד
נאָך אַ נײַעם ראָד!

דער זייגער און דער ווילנער גאָען

ווער האָט נייַן מאָס רייד?
ווײַבער? גייט שוין, גייט!
ווײַבער, עמעס, ליב צו רעדן, ווי דער שטייגער,
אָבער מער פון זיי דער זייגער.
ער קען קלאַפּן, רעדן אַ מעסלעס אײַך דורכאַנאַנד,
און ער וויל, מע זאָל אים הערן — פײַנגט צו רעדן צו דער וואַנט.
הערט מען נישט, איז נעמט ער קלינגען, שרײַען,
נאָר ביכלאַל ער רעדט זיך ווי אַ גריל סע גרילט —
מיט אַ קאַלטער לעבער קען ער שאָענלאַנג אײַך ברײַען.
ציט נאָר אָן אים, רעדט ער וועגן וואָס איר ווילט!
ווילט איר פילעסיפיע — ער האָט אײַך אַ באַווײַז,
אַז דער גלײַכסטער עמעס קרום
און די צײַט אַפילע אויכעט נאָר אַ קרײַז,
ווי אַ קײַלעכדיקער נול זי נעמט די וועלט אַרום.
און דאָס לעבן וואָס? אַ גיי, אַ קום,
גיי-אַהין און קום-אַהער —
און דער סאָף? איין אייביק גרויסער ווידערקער!
אויך אין פּאָליטיק ער האָט ניט ווייניק פּראַקטיק:
ווייסט דעם סאָד פון דרייען און פון טאַקטיק,
און דאָס אויך אַביסעלע —
ווי אַ רעדלפירערל אַ קליינס, אַ לײדיק שליסעלע,
קען אַ גאַנצן מעכאַניזם אָנדריי'ן און באַוועגן.
און אין מעדיצין —
דאָ אַוואַדע ער אַ באָקע, נאָך אַ מין!
דען פאַראַן אַ כוילע, וואָס בײַם זייגער זאָל ניט פרעגן,

ווען וואָס צו געזונט און צו רעפּוּע זאָל ער נעמען?
און אין קליניקייטן אויך באַהאַוונט —
ווייסט ער, ווען מע עסט און ווען מע דאַוונט,
ווען מע דאַרף זיך אויסטון און ווען אָנטון און פאַרקעמען.
און אַ שיַילע פּאַסקעט אויך ער — ווייסט, צי טאָר איך
עסן מילעכיקס שוין לויטן שולכן־אָרעך,
כאָטש געגעסן פליייש היַינט.
קלאַפּט ער, קלאַפּט, דער זייגער, פיר און פינעף שאָען —
צו זיַין שאָכן רעדט ער עס, צום בילד פון ווילנער גאָען,
וועגן דעם, וואָס היַינט די זון אונדז ווילד און בייז שיַינט
און די שטראַלן מיט אַ ציטער.
שיט, שיט, שיט און שיט ער,
און דער גאָען, ווי אַ טאַלמיד־כאָכעם, ניט פאַרלירט די רו,
הערט געדולדיק, שלאָגט ניט איבער,
ענדלעך שטעלט ער אויך אַריַין אַ כאָצע־דיבער:*)
„נו?"
ערשט — דער זייגער זיך צעקלונגען מיט אַ בייז געקלאַנג:
„אַז מע לאָזט ניט רעדן, האָט דער שמוס ניט קיין געדאַנק!"

*) „חצי־דיבור"

באַלעבאַטים

פאַר די אויגן מיר אָט שטייט ער,
ווי אַ זומפּ זײַן העסעבעטל,
אַ באַלבאָס אַ יוסטער, ברייטער,
ער שפּאַצירט זיך אין מײַן שטעטל.

ניט באַלבאַטיש

קומט דער כאַזער אין אַ פריציש הויף,
טוט זייַן כויוו,
נישטערט מיט דער מאָרדע,
און ער כריאָקעט אומצופרידן: „ניט מייַן אָרט דאָ!
נאָר מאַטריעך זיך געווען אומזיסט!
קיין טאַזיק ניטאָ, קיין בערגל מיסט —
גאָלע שטיין!
ניט באַלבאַטיש, פע! צו ריין!"

באַלעבאַטים

עפשער קענט איר זיי, רעב פיסל-פעסל
און רעב עסל-פרעסל,
ביידע באַלעבאַטים אַלטגעזעסענע,
צוויי כאַזיירים אויסגעפרעסענע,
קײַלעכדיקע בײַכלעך, נאָר די מאָרדעלעך פאַרצאָרעטע.
(אַז ניטאָ קיין אייג׳נע דײַגעס, זאָרגט מען פאַרן קלאַל!)
ס׳איז נאָך מוילצײַט, אויסגעליידיקט שוין די קאָרעטע,
און קעדיי דאָס עסן וויל באַקומען זאָל,
ליגט מען און מע רעדט פון וועלטזאַכן, פון אַלץ, פון יעדן —
און, פאַרשטייט זיך, רעדן הייסט באַרעדן.
פריי׳ר באַרעדט די שקאַפּע, וואָס האָט ליב צו טון אַ דריגע.
און דערנאָך דעם שאָכן: יאָ, אַ שויטע ער ווי אַלע היגע —
זיך געעפנט אַ געוועלבל
און ער טרײַבט די קוינים, לאָזט ניט צו קיין כאַזער צו דער שוועל!
ניט פאַרגעסן זיי די קו אויך מיטן קעלבל —
ברענען זאָל אַף זיי די פעל!
ווי דאָס מאַמעלע, אַזוי דאָס קינד!
איצט באַרעדט מען שוין די הינט:
— אַז ניט דורכצוגיין דאָס געסל!
(זיך צעהיצט רעב פיסל-פעסל)
האַווקעט איינער — האַווקען אַלע! ועכטער!
איז ניט אַ געלעכטער?
אַלע טאָג דער שטעקן זיי די ביינער ברעכט ער.

ניט מיסטאַם פּאַר טשוווע־טפילע —
און די גאַנצע וועלט בײַ זיי גאַנאָווים!
אַלצדינג האָט אַ שיר, נאָר ניט די האָזע פון די קלאָווים —
קעגן דער לעוואָנע בילן זיי אַפילע!
— כוצפּע קעגן הימל?
— איך אַליין געזען דאָס, ווי מיר האָבן הײַנט יאָם גימל!
— וואָס-זשע שווײַגט מען? ווו האַוורילע
מיטן שטעקן? וואָס? לעס־דין? לעס־דאַיען?*)
גוואַלד אין אַלע גאַסן וועמיר שרײַען!
אויפהייבן אַ ליאַרעם, אַלע הינט אַרײַנלייגן אין כײרעם —
און זאָל וויסן די לעוואָנע, אַז סע לעבן נאָך כאַזיירים!

*) „לית דין" — „לית דיין"

דער אומגליק

זומערלעב־אין דאָרף. די לופט איז אומבאַוועגלעך.
שאַבעס אָנגעיאָגט אום מיטוואָך? מעגלעך!
אַ פאַרכאָלעמטקייט, און זון, און ריינע פּאַרע.
עפּנט־אויף דער הימל ערגעץ דאָרט אין עק אַ שפּאַרע,
לאָזט־אַרויס אַ קראָ,
נעמט די קראָ זיך אויסצי'ן ווי סע ציט זיך אויס אַמאָל אַ שאָ,
ווען מע וואַרט, מע קען זיך ניט דערוואַרטן. אָט אַ בליץ!
נאָך אַ רעגע — פרישער רעגן טוט אַ שפּריץ!
אוי, אַ בראָכע אַזאַ רעגן נאָך דער גרויסער היץ,
אַ דערקוויקונג! די נעשאָמע עפנט אַלע פאַלדן
און מעכאַיע ווייל איז.
אָבער הערט אַ קוויטשען, קוילעס —
די כאַזיירים טראָגן זיך צעטומלט און מע מאַכט געוואַלדן:
„כאָר־כאָר, כמאַרעס! כאָר־כאָר, כמאַרעס! כאָר־כאָר, כמאַרעס!״
„עי, כריאָקאַרעס!
עי, וואָס איז איַיך?״ פרעגט דער הונט,
„הערט נאָר, הערט אַ גרילצן! גלייַך סע גייט די קיך צוגרונט!
כמאַרעס? נו, איז כמאַרעס! וואָס־זשע האָט מען דאָ צו ראַשן?״
„אוי, געוואַלד, זיי באָדן! אוי־אוי־אוי, זיי וואַשן!״
שרייַען די פאַרשמירטע ברייעס,
„אוי, אַ צאָרע! אוי, אַן אומגליק! מיר געפּילט נאָך פונדערפּרי עס!
פונדערפּרי!
כרי!!״
ס'האָט געטון אַ רעכטן וואַש די לייַט און מיטאַמאָל אַף זיי אַ גיס,
און מע לויפט, מע לויפט אַף אַלע פיס,
גיך אין זומפּ אין אַלטן
פאַרן פרישן רעגן זיך באַהאַלטן.

די מוירע

אומעטיק, פֿאַרכמורעט, מיטן קאָפּ צו דר׳ערד,
גלײַך אַ בייזע בסורע ערשט געהערט,
צי אַ כוילע, נעבעך, אַ געפּערלעך שוואַכער —
דרייט זיך אום רעב דאָווער־אַכער.
— וואָס מיט אײַך, הער כאַזער? (פֿרעגט דאָס פֿערד)
נאָך קיין פֿריילעך קאָל פֿון אײַך איך ניט געהערט!
אַף מי־י׳עכי׳ע*) וויינט איר? וואָס?
— כאַסוועשאָלעם! ניין, ניט דאָס!
— וואָס־זשע דען? — אַ צאָרע, ברודער! שלעכט!
אוי, סע לאָזט ניט רוען דורך די נעכט!
שטאַלן, שפּײַכלערס, אויצרעס אָן אַ שיר —
און פֿון וועמעס וועגן? אַלץ פֿון מײַנעטוועגן דאָך, פֿאַר מיר!
און איך קען זיך ניט צערײַסן, כ׳ווייס ניט ווהין פֿרי׳ר —
מוירע, עפּעס וועט נאָך בלײַבן דאָרט פֿאַר דיר!

---

*) „מי יחיה"

דער טאַם

„גוט־יאָנטעוו אײַך! איך גיי הײַנט אום גוט־יאָנטעוו ביטן.
איר מיינט, כ׳האָב אײַך פֿאַרגעסן? זאָל גאָט היטן!"
דערזעענדיק רעב זאַלמענען בײַם טויער,
שרײַט־אויס מיט סימכע רעב לאַנגאויער.
„אַהוטש, אַהוטש! צו אַלדי שוואַרצע יאָר!"
פֿאַרהאַלטנדיק די נאָז, הייבט זאַלמען אָן צו שרײַען,
צו שעלטן און צו שפּײַען.
„וואָס עפּעס", פֿרעגט דער גאַסט, „די רוגזע גאָר?
מאַ־ראַש?*) באַדאַרפֿט צו קומען פֿרי׳ר?
בעקאָוועד גאָדל, גלייבט מיר, ווען — ווען איר
זענט איינער נאָר בײַ מיר!
איך האָב דאָך אָבער נאָך דעם ראָוו, דעם דאַיען,
און כעסל
דעם דאַרדעקן, וואָס ווינט אין אונטערגעסל,
דעם כאַזן און דעם שויכעט
אויכעט,
און גאָדל באַלעגאָלע, אַ בען־איר,
אַ מאַכנים־אוירעך און קיין ב׳אָרע
מיט אַלדאָס גוטס דאָך אַן אָבאָרע —
מע קען זיך ניט פֿאַרקריגן! ווי זאָגט איר?
אי דאָ אי דאָרט צו זײַן איז נייטיק.
הײַנט זײַ אַ בעריע, ניט פֿאַרשפּעטיק!
איז האָט מיר קיין פֿאַריבל ניט, מע מוז
געפֿינען יעדן דאָך אַ זכוס.

---

*) „מה רעש"

וואָס זאָל מען —"
געפֿונען אָבער האָט גאָר זאַלמען
אַ שײַטל האָלץ און פֿוק — געטרײַ אים
אין זײַנע קאָשערע ראַגלאַיִם!
דער כאַזער — גיך, צוואַליאָם-צוואַליאָם!
און מאָרגן די כאַזיירים
דערציילט די מײַסע אונדזער טאַם
און שמאָכעט: „ווי געפֿעלט אײַך דאָס, כאַווײרים?
אַ קײַסן! ניט געהאָלפֿן קיין טערוצים!
אַ שײַטל האָלץ גאָר פּלוצים!
נאָר פּאָרט ניט שולדיק —
מיסטאַם געוואַרט שוין, נעבעך, אומגעדולדיק.
דערפֿאַר פֿאַרזאָגן וועל איך ביזן צענטן דאָר:
גוט־יאָנטעוו ביטן — גאַנץ קאַיאָר!"

עק וועלט

כאַזער כאַזעראָוויטש ערגעצווו אַ גאַסט געוואָלט זײַן צו אַ ליבער,
האָט מען, באַטלענדיק כאַלוימעס, אויסגעגאָסן
אַף זײַן קאָפּ — זאָל פאַלן דאָס אין וויסטע גריבער!
וואָס-זשע מיינט איר, זיך באַליידיקט? אים פאַרדראָסן?
בע! איר קענט אים ניט! מיט קאָלטווו*) אָנגעלאָדן,
גייט, שפּאַצירט ער זיך, דער אָדן,
כריאָקענדיק, געלאַסן,
איבער אַלע גאַסן.
וואָס,
עפּעס זידלט מען זיך? מע פאַרשטעקט די נאָז?
מיילע! ניט געפאַלן ער בײַ זיך כאָלילע —
ס'איז דאָך דאָ אַן אייצע: טווילע!
דערעך־ערעץ! רוקט זיך אָפּ לעסאַטע!
ער איז ער! און אָט-אָ
שוין געפונען, וואָס ער דאַרף — אַ בלאָטע.
אויסגעוואַלגערט קעדעבאָע, איצט שפּאַצירט ער ווײַטער,
פריילעך, ס'שמעקט די טווילע וויל אים —
נאָר אַ פּיילע, עפּעס רוקט זיך איצט נאָך מער פון אים דער אוילעם,
און אָט פליט אַ שטיין גאָר! אַרט דאָס אים שוין, שרײַט ער:
„עק וועלט! מער דו טויוולסט זיך און מאַכסט זיך רייגער,
מערער וואַרפט מען אין דיר שטיינער!"

---

*) „כּל־טוב"

דער כאַזער און די וואָראָנע

מאַכט אַ וואָרע, קינדער! אָט-אָ גייט ער,
שפּאַנט ער, דער באַלבאָס דער ברייטער!
און וואָס ריטשעט ער, וואָס מאַכט אַזאַ געוויש ער?
אַף דער וועלט ער ברויגעס — אַז ניטאָ קיין יושער!
„ווער אַף ריינקייט", שרייַט ער, „גיט האַשגאָכע? איך!
ווו אַ בלאָטע, ווו אַ צאָרע — קריך,
נישטער, באָברע! ס'העלפט דאָך ניט — אַ כויוו!
און צום סאָף גאָר: קום איך אין אַ הויף,
באַלד אַהוטש, אַהוטש, אַ וויסט געיעג,
און — אַ כאַרפּע! — אָפּטמאָל אויך געשלעג!
קאָפּע־טויוועניקעס! זאָגט, פאַרוואָס-זשע? עפּשער קאַרג
הייַנט געריניקט אַפן מאַרק?
נו, בעכען? דעריבער?
אַדעראַבע, זאָגט מען: ‚זייַט-זשע מויכל, גייט איַיך איבער!'
וועט איר זען צי פּאָלג איך ניט. מיך אַרט ניט,
אַז מע ווייַזט מיר אָן, און וואַרט ניט,
מע זאָל בעטן מיך — געגוג נאָר זאָגן!
אָבער שלאָגן גאָר? וואָס הייסט עס שלאָגן?"
„טאַקע, טאַקע!"
שרייַט רעב קראַקע
(ער געפלויגן איבער טאָל און פעלד זיך —
אַפן כאַזער אָפּגעשטעלט זיך),
„אויסוואָרפן! רעשאָים! אָ, ווי
מיך באַהאַנדלען זיי דאָ, מיך, זיי'ר נאָווי!
וואַרפן זיי ניט שטיינדלעך מיר שטאָט ברעקלעך?
שרעקלעך, שרעקלעך!
פּאָלג מיך, ברודער, פּאָר מיט מיר קיין ערץ־ייִסראָ'ל,
וועמיר הערן, וואָס אָן אונדז וועט טון דאָ קאָל!"

צו „דער טאַנץ (די פּויק)" — ז׳ 182

דער כאַזער און דאָס פערד

הערט!
אינדערפרי דער כאַזער מיטן פערד
שמוסן זיך ווי ליבע שכיינים איבער:
— אַ גוט־מאָרגן דיר אין זשאָלעב, ליבער!
— אַ גוט־יאָר דיר אין דײַן צעבער, אין דײַן קאָרעטע!
פון קאַיאָר אַ זון הײַנט אַ צעוייצערהאָרעטע
זיך צעקאַטשעט ווי אַ יונגע שקאַפּע אַף די וועגן,
וועט שוין זײַן אַ רעגן!
— כריאָק! אַ דײַגע איז דאָס, נאָר ניט מײַנע —
גאָט ברוך־הוא פאַרלאָזט ניט די כאַזיירים זײַנע.
זאָל זיך רעגענען! דאָ וואַשט דער רעגן, דאָרטן וואַקסט די בלאָטע!
— אָט־אָ!
(טוט מיטביידע נאָזלעכער דאָס פערד אַ שמאָרע)
אָט אַדאָס איז דאָך די צאָרע!
איי, די בלאָטעס! איי, זיי ליגן דאָך מיר אין די זײַטן!
— אין די זײַטן דיר די בלאָטעס ליגן?
וואָס־זשע שרײַסטו? פערד, דיר ווייניק פאַרגעניגן?
— פאַרגעניגן זאָגסטו? פאַרגעניגן, אַז די זעל פון זיך אַזש שפּײַט'ן?
אָך, אָך! איך דאַרף מאַכן הײַנט אַ וועג אַ ווײַטן!
— מאַכט מען!
— יאָ, פאַרשטייט זיך! וואָס, אַ ברייירע? אָבער טראַכטן טראַכט מען:
סע פאַרכאַפּט אַ רעגן,
און די וועגן — אוי, די וועגן!

— וועגן? וואָס די וועגן? — זומפּיק, כאַזערעניוּ, זומפּיק!
— עט! אַוווּ אַ פערדקאָפּ, איז ער שטומפּיק!
— ווּ אַ כאַזער, איז אַ כאַזער! פּאָר!
— קוק אים אָן נאָר, קײַסט זיך גאָר!
האָסטוּ אַפּן ניכטער-האַרץ דיר אַ צווזאַמענשטויסעכץ!
(זאָגט דער כאַזער און גייט זוכן אַ געמויזעכץ.)

*

שפּעטערצוּ צום פערדל רעדט דער וואָגן:
„הערסטוּ, וואָס איך וועל דיר, ברודער, זאָגן —
פּאַר אַ כאַזער אַף קיין בלאָטע זיך ניט קלאָגן!"

דער כאַזער און דער סאָלאָוויי

ניט קיין שאָרך! אַ פּיפּס צו טון ניט וואַגט!
שאַ! דער סאָלאָוויי, ער שפּילט, ער קנאַקט:
„קוויק דאָס האַרץ, קוויק, קוויק עס, קוויק עס
און באַגליק עס!
ס׳איז אין לעבן דאָ מעסיקעס!
קוויק!
בליק נאָך בליק
פלי׳מיר דאָך צוריק, צוריק, צוריק!
בליצט אַ בליץ, פאַרבליצט ער!
ווען-זשע אַז ניט איצטער? איצטער, איצטער, איצטער!
פלאַטערדיק, צעהיצטער
פלאַקער! פלאַקער!״
הימל עפן זיך! וואָס וויל ער, אָט דער קנאַקער?
שטילער, שטילער! לאָזט אַליין אים!
שוין, ער שפּילט שוין ניט פאַר קיינעם,
נאָר פאַר זיך, פאַר זיך אַליין אַ מיזמער:
איז מיר,
ווי אין אַ געפּענקעניש אַ פייגעלע זיך פּי׳עסטעט,
ענג אים און די לופט פאַרפּעסטעט,
און סע קען ניט מער —
סע פאַרגייט זיך און סע בעט זיך, בעט זיך ראַכמים
ביי זיין אייגענער נעשאָמע, זאָל זי לאָזן זיך פאַרקייכן אים
און אַף אייביק זיך פאַרכליסבנען אין אַ טרער!
הער נאָר, הער!

ווידער שוין געגומען שטאַרקער, העלער —
טאַנצט אַ שטערן אַף אַ טעלער!
האַלעלויאָ! ערגעצווו קלינגט-אָפּ אַ סטרונע
פון ביטאָכן, פון עמונע!
טסס! אַ קרווו*) איז דורכגעפלויגן
אַף אַ ציטערשטראַל, די טרעלן
אים געפעלן,
און ער קלויבט זיי און ער טראָגט זיי העכער, העכער,
אין אַ פײַערדיקן בעכער. —
און געמיטלעך, אַ באַלבאָס אַ יוסטער, האַלב פאַרמאַכט די אויגן,
דרימלט זיך רעב בולפאַס, קאָשער-פיסל אויסגעצויגן,
געגעצט, הייבט בעגימעסדיק זיך אויף,
און די מאָרדע שאָקלענדיק אַראָפּ, אַרויף,
פרײַכט ער און זאָגט גרעבצנדיק: „כריאָק, כריאָק!
העי, דו סאָלאָווייטשיקל, אַ רוק דײַן באַבען, זאָג,
ווו זיך אויסגעלערנט אַזוי קנאַקן?
כריאָק! (שוין לאַנג געטון אַ גרעבץ אַזאַ געשמאַקן!)
שפּיל, שפּיל, מאַמזערל, איך וועל דיך ניט פאַרגעסן!
שפּילסטו, קאָכט דער מאָגן אַנדערש גאָר דאָס עסן!"

---

*) „כרוב"

רעב סוויניאַקע

רעב סוויניאַקע —
יאָ, אַ כאַזער איז ער טאַקע,
נאָר אַ כאַזער אָן אַ גאַל.
מעגסט אים זידלען, שעלט אַפילע אים אין טאַטן,
ווייסט ער, פון קיין קלאָלעס ווערט מען ניט בעדאַל
און אַ זידלוואָרט צום מאָגן קען ניט שאַטן.
און דעריבער: קומסט־אַרײַן אין הויף, אין שטאַל —
הער ניט גאָרניט, טו דיר דײַנס, געניס!
וואַרט ניט אַף קיבודים, מאַני׳עפּאָרגעס,
וואָס געפעלט דיר, נעם, צי באָרג עס,
סײַדן, גאָט באַהיט, מע שלאָגט איבער די פיס;
אַז מע גיט, כאָלילע, דיר צו פילן,
טאָר מען מיט קיין שטעקן זיך ניט שפּילן —
שוין צי־אָפּ! אָן טײַנעס! מאָרגן מעגסטו קומען ווידער.
גייט ניט איין מאָל, פּרוווט מען נאָכאַמאָל, נישקאָשע.
פּרוווט ער, טרעפט ער: בײַ דער טיר ליגט יאַכנע־דוואָשע
די מאַכשייפע, זי, די שוואַרצע קאַץ, און וואַרעמט זיך די גלידער,
וואַשט זיך, גלעט דאָס קאָשער־פּיסקעלע, אַ גלעטל נאָך אַ גלעטל.
— מיאָ, אַ גאַסט אין שטעטל!
מיאָ, ווי גייט עס, פּאַני׳ע „וואָס מע גיט אים קײַט ער״?
(מיאָקעט זי, גרינגרינדלט מיט די אייגעלעך און שטעכט.)
— גוט, ניט שלעכט!
וואָלט געווען נאָך בעסער, וואָלט געווען דאָך בעסער,
ווי אין פּאָסעק שטייט עס! (זאָגט דער כאַזער און ער לאָזט זיך ווײַטער.)
— שטיי! (פאַרלויפט דעם וועג זי) שטיי! בראָש האָט קיין צײַט ער!
זאָג, וואָס שטייט אין פּאָסעק, אַלטער פרעסער?
— שטייען נאָך אין קאַמער דאָרט די פעסער

מיטן — מיטן —
— מיטן קרויט?
(שפּרינגט זי אונטער) ברענען זאָל אַף דיר די הויט!
דײַן געביין זאָל זיך צעשיטן!
מאַרש! אַוועק!
פון כאַזערישן עק
מאַכט מען ניט קיין פֿײַלנבויגן!
(און אַ גראַבל אים אין פּאָנעם, שיר ניט אויסגעריסן אים די אויגן)
איך אים פּאָסעק, שרײַט זי, ער מיר קרויט! —
רעב סוויניאַקע פילט דעם טאַם פון טויט,
אַזש די קאַץ, די שוואַרצע, געל און גרין און רויט.
טראָגט ער אָפּ זיך, וואָרטשעט, שעלט — די קאַץ? כּאָלילע!
אַפן פּאָסעק
אים פאַרדראָסיק!
און געפינענדיק אַ פּעטע בלאָטע און אַ קילע,
מיטן פּיסק אין איר אַ פּליאַסק ער:
„פּאָסעק — הס־מלהזכיר!"*)

*) „האַס־מילהאָסקער"

דער פֿאַרצווייפֿלטער כאַזער

האָט דער כאַזער הײַנט געהאַט אַ טאָג!
ניט קיין טאָג — אַ פּלאָג!
(ניט פֿאַר קיין שום כאַזער דאָס געזאָגט געוואָרן!)
ס'ערשטע אויסגעלאָזט אַף אים דעם צאָרן
כאַי'ע־ביילע.
און פֿאַרוואָס? אומזיסט-אומנישט. געשטאַנען אָפֿן הויף אַ קיילע —
ער געדענקט ניט, צי אַ צעבער, צי אַ שיסל,
זאָל עס זײַן דאָרט, וואָס סע איז זיך — קאָשער איז זײַן פּיסל!
ניט זיך צוגערירט, איך שווער אײַך!
כאַזער גייט זיך מיט זײַן דערעך:
וואָס איז קיילע? נאָר אַ טאָפּל!
איקערשט איז דער טאָך — די פּאָר קאַרטאָפּל!
האָסטו דיר ניט, נאַ דיר — כאַי'ע־ביילע מיט דער קאָטשערע!
און זי קאָטשערעוועט, קאָטשערעוועט,
כאָטש ער קוויטשעט, כאָטש ער רעוועט.
העלפֿט ניט. ציט ער אָפּ. ער זוכט אַ זומפּ, אַ מאָטשערע,
אָפּצוקילן — ניט אַזוי זײַן קאַעס ווי זײַן רוקן.
(אַז סע בריט, סע בריט מעסוקן!)
טראָגט עס אים גאָר און פֿאַרטראָגט אים אין רעב שמאַרי'עס גאָרטן.
שאַט ניט, באַלד געפֿונען ער אַ טרייסט זיך דאָרטן —
צו באַאַרבעטן אַ גאָרטן, האָט איר דען אַ טײַניג אַ געשמאַקערן?
נעמט דעם גאָרטן ער צעגראָבן און צעאַקערן
מיט דער נאָז און מיט זײַן פּלאַטשיק־פּרומען פּיסקל,
צען מאָל בעסער ווי רעב שמאַרי'ע מיטן ריסקל.

ווי ער שטייט אַזוי פֿאַרטון אין סאַמע רעכטן גראָבן,
ערשט — ריעב שמאַרי'ע מיטן שטעקן מיטן גראָבן!
גיי־זשע אַרבעט, אַקער מיט דער נאָז,
אַז ריעב שמאַרי'ע איז באַלבאָס,
ער דער גאָרטנהיטער!
לויפֿט דער כאַזער ווײַטער, פֿליט ער,
צוויי מאָל שוין אַן אָפּגעבריטער —
שטייט אַ פֿערד'ל איבער פֿולן גערשטנזאַק.
זאָגט דער כאַזער: „כ'ווינטש אַפּ'טיט!"
„ביטע מיט!"
ענפֿערט אים דאָס פֿערד, „נאָר עסן ניט!"
„עסן ניט? פֿאַרוואָס? דער גערשטן ניט געשמאַק?
לאָמיך אָקערשט נאָר פֿאַרזוכן! נאָר פֿאַרזוכן!"
און ער שטופּט דעם פּיסק און כאַפּט אַ דריגע.
איז דער כאַזער אויסער זיך און נעמט מיט טויטע קלאָלעס פֿלוכן:
„דו פֿערדאַטש דו אײנער! פֿליאַסקעדריגע!
שלאָגט! נעבײַ וואָלט דיך אַ פּײַערעגן אָפּגעקרעלט!
וואָלט אַ בלאָטעיאַם פֿאַרפֿלייצט אי דיך, אי שטאָט, אי פֿעלד!
אַלץ פֿאַרדאָרבן, אַלץ! קיין כאַזער קען ניט לעבן אַף דער וועלט!"

איבערן צעבער

שטייט אַ צעבער פֿול מיט ווייס־איך־וואָסן, שאַלעמויזן —
סע פֿאַרשטייט זיך, קוים אַ צעבער, שוין מיסטאַמע ניט קיין רויזן.
איבער אים ווער מיט זיך? דער מעפּונעק
כאַזערוניק,
קאָשער־פּיסל, טרייפֿע־בייַכל.
שטייט און קייַעט און ער וואָרטשעט: „פֿע, אַ מייַכל!
ניט קיין טאַם, ניט קיין רייעך!
איצט פֿאַרשטיי איך:
ווער דער בעסטער,
ס׳אַרגסטע עסט ער.
יאָ, דער קו, דער שטויסערקע, די בעסטע קלייַען
און דעם פֿערד, דעם דריגאַטש, האָבער גיט מען קייַען!
מיר וואָס? דאָס! אַבי אַ פֿולער צעבער! ניט געקאַרגט!
איי סע קריכט אין האַלדז ניט? איי סע וואַרגט?
(כראַק! סע קערט די גרינע גאַל זיך איבער!)
אַרט אים, מייַן פֿאַרנאָסעגיבער?
שטייט און רעדט דאָרט! גלייַך ווי גאָרניט! ניט זייַן אייסעק!"
און אַזוי־אָ וואָרטשענדיק, אָן כיישעק,
כאַפּנדיק די זעט,
ער דעם צעבער אויסגעליידיקט ביז העט־העט.

דער כאַזער און דער האָן

איבער פולער קאָרעטע אַ כאַזער שטייט אַ דיקער
און ער אַכלט. ניקער,
אַז ער האַלט ווי׳ר פונעם פּאָסעק: „כּבד אֶת —
ערלעך האַלט דעם פּרעס!
למען יאריכון*) —
ווײַל אין זכוס פון עסן לעבט מען, מע דערלעבט מעשי׳כן.״
אינדעם קומט צו פלי׳ן דער רויטער קוקוריקער
און געוואַלדעוועט: „סטײַטש, סטײַטש? וואָס טוסטו? האָב ראַכמאָנעס!
ווייסט ניט, הײַנט אַ טאָנעס?
אַפן הימל זיך באַוויזן הײַנט אַ ווילדער בעזעמשטערן,
זאָגט מען, ער מיט פײַער וועט די וועלט אויסקערן
און דערנאָך ערשט איבערקערן,
שאָכטים ווײנען און ווי בלוט כאַלאָפים גיסן טרערן —
ער דעם ראָש אין קאָרעטע! ווי קיינמאָל גאָרניט! וואָס? ער
נעמט זיך עפּעס דען צום האַרץ? און איז אַ צאַדיק! כאַזערפּיסל קאָשער!״
„נאַרישקייטן!״ זאָגט דער כאַזער, „מיך וועסטו ניט שרעקן!
זאָל די וועלט זיך איבערקערן, מעג זיך אַלדינגס עקן —
כאַזער טאָמיד נאָך געפינען זיך אַ בלאָטע וווּ זיך אויסצושטרעקן!״

---

*) „קאַבעד עס״ — „לעמאַן יאַריכן״

אויסיעס

אותיות מחכימות׃

אַ, ב

צו דער אַלעף זאָגט די בייס:
— ווער איז בילכער? איך צי דו? — איך ווייס?
דאַכט זיך, איך! פאַרשטייט זיך: ריישעס
איך דאָס ערשטע אין „בראשית“,
שיינעס
איך מיט „כאָכמע־בינע“ בין אין שכיינעס.
פרעג איך, זײַ ניט בייז,
וואָס גראָד דו דער ראָש־ווערישן פונעם אַלעף־בייס,
און פאַרוואָס ניט איך דערצו בין זויכע?
פּאַקע דו דאָס ערשטע בײַ „אָנוֹכי“!
— ניט נאָר בײַ „אָנוֹכי“, אויך בײַ „אַתּה“!
(קומט אַ קלאָרע טשוווע און אַ גלאַטע.)

ג

•

ווייסט איר, ווער אַמאָל פאַרזינדיקט זיך אין הימל?
גימל!
זי איז דאָך דאָס כּיינעוודיקע ייִיצערהאָרע־פּיסל,
נו, פאַרגלוסט זיך איר, אַ שטיף צו טון אַביסל —
טוט אַ שטויס די סאַמעך.
„אָט דאָס רייפל", זאָגט זי, „קײַקלען לאָמיך!"
שלײַדערט ווי אַ קײַלעכל די יוד.
און וואָס נאָך די גימל טוט?
שטייט רעב צאַדיק אײַנגעבויגן, אין קאַוואָנעס הייליקע פאַרטיפט —
און דאָס פּיסעלע סע שטיפט,
טרעט אים אָן, אומגערן קלוימערשט.
טוט רעב צאַדיק דאָך אַ ציטער. קוים ערשט
ער צו זיך געקומען, ער דערפילט אַ ברי —
אָנגעשפּאַרט אין אים זי גרינגלעך מיט דער קני:
„נעמט ניט פאַר אומגוט! זיך אויסגעגליטשט אַביסל, גליטשיק!"
און זי בייזערט אַף דער לאַנגער נון זיך: „סמיטשיק!
זעט, איך פאַל — אים אַרט ניט! רירט זיך גאָר ניט!"
און רעב צאַדיק ווערט מעוולבל, שטאַמלט: „ניטע! נע! מע טאָר ניט!"
און ער פילט און גלוסט דעם טײַניג פון נעווײרע.
אַלע שטערנדלעך — אַ ווונק זיך איבער, אַלע אויסיעס אַ מימל,
און דער מאַלעך־דומע זיך אַ לאָז, געכאַפּט די גימל,
צוגעבונדן צו דער פּיאַטע איר צוויי רעדעלעך — אַ ציירע,

און אַ ברומבאַס, ווילד געשריי,
אויסגערופן: „ציירע גימל — גיי!״
און פון דעמלט גייט דאָס פּיסל, בלאָנדזעט ווי אַ שרעטל,
ווי אַ שטאָט און ווי אַ שטעטל,
אונטער טישן, אונטער בענק,
אַלפּי ראָוו דאָרט ווו ס׳איז ענג,
טאַנצט אַף סימכעס און אַף קוואָרים,
און אַפילע צווישן שורעלעך פון ספאָרים.

דער מעיוּכעס

ווּ די מײַסע זיך געטראָפן? ווער וועט זאָגן, ווער?
ניין, איר וועט ניט טרעפן, קינדערלעך, איך שווער!
ניט אַף דר׳ערד, ניט אין הימל, ניט אין שלאָף —
גאָר אין סידער אַפן קעפּל פון דער וואָוו.
איינמאָל איז אַרויף אַהין אַ כיריק אַלפי נעס:
ער זיך, זאָגט מען, צוגעשטעלט אַ בענקעלע אַ חעס
און געטון אַ שפּרונג אַהינצו; אַנד׳רע זאָגן,
אים אין מויל אַ פליג פאַרטראָגן,
אויסגעשפּיגן
און געלאָזט דאָרט ליגן —
אָט אַזוי דערהויבן ווערט מען אַלפי מיקרע!
טכילעס ער געפּילט זיך אויוון פריקרע.
וואָס-זשע? גאָרניט! עפּעס האָט זיך ניט געלוינט.
נאָר אַז סאָפקאָלסאָף זיך צוגעוווינט
און באַקומען גאָר אַ נײַעם נאָמען: כוילעם,
ער געוואָרן גרויס בײַ זיך און לעבעדיק און מונטער —
ווייס איך! גאָר ניט דער! דערקענט שוין ניט דעם קליינעם אוילעם,
קוקט פון אויוון אַף איינגאַנצן דעם דערונטער:
אי דער פּאַסעך אי דער סעגל, זײַנע ברידער
וואָס מיט אים אין סידער,
אי דער ציירע אי דער קאָמעץ
אַלע זיי כאָסדאַרגעס,*) כאָמעץ!

---

*) „חות־דרגאס״

און אַפּילע רעב מעלופּם — כאָטש דער לעצטער
אויך, מיר דאַכט, דער אייגענער באַל־צורע,
נאָר אַביסל נידריקער פון אים ער אין דער שורע —
אויך אַ גאָרנישט! איינס אין אים נאָר שעצט ער:
פירט זיך סטאַטישער, געזעצטער.
„און אַ סוואָרע,״ זאָגט ער, „גאָר פאַראַן אַזוינע ערטער,
וווּ קיין סימען ניט, קיין זייכער פון דער כעוורע דער געערטער!״
(הער נאָר, רעדט גאָר דײַטש שוין! שיינע ווערטער!)
ציט אַהין, אין יענע הייליקע מעקוימעס —
אוי מוז
זײַן דאָרט ריין און שיין! אַ טײַניג נאָר אַ ליבער!
איינס אום איינס געקליבענע! און דאָ? איך בעט אײַך איבער —
כיריק־מיריק־שורוק! שטייט ניט אָן אים, מיסלעך.
הערט מען און סע ווערט פאַרדריסלעך.
„אַהאַ! געזאָגט אײַך!״ שרײַט דער פּאַטעך,*)
„לאָזט קיין כיריק אויוון! איצטערט נאָט אײַך!״
און דער רעב מעלופּם?
נעבעך, ס׳טוט בײַם האַרצן אַלע מאָל אַ צופּ אים!
„נו!״ מאַכט ער, „נו־נו!
טפו!״
און אונטער אַ יודל אײַנגעקאָרטשעט,
ליגט דער קאָמעץ און ער וואָרטשעט:
„יאָ, יאָ! דערלעבט זיך! גוט דערלעבט זיך! שיינע צײַטן,
כיריק זאָל פון אויוון רײַטן!״
און דער קרומער סעגאָל
קוקט קעסאָקע און וואַרפט מאַמזעריש אַן אייגל:
„עהע, מע קען אײַך, פּעטער! איר פון אונדזער אוילעם!
וווּ מע טרײַבט רעב כיריק, דאַרף מען ניט רעב כוילעם!״

---

*) „פּתח״

צו „דער אומגליק" — ז' 211

דער וויכּוח

אַ וויכּוח פֿאַר כּל עם ועֵדה.*)
ביידע,
אי די פּראַקטיש־קלוגע בייס,
וואָס אין אַלדאָס בייז,
אי די צאַדיק, וואָס אין פּעלץ —
באַלעטויוועס זיי דער וועלטס.
און זיי וואָלטן לאַנג פֿאַרזאָרגט זי, ווען ניט דער וויכּוח.
„אַז איך צאָל אַ טויווע פֿאַר אַ טויווע,"
שרײַט די צאַדיק, „וואָס-זשע טו איך?
טוט אַ גרויסן כּעסעד דען דער לויווע,
אַז ער צאָלט זײַן כּויוו?
ניין, דעם ס ו י נ ע פֿאַר אַ ברודער קויף —
דו פֿאַר שטיינער צאָל מיט לעקעך!"
„אָ, פֿאַר שטיינער צו אַ הויכער מעקעך!"
פֿאַלט-אַרײַן איר אין די רייד די בייס,
„איך בין אָרעוו דיר, ניט איינער
קומען קויפֿן לעקעך וועט בײַ דיר פֿאַר שטיינער.
ווייסט שוין אָפּלייזן — נישקאָשע, לייז!
איך זאָג, האָדעווען דאָס שלעכטס מיט לעקעך און מיט פּלאָדן —
אי פֿאַר זיך, אי פֿאַר דער וועלט אַ שאָדן!"
„שאָדן?" בייזערט זיך די צאַדיק, „וואָס? באַצאָלט צו טײַער?
פֿרעג איך דיך: נו, לעשט מען פֿײַער דען מיט פֿײַער?
מיטן שלעכטן ווילסט דאָס בייזע דו באַזיגן?
ניין, אַ שעקער, שאַוו־וועשעקער! ליגן!

*) „קאָל אַם וועאיידע"

בוימל אַפּן פֿײַער גיִסטו, ווייס!״
„יאָ, איך ווייס — וואָס צו איז איבריק!״ זאָגט די בייס,
„און מאַלאָכים טרעפּט מען נאָר אין הימל!״
„ווייסטו וואָס-זשע, פרעגן מיר די גימל!
זי די ערשטע איז ביַי גאָט,
ווייסט אַוואַדע זי פון גוטס און שלעכטס דעם סאָד.״
גימל? נו, איז גימל. גייען זיי צו גימל פרעגן
פונעם שלעכטס און פונעם גוטס די וועגן.
הערט זיי אויס די גימל, טראַכט און טוט אַ קרעכץ.
„וואָס-זשע זיפצטו גאָר? וואָס קרעכצטו?״
פרעגט די צאַדיק, „אונדז דאָס האַרץ צעברעכסטו!״
זאָגט דאָס גימעלע: „איך קוק אַף לינקס, אַף רעכטס,
און איך טראַכט מיר: גוטס פאַר גוטס, צי גוטס פאַר שלעכטס,
דאָס אַ שײַלע איז אַכוץ.
אײַך וואָס בעט איך — צאָלט דערווײַל ניט שלעכטס פאַר גוטס!״

דער פּראַגעצײכן און דער אױסרופֿצײכן

דער אינדרײַען
אײַנגעהױקערטער הער פּראַגעצײכן
און דער אױסגעשטרעקטער גאַדלען, װאָס צו שרײַען
ליב אַפֿילע, װען ער רעדט מיט װײכן,
אָדן אױסרופֿצײכן — בײדע
פֿאַר דער כאָשעװער, בעקאָװעדיקער אײדע,
פֿאַר די קלוגיטשקע דרײַ פּינטעלעך געאַמפּערט זיך, געלאָדן,
איבער עמעס זיך געשפּאַרט.
„איך בין עמעס!‟ שרײַט דער לאַנגער אָדן,
„עמעס שרײַט נאָר, װײַל אים אַרט!
עמעס איז אין קױלע־קױלעס, אין געשרײ,
װײַל ער פֿילט, ער איז גערעכט, סע טוט אים װײ!
עמעס איז בײַ מיר, בײַ מיר!‟
„עמעס איז בײַ דיר?‟
פֿרעגט דער פּראַגעצײכן, „האַ׳יטאָכן?
עפּשער גאָר אַ טאָעס, ליבער שאָכן?
װאָס איז עמעס, פֿרעג איך, ניט אַ שײַלע אין אַ שײַלע?
ניט אַ צװײפֿלרײפֿל, װאָס סע שלײַסט זיך אױף אַ װײַלע,
נאָר קעדײ זיך הינטערװײַלעכץ צו פֿאַרשליסן אין אַ בײגל?
צי דער עמעס גאָר אַ רעטעניש, פֿאַרבאָרגן אין אַן אײגל
פֿונעם מענטשעלע, װאָס מענטש טראָגט אין זײַן אױג עס?
עמעס פֿילט גערעכט זיך? עפּשער גאָר אַלײן אַף זיך ער ברױגעס
און ער מאַטערט זיך אַלײן און בױקערט,
אײַנגעהױקערט

אונטער נאָגנדיקן ניגנדל, וואָס ניט צעפּויק עס, ניט פֿאַרשווײַג עס?
עמעס — ווען דען ניט שטילע טרויער־פּראַגעס, טאָמער־דײַגעס
אַף זײַן פּאָנעם אַף זײַן בלייכן?
און די וועלט אינגאַנצן — ניט אַ פֿראַגעצייכן?
קען דער עמעס דען באַגיין זיך אָן אים?"
און די דרײַ דאַיאָנים
ביידע צדאָדים אויסגעהערט
און געשעפּטשעט זיך אַהין, אַהער, געקלערט,
נאָכדעם זיי אַרויסגעזאָגט אַ פּסאַק,
און אַ פֿײַערדיקע האַק
אויסגעהאַקט אים אין ד'ער רעכטער באַק
פֿונעם גרויסן קלויסטערגלאָק
און געהייסן קלינגען אים בײַנאַכט פֿון הויכן שטאָק:
„אויסרופֿצייכנס צו אַסאַך —
שוין מיסטאַם דער עמעס שוואַך!"

*

ווילט איר מיר ניט גלייבן — סײַוויסײַ
שטייען די דאַיאָנים דאָ אָט אַלע דרײַ . . .

דער כאָלעם

פייגל דאָך פאַראַן מיקאָל־האַמינים!
איך וועל איצט דערציילן פון אַ גרינעם,
וואָס געקומען איז אַ ווײַסער אים אַקעגן.
אָבער פריער מוז אַ רעטעניש איך פרעגן.
הערט: אין הימל דאָ,
אַף דער ערד ניטאָ,
נאָר איר טרעפט עס בײַ רעב מעכעלע מעלאַמעד —
וואָס איז דאָס? — אַ לאַמעד.
— יאָ, געטראָפן!
איצט דער וועג צום מאָשל אָפן.
כ׳האָב אַמאָל געכאַפּט אַ דרימל,
ווי איך זע: אַ ווײַסער בושל פליט פון הימל;
אים אַקעגן פונעם שטיבעלע פון מעכעלע מעלאַמעד,
דורכן קוימען, אַף אַ טישטעכל פון סאַמעט,
פליט אַ היי, אַ יוד, אַ מעם, אַ לאַמעד.
נאָך אַביסל
און די לאַמעד גאָר אַ גרינער בושל אַף איין פיסל!
— וואָס? אַ גרינער בושל גאָר? — אַ שײַלע אַף אַ כאָלעם!
און די ביידע בושלס אָפּגעשטעלט זיך אַפן דעכל
פונעם אַלטיטשקן רעב מעכל
און מע נייגט זיך און מע גיט זיך שאָלעם:
„ס׳קאָצל קומט! פונוואַנען איז גאָטס דינער?"
שטרעקנדיק דעם רעכטן פליגל, פרעגט דער גרינער.
„פונעם הימל איבער וועלט דער גאָרער!"
זאָגט דער קלאָרער.

„וואָס? פון הימל? אויכעט דאָרט געווען?
און פאַרוואָס-זשע איך דיך ניט געזען?
לאַנג אַפּאָנעם דו אַ וואַנדערער!"
„ניין, מיין הימל איז אַן אַנדערער!"
„ד'היינע?"
„פּאָשעט, איך בין ניט פון דיינע!
איך — מיין הימל איז אַ בלאָער, הויכער, ברייטער,
אַ צעשפּרייטער,
און מיט כמאַרעס שוואַרצע, און מיט בליצן רויטע!
און דער הימל דיינער — אויסיעס גאָר טויטע!"

*

דאָס דער כאָלעם.
ווער-זשע ווייסט ניט, אַז כאַלוימעס קערן-אָן זיך מיט מעשאָלים?
זאָל זיך דאַכטן איין: דער כאָלעם, איך געזען גאָר אַף דער וואָר אים,
איינמאָל, ווען מיט עקל
איך אַ טרעט געטאָן אומגערן אַפן עקל
פון אַ לאַנגן ביכערוואָרעם.

קויצע־שעל־יוד*)

איך וויל עפּעס אײַך דערציילן — זאָל זײַן רו!
עפּנט־אויף אַ ביכעלע,
זוכט דאָרט אָפּ אַ יודעלע און קוקט אײַך צו:
האָט עס אַפּן קעפּעלע אַ שטריכעלע,
אַ פּיצפּיצעלע
ווי אַ קיצעלע,
וואָס סע טוט אַ פליגל מיטן פּיסעלע אין שפּיצעלע
פונעם נעזל פון איר זינדעלע, איר טעכטערל,
אַף אַרויסצורופן אַ געלעכטערל.
הייסט עס, אָט דאָס שטריכעלע, אָך־קויצעצל,
אָדער קויצע־שעל־
יוד.
טרעפט זיך, שפּעט בײַנאַכט, מע שלאָפט, מע רוט,
טוט אָך־קויצעצל אַ מורמל: „אָך, אָך, קויצעך,
קאַלעפּויך עס
און פאַרקלויך עס,
אָך, אָך, אָך,
בוידעם, קלאָך!"
הייבן־אָן די אויסיעס אין ביכעלע זיך וויגן —
שוין, אַן איבערקערעניש, מע נעמט זיך קריגן:
קיינער, שטייגער, וויל ניט שטיין, ניט ליגן
לעבן בייס.
בעבעט! וואָס נאָר עפּעס — „בע!"
פּע!
זאָל זי גיין צו אַלדאָס בייז!

*) „קוצו של יוד"

און די גימל דריגעט מיטן פיסל,
טרייבט דאָס אַלעפל. „געהערט אַביסל?
שטופּט זיך," שרייט זי, „אָט דאָס שאַמעסל!
ניט געזען אַזוינס נאָך — אַ קאַראַמיסל
מיט צוויי קענדעלעך!"
און די רייש פון „רענדעלעך"
וויל ניט שטיין איניינעם אין איין שורע מיט דער דאַלעד.
„ווי קומט ער אַהערצו," שרייט זי, „אָט דער דאַלעס?"
וואָס מע בעט זי: „שווייג! אָן ציצעס ניט קיין טאַלעס!"
ניין, סע העלפט ניט! פּעך-און-שוועבל! סמאַלעט!
און די לאַנגע צאַדיק וויל ניט איינשטיין לעבן „האַר".
סטייטש, פאַרוואָס? פאַרווען? „דערפאַר!
ווייל ער איז אַ ראָשע! ווייל ער האָט דאָך ניט קיין האַרץ!"
און דאָס לאַמעד-וואָוול שלעפּט דאָס פיסל, ענג דעם פיסעלע און שמאָל אים —
ווו? אין „שלום".*)
„גאָט מיט אייך! פאַמעלעך! שלעפּט ניט, וואַרטס!"
„סאַראַ שלום, סאַראַ ווערט,
אַז זיין שין געפינט מען ביי דער שווערד
און זיין מעמעלע אין קלעם
גאָרביים סאַמעך-מעם!
און איר קענט עס טרעפן אין נעקאָמע
און אַפילע אין מילכאָמע
(כאָטש אַביסל אַנדערש דאָרט געשלייערט)."
און די שין צעבלאָזן זיך, צעפּאָכט, צעווייערט
ווי דער ווייער פונעם אינדיק,
רוקט זיך פון דער קוף — די קוף איז זינדיק:
„ס'איז דאָס כאַזערפיסל קאָשער פונעם שעקער —
זאָל זי גיין צום דאָקטער, צום אַפּטייקער!"

---

*) „שאָלעם"

אָט אַזוי-אָ רײַסן זיך די אויסיעס, די ווערטער,
און אַנטלויפֿן פֿון די ערטער
אין די צענטליקער, די מייעס,
און סע פֿעלן ניט קיין העצער —
קעגן אים, זאָל לעבן, קעגן גרויסן באָכער-זעצער.
(כוצפּע! אים גאָר זאָגט מען דייעס:
„אָט אַזוי צעשטעל! אַזוי צעשטעל!")
פֿרעגט ניט, קינדערלעך, ניט גוט!
און אַז ס'איז באַשערט, איז קומט עס פֿון אַ קויצע־שעל־
יוד.

אי

צאַדיקל, מײַן צאַדיקל, דאָס ערשטע פונעם שטייסל
אין מײַן ליבן אַלעפבייסל!
כאָטש געהויקערט און געבויגן,
טויוולט זיך עס אַלע מאָרגנפרי אין רעגנבויגן,
קומט-אַרויסעט שלאַנק און אויסגעצויגן,
און אַ לאָז זיך אַף אַ גילדן בלעטל
גלײַך צו מיר אין בעטל —
שפּילן מיר אַביסל זיך אין קיצל-גלעטל.
נאָכדעם פרעג איך עס: וואָס הערט זיך עפּעס נײַסעלעך?
שמייכלט עס, דערציילט מיר מײַסעלעך.
איינס פון זיי דערצייל איך איצט: כיריק
אָנגעשמעקט זיך ערגעצווו מיט ליריק.
ס'איז אַזאַ מין מאַנגעלעניש, אַ נאָגעניש,
וואָס גייט-איבער אין פאַרכאָלעמטקייט, פאַרטראָגעניש
און אין שטילן זאָגעניש,
וואָס מע רופט הישטאַפּכעס:*)
עפּעס וויל זיך, עפּעס בענקט זיך, עפּעס — עפּעס —
אוי, ווו נעם איך עס? ווי כאַפּ איך עס?
כאַפּ אַ ווינטל אין די סטעפּעס!
„אי!!" צעגיסט זיך שטיל דער כיריק, „אי!
אי, אַז ס'טוט אין סאַמע פּינטעלע אַ ברי
און אַ צי
ערגעץ ווײַט, אַהין, אַהין —
וואָלט איך אויפגעכאַפּט זיך אַפן קעפּל פונעם פּאַסעך-שין

---

*) „השתפכות"

און אין שטילקייט פון דער מוטער נאַכט,
דורך לעוואָנעסאָד און ציטערפּראַכט,
וואָלט איך מיט מײַן בענקשאַפט מיר געפלויגן
ביז צום העכסטן פינטעלע, צום כוילעם,
וואָס צווישן דעם און יענעם אוילעם,
צום שוואַרצאַפּל פון גאָטס אויגן,
וואָס ער איז פאַרזונקען אין אַ דרימל,
ווי פאַרטאָג דער טויטראָפּן אין בלימל,
וואָלט מײַן בענקשאַפט אים געוועקט, געוועקט,
ווי סע וועקט דעם פונק אַ בלאָזאַק,
וואָלט ער אויפגעכאַפּט זיך מיט דער גוורע, וואָס אין אים פאַרשטעקט,
און צעבליצט זיך אין אַ דאָגעש־כאָזעק,
אינעם דאָגעש־כאָזעק פון דער וועלט,
וואָס ער ברענט און ברענט ניט אויס אין פּײַן,
וואָלט איך זיך אַף אים געשטעלט,
זאָל איך איינס מיט אים אַף אייביק זײַן —
איינס, עכאָד און שאַ!
אָדער ניין! וואָס זאָג איך, האַ?
עפשער, וואַרפנדיק זיך אַף דער שין פון שטורעם,
זאָל איך טראָגן זיך צום הויכן טורעם,
ביזן סאַמע שפּיץ,
צו דער וואָו דער שטאָלענער, וואָס ציט צו זיך דעם בליץ,
און פון דאָרטן, טוענדיק זיך אַ צעגלי,
זאָל אין בליץ און שטורעם איך אויסדונערן מײַן „אי׳!״
אָט אַ לאָשן, אָט אַ שפּראַך!
אָבער פון וכך
היה אומר
ביז וכך היה עושה*)
רעגנס, פרעסט און ווינטן גרויסע.
אינדערווײַל גאָר שוועסצײַט, אַרום לעגבוימער,
ווען סע טאַנצן אויסיעס גינגאָלדענע צווישן ביימער,

*) „וועקאַך האָיאָ אוימער״ — „וועקאַך האָיאָ אויסע״

ער שפּאַצירט זיך אַפן גרינעם פעלד דעם פרײַען
און דערזען אַ כיריקל, וואָס זיצט אונטער אַ זאַיִען.
דאָ דאָס שיטערע פון דער געשיכטע
דורך אַ זיפּל וועל איך זײַען.
און אײַך לאָזן דאָס געדיכטע:
ער און זי
זינגען שוין אַן אַנדער לידעלע — ניט „אי״,
נאָר וואָס דען גאָר? „איי״!
ציירע זאַיִען זיי —
ער מיט איר ווי אַנד׳רע צוויי!
און סע נעמט, פאַרשטייט זיך, ניט קיין שמיטע,
קומט שוין צו דאָס דריטע.
ווער געבראַכט עס? פרעגט די פייגל!
ווייסן ווייס איך, פונעם ציירע ווערט אַ סעגל.
און דער סעגל? עהעהע!
אַנדערע דיבורים: ליריק־שמיריק — בע!
דאָס פאַריגעס! געווען אַמאָל אַ כיריק,
איצט צוויי אייגלעך מיט אַ בערדל — איז דאָס גיריק.
— גיריק? — יאָ! — נאָך וואָס? — נאָך וואָס, אַז ניט נאָך געלט?
דאָס דער פּופּעק פון דער וועלט!
און אַף וואָס איז זי, די ליכטיקע, געשטעלט?
אַף דרײַ זאַכן: זעט און פעט און בעט!
ווײַטער גאָרניט, עט!
און צום סאָף פאַרקויפט עס זיך צום שעד
פאַר אַ בייגל!
דאָס די מײַסע פונעם כיריק, וואָס געוואָרן איז אַ סעגל.

קלינגט דער זייגער דריי

קלינגט דער זייגער דריי,
ליג איך מיט די אויגן אָפן,
טראַכט מיר אויס אַ מאָשל — סייוויסיי,
ווען סע שלאָפט געשמאַק זיך, קען איך ערשט ניט שלאָפן.

דרײַ

זיצט בײַ זיך אין צימערל רעב לײזערל דער קלײנער,
רעדט מיט זיך אַלײן ער.
פֿרעגט ער בײַ זײַן אומעט:
„וואָס איז אײנער?"
הערט ער ווי אַ פֿליג אין אויער זשומעט:
„אײנער איז דאָך קײנער!"
זאָגט די שאַרפֿע ספּײקעס־ווײ,
וואָס צעשנײדט אים: „אײנער איז גאָר צווײ!"
פֿרעגט ער: „וואָס־זשע פֿיל איך עמעצן אַ ניט־געזעענעם דערבײַ?"
קלינגט דער זײגער דרײַ.

דאָס בלימעלע

שפּילעכלעך פֿאַרשידענע:
מיט אַ קאָשיקל אַ יידענע,
מיט אַ העמערל אַ שמידערל,
און אַ הענדעלע וואָס קוקט אין סידערל,
אַ פּאַיאַצעלע, אַ בערעלע, אַ ביבערל,
און אַ זעלנערל אַ גיִבערל,
אַף זײַן בריסטעלע אַ בלעכל —
און צווישן אַלע אין אַ קריגעלע אַ בלימל.
און כאָטש שפּעט שוין, צײַט צו טון אַ דרימל,
פֿירט דאָס בלימעלע אַ שטיל געשפּרעכל
מיטן זעלנערל, וואָס שטייט דערנעבן.
בלימעלע דערציילט אים פֿון איר לעבן:
ז׳איז אַמאָל אַ זומערפֿייגעלע געווען —
שוין געמעגט זי דעמלט זען!
ניט אַ פֿייגעלע — אַ ציטערל!
ניין, וואָס רעדט זי — גאָר אַ שפּליטערל,
יאָ, אַ שפּליטערל פֿון רעגנבויגן!
צאַפּלדיק אַרום אַ שטוביק-נאַכטיש זונעלע געפֿלויגן,
עפּעס זי די זיסע וואַרעמקייט געצויגן —
אָפּגעברענט די פֿליגעלעך! אַ ברירה?
איז אַרויס אַ גזירה
פֿון די שטערנדלעך, די בלימעלעך פֿון הימל:
ווערן זאָל פֿון פֿייגעלע אַ בלימל.
נו, אַ בלימל, איז אַ בלימל. צווישן פֿלאַקסן
זי אין פֿעלד געוואַקסן,

זיך מיט פֿליגעלעך און ווינטעלעך געשפּילט,
גאָר ניט שלעכט זיך דאָרט געפֿילט.
נאָר אַ צאָרע, נעמט עס צו די שטערנדלעך זי ציען!
איז כאַטש בעט דעם שטורעמווינט, ער זאָל זיך פֿאַר דיר מיען —
צוגעבונדן צו דער ערד זי מיט אַ שטרויעלע!
כאַלעשט זי און קוויקט זיך מיט אַ טויעלע,
אַ טרייסטעלע: איר דערלייזער, ער וועט קומען נאָך, וועט קומען,
שמעקן וועט ער איר גערוך איר פֿרומען
און באַפֿרייַען זי, באַפֿרייַען . . .
נו, אינקורצן, יאָ, נאָכוואָס אַסאַך דאָ ברייַען —
ר׳איז געקומען! יאָ, געקומען איר דערלייזער,
אָבער אוי און וויי ז׳איר —
בעסער וואָלט זי אין איר בענקשאַפֿט שוין געבליבן!
האָט באַפֿרייַעט און קיין פֿליגל ניט געגיבן!

*

שפּעט. סע קלינגט דער זייגער דרייַ.
קלאָגן זיך? פֿאַר וועמען? ניט קעדייַ.
שטיל — סע שלאָפֿט דאָס זעלנערל פֿון בלייַ.

צו „דער כאַזער און דער סאָלאָוויי״ — ז׳ 219

דער שרעקלעכער געדאַנק

נאַכט.
שוין די וועלט איר אויג פאַרמאַכט
און אַ שטילער, זיסער שלאָף
איז געפאַלן אַף די שאָף.
נאָר אַ שעפעלע דאָרט איינס נאָך וואַכט,
און סע פלאַטערט און סע ציטערט,
וויינענדיק פאַרביטערט,
זײַן ראַכמאָנעסדיקער מע.
— טאָכטערלעבן, פע!
(זאָגט צו אים אַ שכיינע)
עפעס טנועס האָסטו אין דיר גאָרניט שיינע!
מעקען ווען מע שלאָפט שוין? וואָס דאָס פאַר אַ גאַנג?
צי דו ביסט, כאָלילע, קראַנק?
טוט דיך עפעס ווײ, האַ? זאָג!
— ווייס איך? כ׳וואָלט געוואָלט, סע זאָל שוין ווערן טאָג.
ס׳איז שטאָק־כוישעך, ס׳ווײנט דער ווינט —
פאַלט אַ פאַכעד. . . אוי, גאָט, העלף!
אין אַזוינע נעכט ניט רוען דאָך די וועלף!
— גיי שוין, גיי! דו רעדסט דאָך ווי אַ קינד!
מיינסט, סע שלאָפן עפשער איצט די הינט?
ק׳מוירע ניט, זיי ליגן בײַ די טויערן
ווי די בערן, מיט געבוי׳רטע אויערן,

כאַפּן-אויף אַ ליאַדע שאָרך, אַ מינדסטן ריר!
— בע! מע! (מאַכט דאָס שעפּעלע) די קלאָווים... בילערס פיר...
— וואָס-זשע, סערדצע? רעד!
— וואָס זאָל איך דיר זאָגן? זען דעם גראָען שעד —
ניט פאַר דיר און ניט פאַר מיר;
ס'איז מיר אָבער אַ פאַרדראָס, אַ ווייטיק — קראַנק
מאַכט מיך דער געדאַנק:
איך וועל שולדיק זיין אַ הונט אַ דאַנק!

צווײ רויזן

כ׳האָב אַ מאָשל פֿון צווײ רויזן אויסגעטראַכט.
אײנע
זײ׳ר אַ שײנע,
נאָר געמאַכט
פֿון פּאַפּיר און דראָט,
און די צווײטע — געל, פֿאַרשמאַכט,
כאָטש פֿון גאָרטן ערשט געבראַכט.
און זײ בײדע גראָד
ל׳יגן אַף אײן טיש.ל. „טײַ׳רע שכײנע,״
זאָגט די ערשטע מיט אַ קרעכץ,
„זאָג, וואָס האָסטו אַזאַ פּאָנעם אַזאַ שלעכטס?
ביסט אַמאָל געווען דאָך גאָר אַ שײנע,
מע דערקענט נאָך אַף דײַן פּאָנעם
פֿון דײַן שײנקײט די סימאָנים —
נו, דערצײל-זשע וואָס דיר פֿעלט,
וואָס דו ביסט אַזוי פֿאַרגעלט
אַף סעקאָנעס!
בענעמאָנעס,
כ׳קען ניט קוקן פֿאַר ראַכמאָנעס!״
„גאָרטן — הײסע שטראַלן — פֿרישער טוי —״
שטאַמלט יענע, „אוי, סע בענקט זיך מיר אַזוי!״
„ס׳בענקט זיך? פּסס, אַ צאָרע! וואָס אַ בלום זיך גלוסט!
שטראַלן, גאָרטן,
פֿרישער טוי — ווי רופֿסט עס דאָרטן?
גלײב מיר, פֿון די נאַרישקײטן קײנמאָל ניט געוווּסט

און איך לעב, און דאַנקען גאָט!
הערסטו, שוועסטער, איך וועל זאָגן דיר אַ סאָד:
דאַכט זיך, סערדצע, דײַנע נערוון שוואַך,
און דערפאַר, זײַ מויכל, רעדסטו מיר ניט צו דער זאַך,
הויריעס, כאַלוימעס זיך דיר ווײַזן.
וואָלסט געהאַט דו נערוון אָט ווי איך, פון אײַזן —"
„ניטע, ניטע! אוי, וואָס רעדסטו?"
מיט די קויכעס מיט די לעצטע
האַקט זי איבער די פאַרשמאַכטע,
„זיבן וואָכן איך געבליט, מיר דעם טויט געבראַכט די אַכטע,
אָבער ניט מעסוקן, ניט מעסוקן!
איידער אייביק טרוקן
און נישט וויסן קיינמאָל
ניט פון טוי און ניט פון הייסע בליקן —
שטאַרבן און כאָטש איין מאָל
מיט אַ טראָפּן טוי זיך קוויקן!"

דאָס שוועבעלע

טשיק —
אָנגעצונדן זיך אַ שוועבעלע, צעפּלאַקערט, און מיט גליק,
מיט אַ ברען אַ קוש געטון דעם ליכט.
(פּלוצים, פּלוצים איז געשען דאָס, אומגעריכט.)
ווערט דאָס ליכט־נעשאָמעלע, דער קנויט,
לעבעדיק פון טויט —
זעט: צוויי העלע פלאַמען
גיסן אין איין רעגע זיך צוזאַמען!
נאָר דאָס עמעס גרויסע גליק,
וואָס איז דאָס? אַ בליק.
באַלד
פאַלט
אונדזער שוועבעלע צו דר'ערד,
אויסגעלאָשן און פאַרצערט
און פאַרקוילט.
— נו, די היצקאָפּ, וואָס געפּוילט
מיט דיין ברען און מיט דיין פלאַם?
(זאָגט אַף דר'ערד' צו אים דאָס מיסט)
נאָר צעפּלאַקערט זיך אומזיסט!
איצט מיסטאַם
דיך מיט פיס דאָ וועט מען טרעטן
און מיט אונדז אינדרויסן בעטן!
— ניין, עוויוינים!
(זאָגט דאָס שוועבעלע) אַ סאָף אַזוינעם
און צו אייך ניט גלייך!
איך בין רייך
אומגעהייער —
איך אַ רעגע האָב געגיבן און גענומען פייער!

פעסלעך

ווײַן מאַכט ריידעוודיק אַפילע טויטע געסלעך,
נו, פאַרוואָס-זשע זאָל ניט גיבן לאָשן ער די פעסלעך?
האָבן זיך אין ווינקעלער די פעסעלעך צערעדט:
איינס, אַ מאַזיקל, אַ ספּירט, מע רופט עס „שפוך־חמתך״,
שפּעט,
אַפן צימבל נעמט דעם „וצדקתך״*) —
ס׳איז אַ פעסעלע מיט גוטן, פרומען ווײַן,
נאַרט זיך שטיל צו דיר אַרײַן,
גלאַט, מעכאַיע זיס,
פלוצים, ווײ, ער וואַרפט דיך פון די פיס!
און אַן אַנדערס, אַ מאַיאָסעניק — סע וויל נאָר וויסן,
צי פאַרקויפט מען קוואַס אויך אין קאַפּריסן;
ניט — פאַרוואָס-זשע יענער פאַס
רופט זיך אָן קאַפּריסער און איז אָנגעשמעקט מיט קוואַס?
דאָס אַ שײַלע! און פאַרוואָס די זאַך ביז הײַנט ניט אויסגעפּאָרשט?
„רויטער באָרשט!״
שרײַט באַליידיקט דער קאַפּריסער, „כ׳הער, איך הער!
נאָר איך וויל מיט דיר ניט טײַנען, איך — איך בין ניט אַבי ווער!״
נאָר נאָך מער
קאָכט דאָס פעסעלע „לחיים״**) —
פול איז דאָס מיט פרישן ווײַן מיט נײַעם,
רעדט עס, שיט אַף וואָס די וועלט שטייט, על השם ועל משיחו!***)
אים געפעלט ניט קיינער, אים קיין זאַך ניט ניכע —

---

*) „שפויך־כאַמאָסכע״ — „ווייצידקאָסכע״
**) „לעכאַיעם״
***) „אַל האַשעם וועאַל מעשיכוי״

אַנדערש דאַרף עס זײַן אין קעלער! ס'איז ניט דאָס! . .
נעבעך, עפּעס וואָלט געוואָלט עס, נאָר סע ווייסט ניט וואָס.
„הערסטו?" זאָגט רעב וצדקתך צום קאַפּריסער,
„ווייסטו, וואָס איך וועל דיך בעטן, זיסער?
פרעג דײַן שאָכנדל, זײַ מויכל,
וואָס סע בורטשעט דאָרט אַזוי אין אים און רעדט,
גלײַך אַרײַן אין אים אַ דיבעק, גאָט באַהיט, אַ שעד!"
„ווייס איך, מײַסע קונדעס! אַ יונג קויכל,
זיך צעשפּילט די בלוטן — ערשט געקומען פונעם קעלטער.
וואַרט אַביסל, קומען וועט די עלטער,
וועט ער ווערן שטיל, געלאַסן. אויך אַמאָל געווען קונדייסים — איצט
אַף די הייוון אָפּגעזעצט זיך און מע זיצט."
„ניין, מע זיצט ניט, נאָר מע גייט!"
פאַלט-אַרײַן רעב וצדקתך אין די רייד,
„מ'גייט פון טאָג צו טאָג, אוי, ברידערלעך, אַלץ אויס!
ס'ווערט אין האַרץ אַלץ ליידיקער, סע נאָגט, סע נאָגט,
פּלוצים, קוקסט זיך אום — סע טאָגט!
ליידיק ביז דער שפּענטע, און מע בעט פון קעלער דיך אַרויס!"
„גו, וואָס זאָגט מען אַף דעם צאַר דעם גרויסן?"
רעדט אַ פּעסעלע מיט זוי'רן ווײַן ווי עסיק,
„גלייבט מיר, אי דער קעלער, אי דער דרויסן —
הכל הבל,*) אַלץ איין מיסער אייסעק,
קומסט אַהער און גייסט אַהינצו אַלפּי נויט!"
„ע, פאַרקראָכן גאָר! גערעדט, גערעדט — אַרויף אַף טויט!"
שלאָגט זיי איבער דאָ רעב „היום תאַמצנו"**)
(ס'איז אַ פאַס מיט ווײַן כעריפעס,
פון די ווײַנען פון די שטאַרקע, פון די ריינע —
רעדט ער וואַרעם, שטיל, מיט טקיפעס

---

*) „האַקל העוול"
**) „האַיעם-טעאַמציינו"

און באַטאַמט),

„אײַ׳רע ווײַנען, ברידער, מיט קײן עסיק־כּקירעלעך ניט סאַמט!
סאַמט ניט, סאַמט ניט, מײַנע פֿרײַנד!
מאָרגן גײ׳ן מיר אויס — געבענטשט דער הײַנט!
און אַ בראָכע דעם, וואָס פֿאַרן טויט זיך זאָגט:
ווען בײַם האַרץ אַליין געקלעמט מיך און גענאָגט,
איך מײַן לעצטן טראָפּן ניט געקאַרגט,
און געוואַרעמט און געקרעפּטיקט און געשטאַרקט!"

ווידע

דו ביסט, ברודערל, אַ ווילער,
און דער וואָלף — אַ קוילער?
דאָס געביין פאַרשעלטסטו אים אַוואַדע?
ניטע!
הער נאָר, פאַרן וואַלדצאַדיק רעב בער שעליטע*)
זיך דער וואָלף מיסוואַדע,
קלאַפּט אין האַרצן מיט זײַן לאַפּע זיך אַלכעט,
כליפּעט נעבעך, קרעכצט און רעדט:
„גלייבט מיר, רעבע, ווי אַ וואָלף איך בין,
טו איך אַ באַטראַכט זיך — ניסים, וואָס איך גיי ניט פונעם זין!
מיר דאָס לעבן, שווער איך אײַך, ניט ניכע!
אויך אַ לעבן: פּאַכעד, בלוט, רעציכע!
און דערצו — האַלב הונגער איך, האַלב פּאַסט איך!
איך בין זיכער, ווען מײַן האַרץ זאָל וויסן יענער פּאַסטעך,
וואָס פון מויל מיר אויסגעריסן הײַנט צוויי פּיסלעך מיט אַן אוי־רל,
וואָלט מיט מיר איניינעם ער באַוויינט מײַן גוירל!
זאָגט מיר, רעבע — איר זענט באָקע הען אין ניגלע הען אין ניסטער —,
זאָגט, פאַרוואָס אַף מיר אַ שטראָף, אַ צאָרן אַזאַ וויסטער,
ציען מײַן כאַיונע פונעם טויט?
און וואָס מער איך לעב, מער רויט
זאָל די זינדיקע נעשאָמע ווערן
פונעם בלוט פון קאָשערע בעהיימעס,
וואָס איך מאַזיק, מיימעס —
פרעגט נאָכוואָס? דעם כוימער צו געגערן!

---

*) „שליט״א״

איז דען ניט אַ גאָטס ראַכמאָנעס אַף די שעפּעלעך, די רינדער?
גלייבט מיר, זאָל איך זײַן אַזוי אַ טאַטע מײַנע קינדער,
ווי ניט איין מאָל, אין דער סאַמע הייסער גליקלעכער מינוט,
דעמלט, ווען צווישן מײַנע ציין
פּלאַטערט, צאַפּלט זיך אַ שעפּעלע, ווען פרישע הייס בלוט
שפּריצט, שפּריצט, סע קנאַקט אַ ביינדל נאָך אַ ביין —
טוט אין האַרצן מיר אַ ריס
און אין גאָרגל זיך אַליין
איך געגיבן וואָלט אַ ביס!"
רעדט אַזוי דער וואָלף, ער קלאָגט זיך. און דער בער,
ער —
דם ואֵש,*)
זיצט און לעקט די סלינע: „אוי, אַ שטיקל פלייש!"

*) „דאַם-וועאייש"

די שײַלע

הייס דאָס איוונדל, סע פלאַמט.
האַרציק זיס, באַטאַמט
צו די קײלעטשלעך די שאַבעסדיקע רעדט עס,
מיט אַ ליבער וואַרעמקייט זיי גלעט עס —
אײַנגעבאַקן אים די קײלעטשלעך אין האַרץ.
ניין, וואָס מער גערעדט, אַלץ ווייניקער געזאָגט!
ווען אַ וואָרט נאָר איינס, אַ מעכטיקס, ער פאַרמאָגט,
איינס, אַ צאַפּלדיקס, אַ ווייכס, אַ צאַרטס,
וואָס זאָל מיטאַמאָל אי טון אַ גלעט אַ זיסן, אי אַ ברען,
ווען —
נאָר אומזיסט! אומזיסט! פאַרפאַלן! צום באַדוי'רן
נאָך דאָס וואָרט אַדהאַי'עם ניט געבוירן —
ניין, ניטאָ נאָך און סע וועט ניט זײַן!
„אוי, אַ ווייטיק איז מיר!" מיט אַ ראַש
לויפט די לאָפּעטע אינמיטן גאָר אַרײַן,
„פון די קײלעטשלעך פון מײַנע שיר געוואָרן אַש!
קומט! אַנטלויפט, אַנטלויפט, קאָלזמאַן איר קענט!
גיכער!" שרײַט זי, „גיך! איר ווערט דאָך באַלד פאַרברענט!"
און די קײלעטשלעך אַרויסגעשלעפּט זי אַלע,
גאָט צו דאַנקען. גוימל בענטשט די כאַלע
און זי פילט זיך גליקלעך, אויפגעמונטערט, פריש,
און אָט וואַקסט זי אויס גאָר אַפן טיש
אויוונאָן און מע באַדעקט זי ווי אַ קאַלע.
וואָס-זשע קען דען זײַן נאָך בעסער?
פלוצים — אוי, געוואַלד, וואָס וויל דאָס מעסער?
ווײ, סע שנײַדט אַף שטיקער! און אַ שײַלע פיבערט
און זי בלײַבט פאַרגליווערט:
גוט דאָס אייוועלע, די לאָפּעטע נאָך בעסער,
און צום סאָף גאָר — פונעם פלאַם צום מעסער?

דער לייב און דאָס מײַזל

אין אַ נעץ אַ לייב אַרײַנגעפאַלן און ער
ליגט — אַ שטומער דונער,
אַ פאַרצווייפלטער,
אַ פאַרפלאָנטערטער, פאַררייפלטער
אין אַ כמאַרע אַ געקייפלטער.
פאַר אַזאַ מין צאַער, מענטש, גלײַכגילטיק ניט פאַרבײַגיי!
קומט די מויז און קוים נאָר נעבעך צוגיין זיך דערלויבט —
„נעבעך!" רעדט זי שוין, „איך וואָלט דאָס ניט געגלויבט!
מויז און לייב — אַבי מע לעבט נאָר, צאָרעס ניט קיין דײַגע!
וויי מיר, וויי!
דאָס דער לייב? דער ל י י ב? אוי, האָזל, גיי,
רוף די קאַץ, וואָס נעכטן ערשט פאַרצוקט מײַן ברודער און מײַן
שוואָגער,
רוף זי, רוף, און זאָג איר:
קום און קוק: אַ לייב — די ערד געציטערט, ווו געשטעלט אַ פוס ער,
איצטערט זע און נעם-אַראָפּ אַ מוסער!
וואָס-זשע זאָל אַ קאַץ שוין זאָגן, אַז אַ לייב אַזוי אומגליקלעך?
וואָלט געווען דאָס כאָטש אַ נעץ פון שטריקלעך,
מאַך איך באַלד פון איר שטיקשטיקלעך!
אָבער אײַזן! וויי, אַ נעץ פון אײַזן!
דאָ אַ מויז אַפילע קען קיין גוורע ניט באַווײַזן!
עך, פאַראַן אוממיגלעכס אויך פאַר מײַזנציינער!
וואָס-זשע טוט מען? זאָל איך וויסן מיר אַזוי פון שלעכטס!
מיט אַ זיפץ נאָר קען איך העלפן, מיט אַ קרעכץ!
אויך אַ זאַך דאָס, מיטגעפיל וואָס קומט דיר פון געטרײַשאַפט ריינער —"

„בוררר!!“ קײַקלט זיך אַ דונער אײַן און אויס.
כאַפּט די פּיסלעך אַפּן פּלײצעלע די מויז,
טראָגט זיך אָפּ, ניט טויט ניט לעבעדיק, צוריק אין לאָך,
דאָרט געבליבן ליגן קראַנק אַ גאַנצע וואָך —
ניט פֿאַר אײַך געזאָגט, געכאַפּט זי אין דער לינקער זײַט אַ שטאָך —
און פֿאַרזאָגט קינדסקינדער און געשוווירן:
„וואָס ניט מיט אַ לײב זיך טרעפֿן, זאָל קײן מויז אים ניט באַדוי'רן!“

דאָס היטל צוקער

אֵלה תולדות נח:*)
נויעך — גלאַטער הינטן, שפּיצעכיקער מויעך,
העפּלעך זיסער, פּינקטלעך קאַלטער,
זיבן יאָר געווען בוכהאַלטער,
נאָכדעם טוט אַ קוק ער,
ערשט — ער איז אַ היטל צוקער!
היטל צוקער? קען מען דאָך אַף שטיקלעך אים צעבראָקן,
אין די צוקערפּושקעס אים דערלאַנגען צו די טישן,
וואַרפן אין די הייסע גלעזער און מיט לעפּעלעך אים מישן!
האָט זיך דאַווקע נויעך ניט דערשראָקן —
גלייַך ווי קיינמאָל גאָרנישט, שטייט זיך רויק, מוטיק,
און ווי ווייַסער שניי ער רעדט קאַלטבלוטיק:
„בראָקן וויל מען? זאָל מען בראָקן!
איך שוין סייַוויסייַ אַ זאָקן,
כ׳האָב דערשלעפּט שוין, דאַנקען גאָט, ביז פערציק,
און איך זאָג עס אָפנהערציק:
שלעפּן ווייַטער וואָלט געהייסן, אַלפי כעשבן, אַ פאַרברעך,
גלייַך ווי עפּעס פעלטשן אין דער בוכהאַלטעריע,
צושטעלן צום קרעדיט זיך אַ נול — נו, זייַ אַ בעריע!
ווערסטו כאַפּן, ברודער, בעך!
און אַז צוקער בין איך,
איז פאַרגין איך —
זאָלן גוטע-פרומע לייַט פון מיר געניסן!
ביטערניש אַזוי פיל — זאָל זיי׳ר גלעזל טיי איך כאָטש פאַרזיסן!

*) „איילע טאָלדעס נויעך״

מײַן נעשאָמע איך אַרײַנגעטון אין וואָס? אין צאָלן טרוקענע!
זאָל מען האַקן מיך אַף שטיקלעך,
כאָטש די ווײַטיק אַ מעסוקענע —
איך דערפֿילן װעל זיך גליקלעך
און צעגיין זיך אין אַ װאָרעמער מעסיקעס!
עך, יעסורימלעך־שעל־אַהאַווע, קומט, אין אײַך דאָס גרעסטע גליק איז,
װאָס סע קען זיך מיר נאָר מאָלן!
קומט־זשע, טוט מיך אויס שוין פֿון די צאָלן!
גיסט מיט אַלע מיך צונויף! ניטאָ קיין נויעך, שימען, רוון!
איינס פֿאַראַן — געזאַנג פֿון קרוון!"*)
אָט אַזוי־אָ די יעסורים ער אַף זיך געבעטן.
און אַף צאָרעס, דאָס טאָגטעגלעך זעט'ן,
קומט ניט אויס צו װאַרטן װי אַף גליק אַף שפּעטן;
דאָס געבעט געהאַלטן נאָך אינמיטן —
שוין אַף שטיקלעך אים מע האָט געשניטן.
„עסט מײַן לײַב און טרינקט מײַן בלוט!" געמורמלט ער אין זיסע לײדן
און איז אויסגעגאַנגען װי אַ ליכט אין בריענדיקע פֿרײדן.
נאָר אַז ער געקומען שוין אין זײַן גאַנײדן
און דערגאַנגען ביז אין טאָך אַרײַן אין די געדערים
פֿון כאַװײרים,
ערשט — פֿאַר װעמען ער געליטן? פֿאַר כאַזײרים!

*) „כּרובן"

דאָס מעסער און די זיבן פלאַמען

הערט, דאָס מעסער, אונדזער כאַריף, בראָקט שוין טוירעס־לאָקשן,
שניידט ווי אַ באַרסאַמכע, ווי דער לעצטער פויסעק:
„וואָס איז לעבן, קלערט איר זיך, אַ בלאַט געמאָרע?
יעדער לויט זיין סייכל און האַסאָגע אין אים אויסעק,
ווער סע ווייזט־אַרויס בעקיעס, ווער אַ שאַרפע סוואָרע?
מאַכט זיך, קינדערלעך, ניט כויזעק —
לעבן איז אַ בלעטל לאָקשן, וואָס מע בראָקט,
בראָק נאָך בראָק, בראָק נאָך בראָק,
ביז מע זאָגט:
בראָק — אַ גוטן טאָג!
און מע גייט שוין אין דער יויך
און פון דאָרטן גלייך אין בויך,
אין דעם הייסן קעסלקאָך,
וואָס ער מאָנט אַלץ נאָך און נאָך,
נעם כאָטש גיב אים אַלע ווייטיקן און צאָרעס!"
„וואָס־זשע טויג דער גאַנצער אייסעק?"
„אַף קאַפּאָרעס!
דאָס פאַרשטייט אַ קינד אַפילע — ס׳איז דאָך אַלעפבייסיק!"
„ווער־זשע האַלט אייך אָפּ, רעב מעסער?
איידער טוירעס־לאָקשן בראָקן, בראָקט מען זיך שוין בעסער!"
„וואָס? צעבראָקן זיך אַליין? דאָס קען דאָך ניט די שאַרפסטע שווערד!"
„מיר די כאָכמע שוין געהערט!
אַז מע קען זיך ניט צעברעקלען, שטעקט מען איין זיך טיף אין דר׳ערד,
ווען דאָס לעבן האָט פאַר דיר שוין ניט קיין ווערט!
לעבסטו — פלאַקער, ביז דיין אייגן פייער דיך פאַרצערט!"
אָט אַזוי אין העלע גראַמען
קנאַקן זיבן לעבעדיקע פלאַמען,
שפּרינגענדיק אין פּאָנעם אים — אַ רוף אין זייער מאַמען!

צו „דער מעיוּכעס״ — ז׳ 231

דער רויטער מאַן

טאָג ווי נאַכט געפּײַערט און געברענט דער רויטער מאָן:
„אַז דער גאָרטן גאָלע שעקער און סע גייט ניט קיינעם אָן!
קוקט נאָר אָן דעם צאַדיק מיטן בערדעלע, דעם פּאַפּושוי —
ווײַ און אוי!
אײַנגעהילט אין גרינעם טאַלעסל, שטייט אַ לאַנגע שעמענעסרע,*)
זיפּצט און שאָקלט זיך, בעט אַף צײַטן בעס׳רע,
פרום,
און אַז קיינער זעט ניט, אַז מע שלאָפט אַרום —
קוצעניו־
מוצעניו
מיט דער געלער סאָניטשקע! (די זונבלום, הייסט עס.)
און די קײַלעכדיקע דיניע דאָרט וואָס טראַכט זיך?
דאַכט זיך,
ווי אַ טיקווע נאַריש, האַ? אַ נעבעכל, וואָס ווייסט עס?
זאָלט איר זען, נו, ווי צו שמאַדשטיק האָט עס סייכל
און ביגנייווע צום אַרבוזיקל אַ כיינדעלע, אַ שמייכל!
מיילע, ווען אַרט עס? גלאַט אַזוי, טשיקאַווע!
אָבער וואָס כאַטאָים גאָר אַף יענעם זוכט זי
און סע ברענט זי און באַקומט די געלע זוכט זי:
,סטײַטש, דער רויטער מאָן אַ ראָשע, אַ באַל־טײַווע!׳
און די אוגערקע אַפּילע?
קלוימערשט זיך אַ ווילינקע, אַ שטילע,

---

*) „שמונה־עשרה"

גרין, קיין פיצל ייִיצערהאָרע —
פירט זי סוידעס דורך די נעכט מיט דער מאַכשייפע,
מיט דער אַלטער פאָמעדאָרע!
אוי, ניט גלאַטיק — ווו אַ סאָד, איז טרייפע!"
נאָר נאָך מער פאַרדריסט אים אַף די הויכע ביימער:
נאָר מע שושקעט זיך, שטיל, שטילער און געהיימער,
און אַ מאַסעמאַטן פירט מען מיט די פייגעלעך פון דרויסן —
גאָט ווייסט וואָס זיי זענען אויסן!
שלעכט! ער מוז אַוועק, אַוועק פונדאַנען!
וויאַזוי-זשע? אַז מע וויל, מעניעס ניט פאַראַנען!
וואָס-זשע, זענען דען די זומערפייגעלעך
ניט געווען אַמאָל קיין מאַרגעריטקעס, ראָכלס־אייגעלעך,
און זיך אויסגעריסן פרײַע, פרײַ?
זאָל ער נאָר צעוואַקסן זיך, נאָר קומען צו די קויכעס,
דעמלט, דעמלט — איינס, צוויי, דרײַ,
און ער פליט אַהין, אַהין ווו ריין און הויך איז,
צו די הימלרויזן, צו די שטערן!
ווער וועט אים פאַרהאַלטן? ווער וועט ער הערן?
גאָט, נאָר אויסוואַקסן שוין גיכער! וואַקסן! וואַקסן! . .
דרייען, דרייען רעדער זיך אַרום די אַלטע אַקסן,
שפינט די צײַט זיך טעג און נעכט פון גראָע פלאַקסן,
ביז לעסאָף אַ ליכטיקן פרימאָרגן אויסגעקרייט דער האָן —
מאַזל-בראָכע! אויסגעוואַקסן אונדזער מאָן!
אויסגעוואַקסן — אָבער קוקט, זײַט מויכל, און דערקענט:
ווו די בלום? די פײַערדיקע פאַרבן?
פאַרבן, וואָס די אויגן אונדז געברענט?
ווו איז פליגל, ווו? אַ קעפּעלע, אַ שאַרבן,
פול מיט שוואַרצע מאָנדעלעך פיצפּיצעלעך —
פון אַמאָליקע כאַלוימעס דאָס די שפּיצעלעך.

*

און געהערט אַ קאָל איך, געזאָגט דאָס אַזוי מיר:
„נעם אַ מאָנקעפּל און גיי צו מײַנע טרוימער,
און זאָלסט זאָגן זיי: ‚אַזוי זאָגט אַדוני*) מיר:
איך האָב אײַך געשיקט אַ מאָן —
מײַנע טרוימער, קוקט אײַך אָן!׳״

*) „אַדענוי״

די טעקעלעך

ליגן טעקלעך צוויי אַף איין געלעגערל
און זיי פּלאַפּלען, ווי דער שטייגער,
אַז מע ליגט אַף איין געלעגער.
פּלוצים זיי צערעדט זיך וועגן זייגערל,
וואָס געליגן אַפן טישל לעבן בעטל.
„הערסטו?" זאָגט דאָס טעקל עטל־נעטל,
„וואָס, וואָס — איקער פאָרט דאָס טשיפּערבלעטל!"
„נו, פאַרשטייט זיך!" ענפערט איר דאָס טעקל
קיש־אין־בעקל,
„קלאָר — ניטאָ קיין טשיפּערבלעטעלע, ניטאָ אַף וואָס צו קוקן!
נישט צו מאַכן! מעג דאָס הערצל קלאַפּן דאָרט מעסוקן,
קיינער מאַכט דערפון קיין וועזן!"
„זיכער?" „זיכער!"
„נעבעך! און וואָס זאָגן וועגן דעם די ביכער?
דו האָסט ביכעלעך געלעזן?"
„פע! לאַנגווײַליק! אַפן ערשטן בלעטעלע אַ קוק
און געגנוג!
קומט צונויף אַמאָל זיך אָנצורופן קלוג:
פאַוסט, געטע, שילער, שאָמער,
דאָן קישאָט, באַר־קאָכבע, אַמנען, טאָמער —"
„אוי, דו ווייסט דאָך, שוועסטערל, אַ יאַם! פונוואַנען?"
„כ'בין אַמאָל בײַם ביכערשאַפקעלע געשטאַנען.
אָבער יאָ, אינדעסן —
וואָס געוואָלט איך זאָגן און איך האָב פאַרגעסן?

ערשט געליגן אַף דער צונג מיר גראַדע —"
„וועגן טשיפּערבלעטעלע אַוואַדע?"
„יאָ, נו! טשיפּערבלעטעלע, פֿאַרשטייט זיך, איז דער איקערשט,
נאָר צום טשיפּערבלעטל מוז מען האָבן גליק ערשט —
מאַזל, שוועסטער, מאַזל! שטייגער:
מעגסט מיר גלייבן, איך אַליין געקענט אַ זייגער —
גאָלד, דאָס טשיפּערבלעטעלע — אַ פֿאַרגעניגן!
און סע גייט ניט, און מע לאָזט עס ליגן!
און פֿאַרוואָס? ניטאָ קיין גליק!"
„טאַק, טאַק, טאַק! טיק, טיק!"
טאַקעוועט דאָס זייגערל איר צו,
„איז ניטאָ קיין מאַזל, העלפֿט ניט גאָרניט, וואָס ניט טו!
מיך פֿרעג, שוועסטער, מיך!
גיי פּאַוואָליע איך,
זאָגן זיי, איך קריך;
נעם איך האַסטיק זיך באַוועגן,
שרייַען זיי: ,סע גייט אַף אים אַ רעגן!
מעגסט אונטער אַ שטיין אים לייגן!'
און גערדרייט מיר די געדערימלעך אַהין, אַהער.
שווערלעך, קינד, אָן מאַזל, שווער!
יאָ, וווּהין דו זאָלסט ניט בייגן זיך און נייגן —
האָסטו מאַזל, לויב זיין ליבן נאָמען, דאַנק!"
„דאַנק, דאַנק, דאַנק!" אַרויס דער וואַנטזייגער מיט פֿולן קלאַנג,
„איידער זיך אַף ביטער מאַזל צו באַקלאָגן,
היט דייַן שאָ און ווייס דייַן רעגע, ריכטיק זי צו שלאָגן!"

שטיוול

מאַטעס טרעגער
רוט דיביינער אויס אַף זײַן געלעגער.
לעבן בעט
שטייען זיך די שטיוול זײַנע און מע רעדט:
— שרעקלעך, שרעקלעך!
עפשער וואָלטןביידע מיר אַף זיך דעם טויט געבעטן?
אויך אַ לעבן, בלאָטע קנעטן!
— עט, סע פעלט דיר, ברודער, אַפּאָר פלעקלעך,
צי גאָר אַן אָבצאַס פאַרלוירן, ווייס איך?
שויטע, שויטע, ס'גייט דאָך עפּעס פייסעך!
— נו, איז וואָס? — וועט ווערן טרוקן
און רעב מאַטעס אונדז געטרײַ
מיט דער באַרשט אָפּגלאַנצן, וועמיר ווערן נײַ,
שפּיגעלעך — אַ כיעס זײַן צו קוקן!
— טאַקע?
— טאַקע, טאַקע! ס'האָט אַ זשאַבקעלע געטון אַ קוואַקע,
ס'איז אַ גוטער סימען! האָפּ'נונג, ברודער, האָף —
טיף די בלאָטע, נאָר סע גייט, סע קומט אַף איר אַ סאָף!
— זאָלסט גאָר אַף קיין שלעכטן אָרט ניט טרעטן!
ווייסט,
האָסט דאָך, ברודער, מיך געטרייסט! —
און פון דעמלט, קנעטנדיק די בלאָטע, נאָר געבעטן:
„פייסעך — אוי, סע זאָל שוין קומען פייסעך!
ווען איך קען די צײַט מיט בײַטשן טרײַבן, הייס איך!"

און די צײַט געקראָכן זיך, געקראָכן,
נאָך אַ וואָך און נאָך צוויי וואָכן —
פון דער אַרבעט קומט ער, מאַטעס,
וואַרפט־אַראָפּ די אַלטע שמאַטעס:
„סאָרע־גיטל,“ זאָגט ער, „נעם דאָס פּעקל, אַ מאַטאָנע טראָג צום גאַלעך עס!“
אָפּגעוואַשן, אָפּגעפרישט זיך, און אַרײַן אין ביגדע־מאַלכעס —
קוקט אַף אים און ניט דערקענט אים סאָרע־גיטל:
מאַטעס אַ באַלבאָס אַ יוסטער,
אַפן קאָפּ אַ זײַדן היטל,
די קאַפּאָטע שפּאָגלנײַ, די שיך נאָר וואָס פון שוסטער
(פּאַר צוויי קאַרבן מיט אַ האַלבן
צוגעזאָגט, געמאַכט אַף יאָנטעוו זיי רעב רוויל).
און די שטיוול?
ניט פּאַר זיי די יאָנטעוובסורע זינגען שוואַלבן:
זיי געפאַלן מאַטע־מאָטע*) —
אָפּגערוקט פאַרשעמטע, וואַרטן אַף אַ נײַער בלאָטע.

*

ווי מיר ווילן, לײַנען מיר דאָס בריוול.
ווילן מיר, באַדױ׳רן מיר אַפילע שטיוול;
ווילמיר, זאָגן מיר: אַ מיצווע! אַלטע לעדער
פראַוועןן וויל דעם סײדער?
אָבער ווײ געשריגן! ס׳טרעפט דאָך אויך מיט מענטשן אָפּט:
יאָנטעוו קומט, נאָר ניט פאַר יענע, וואָס אַף אים געהאָפּט!

---

*) „מטה־מטה“

בײַנאַכט

אָרעמקייט קיין זינד, כאָלילע, ניט —
אַ באַווײַז: מע שעמט זיך דאָך דערמיט.
(נו, ווער שעמט זיך הײַנט מיט זינד?
סײַדן נאָר אַ קינד.)
איז דאָס טאַקע ניט קיין זינד, נאָר שמײַסן
שמײַסט די וועלט דערפֿאַר,
ווי דעם קנעכט סע שמײַסט אַמאָל דער האַר,
גלאַט אַזוי, פֿאַר ווילטאָג, אַף צופֿלײַסן.
קומט-אַרויס אַ האַרבסטנאַכט, אָרעם, וויסט און בלינד,
שמײַסט זי מיט אַ לאַנגער פֿײַפֿנדיקער בײַטש דער ווינט.
ווײַנט די נאַכט און פֿון די טיפֿע אויגנלעכער
גיסט זי טײַכן פֿינצטערע אַף דעכער
פֿון פֿאַרשלאָפֿענע, פֿאַרהאַקטע שטיבער,
וואָס זיי כראָפֿען אין דער וועלט אַרײַן מיט נעזער-קוימענעס.
אַלץ פֿאַרטײַעט. נאָר בײַם האָלצהעקער רעב קלווינעמעס
קלינגט דאָס אַלטע דעכל
מיט אַן אָפּגעריסן בלעכל,
ווי אַ קראַנקער מיט די ציין אין פֿיבער
(שוין אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל,
אַז דאָס הײַזל, ניט פֿאַר אײַך געזאָגט, אַ שטיקל ווילע-נויפֿל).
און אַקעגנאיבער
אין אַ וויסט געביל פֿאַרגייט זיך יאָמערלעך אַ הונט —
פֿאַרן קראַנקן הײַזל בעט ער דאָס, פֿאַר זײַן געזונט.
נאָר ווער גלייבט עס דען אַ הונט און הערן דען ווער וויל אים,
ווען אַפֿילע פֿאַר אַ קראַנקן זאָגט ער תּהלים?*)

*) „טילעם"

בילט ער, בילט ער, ביז רעב קלוינעמעס באַווייזט זיך מיטן שטעקן:
„קיילעוו איינער," שרייַט ער, „גיט געפּונען ווען שוין צו וועקן?
ווער באַגראָבן!
מאַרש! מע דאַרף דיך דאָ ניט האָבן!"
טראָגט זיך אָפּ דער הונט, פאַרשטעקט זיך אין אַ לאָך
און ער זאָגט: „אין טאָך,
וואָס מיר קלוינעמעס און וואָס איז מיר זיין כוילע?
גלאַט אַזוי צו בילן אויך אַן אַרבעט זייַ'ר אַ ווילע."

פאַרוואָס די ערד דרייט זיך

זיבן יאָר אין טײַך אין הייליקן, אין גאַנג,
זיך געטויוולט יאָ-כון-טשאַנג.
קענן דער לעוואָנעשײַן, אין נעכט געהייליקטע, פאַרטראַכטע,
זיבן יאָר גערייניקט זיך, דאָס אַכטע
ווידער זיך געטויוולט, גלאַט אַזוי — וואָס שאַט עס?
איז אַ צאָפּ אים אויסגעוואַקסן ביז די פּיאַטעס;
ניט אַ פּאָשעטער — אַ גילדענער, אַ זעלטענער אין כינע,
אין דער גרויסער צעפּמעדינע.
און אַ צאָפּ אַזאַ זאָל היגטן הענגען, אַפן רוקן?
יעדער, נאָר ניט יאָ-כון-טשאַנג זאָל אַף אים קוקן?
און וואָס טוט מען גאָר, אַז עמעץ ווער
נעמט און גאַנוועט שטיל זיך אונטער מיט אַ שער?
אַלדינגס קען זיך טרעפן, יאָ! מיט וואָס איז ער באַוואָרנט?
ניין, דעם צאָפּ מוז טראָגן ער פון פאָרנט, יאָ, פון פאָרנט!
טוט ער זיך אַ קערעווע, אַ דריי,
איינס און צוויי —
שטיי!
וואָס געשען?
גאָרניט, אַלץ דער צאָפּ נאָך ווו געווען!
טוט ער ווידער זיך אַ דריי, אַ קער,
איינס אַהין און צוויי אַהער —
אַלץ דאָס אייגענע! איז דרייט ער זיך נאָך מער,
האַסטיקער, אַ שווינדלראָד —
ניין, סע העלפט ניט, בראַמאַ ווײַזט ניט זײַן גענאָד!

און אַזוי שוין לאַנג
דרייען דרייט זיך יאָ-כון-טשאַנג,
און מיט אים די גאַנצע שטאָט,
דער בייס־אוילעם און דער טעמפּל און דאָס באָד,
מיט דער שטאָט די גרויסע וואַנט,
וואָס אַרום דעם גאַנצן לאַנד,
מיט דער וואַנט די גאַנצע ערד —
ווי אין מיל דאָס בלינדע פערד.
זיך דער וועלט שוין לאַנג פאַרדרייט דער קאָפּ —
און פון הינטן אַלץ דער צאָפּ!

דאָס ווינטעלע

לויפט אַ ווינטעלע,
יאָגט זיך נאָך אַ שטערנדל, אַ פּינטעלע.
טאָגט.
קומט אַ סומנעקייט און נאָגט,
און דאָס ווינטעלע סע קלאָגט.
פּינטעלע מיט ווינטעלע סע רייצט זיך —
פּינטעלע סע דרייט זיך,
דרייט זיך אַרום ווינטעלע,
ווינטעלע אַ הינטעלע
דרייט זיך אַרום פּינטעלע.
עך, אַ שווערער יאַגד!
ווינטעלע סע פּייפט, סע קנאַקט —
אי-יוּ!! ווינטעלע דאָס פּינטעלע געפּאַקט!
אָפּגעשטעלט דער לויף,
נעמט זיך ווינטעלע צונויף,
זעצט זיך אָפּרו׳ן אַף אַ בערגל
און אַזוי זיך גרינגלעך אַלפּי הערגל
דרייט עס מיט די פליגל פון אַ מיל
און סע מאַכט זיך מיטן פּינטעלע אַ שפּיל —
וואַרפט אַהין עס, וואַרפט אַהער,
פרווט צו טרעפן אין אַ ציל.
ווער-זשע שאַרכט דאָרט צווישן גראָזן? הער:
קייקלענדיק זיך, פינקלענדיק, אַ גילדן רינגעלע!
שיינט-אַרויס פון אים אַ פלאַמיק צינגעלע,

זאָגט עס שטיל: „געבענטשט דײַן יאַגד!
האָב ניט קײן פאַריבל, וואָס געוואַגט
איך צו שטערן
אַף אַ ווײַל דײַן שפּיל מיט מיל און שטערן —
איך וויל פרעגן נאָר, צי ביסט אַ באַלן דו אַף זיבן קענדלעך
פײַערדיקע רענדלעך?"
„זעלבסטפאַרשטענדלעך!"
„לערן־זשע מיך כאַפּן דעם, נאָך וועמען איך זיך יאָג
זיבן יאָר שוין מיט אַ טאָג!"
„ווער־זשע איז דאָס? זאָג!"
„איך!"
„כאַפּן זיך?
הערסטו,
דאָס איז דאָך דאָס שווערסטע!"
ענפערט אים דאָס ווינטעלע
און סע נעמט זיך ווײַטער שפּילן מיטן פינטעלע.

דאָס אויגנמענטשעלע

יעדער טראָגט בײַ זיך אין אויג אַ מענטשעלע אַ פּיצעלע —
טראָגט אַזוינס, פאַרשטייט זיך, אויך דאָס שויכעטל רעב איציעלע.
איינמאָל פאַרן שלאָפן זאָגט רעב איציעלע „המפּיל״,*)
טוט אַ צאַפּל
זײַן שוואַרצאַפּל —
נעמט דאָס וואַסער אין דער דייזשע קאָכן, זידן, שוימען,
און דאָס מענטשעלע אַ פלי-אַרויס זיך דורכן קוימען.
שאַ, די נאַכט וויינט? ניין, אַ ווינטעלע שטיל ברומט!
און דאָס מענטשעלע סע פליט זיך, פליט זיך, און סע קומט
צו אַ קלאָץ אַ גרויסן בײַ אַן אַלטער יאַטקע,
וווּ סע שלאָפט דער אַלטער הונט, דער שוואַרצער בילעם,
שטעלט דאָס מענטשל אַפן קלאָץ זיך און זאָגט תהלים:
„למה רגשו״ ביז „נבתקה״.**)
ווערט דאָס מענטשעלע אַ שפּילקעקעפּל,
פונעם קעפּל ווערט אַ קנעפּל,
פונעם קנעפּל גרינער עפּל,
גרינער עפּל ווערט אַן איי, דאָס איי
טוט אַ דריידל זיך, אַ דריי
און אַ שטעל זיך אַפן שפּיץ,
טוט אַ בליץ
אַ פּאָספּאָריש בליצעלע,
שפּרינגט פון איי אַרויס רעב איציעלע,
גרויס ווי פון אַ בוטל דאָס פאַרשטעקל,
אָבער, ווי מע זאָגט עס, באַקל-מיקל-פלעקל —

---

*) „האַמאַפּל״
**) „טילעם״ — „לאָמאָ ראָגשו״ — „נענאַטקאָ״

מיטן שטרײַמעלע און מיט די שיך-און-זעקעלעך,
פּייעסלעך געקרײַזלטע אין פלעשעלעך און גלעקעלעך,
דאָס קאַפּאָטקעלע מיט שוואַרצלעך־רויטע פלעקעלעך,
הינטן קוקט-אַרויס אַ רויט פּאַטשיילעכל
ווי אַ צונג פון אַ געקוילעט לעמעלע,
און דאָס בערדעלע צעשויבערט, ווייסט ניט פון קיין קעמעלע.
מאַכט דאָס שויכעטל די אייגלעך צו און זינגט אַ פריילעכל:
„איַי, איַי, טאַטע פּאָטערל! אָווינו מיילעכל!
מײַן נעשאָמעלע פון דיר אַ טיילעכל,
פון דײַן פלאַם אַ פלעמעלע,
ציט דאָס פלעמעלע צום פלאַם
ווי דאָס טײַכעלע צום יאַם —
העכער, צו דער שכינע, צו דער מטרוניתא!
איַי, מאַכשאָוועס, איַי, איַי, זיסע!
קדוש! קדוש! קדוש!"*) און אַ שפּרינגל און אַ שפּרינגעלע,
און סע שלעפּט פון הינטערקעשענע דאָס רויטע צינגעלע,
הענגט דערויף פון יענער זײַט אַ גילדן רינגעלע,
שטעקט אין רינגעלע אַ פינגערל,
נאָכן פינגערל אַ הענטעלע, און נאָכן הענטעלע
יענטעלע —
ליליס אין אַ פרעמדן מענטעלע
פונעם כאַזנס טעכטערל, אַ מיידעלע, אַ זינגערל.
יענטעלע אַ באָרוועסע,
און סע ציטערן די יונגע הערשעלעך, דאָס צווילינגפּאָר — וואָס אי'?
נעבעך נאַקעטע, אַ קרירע!
אירע
שוואַרצע צעפּ צעפּאַטלטע, צעווינטע!
אַ ראַכמאָנעס! גייט רעב איציעלע מיט איר אַ טאַנץ —
לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה!**)
זאָל דער קיסע און זײַן ליבער נאָמען ווערן גאַנץ,

*) „מאַטרעניסע" — „קאָדעש"
**) „לעשעם ייכעד קודשע בעריך הו אושכינטע"

זאָלן זינגען באַרג און טאָל אים —
אַה׳ווע, אַכדעס, שאָלעם!
איז דערפאַר
פּאָדאַוויַי-זשע, איציע, זשאַר!
שטאַרקער, איציע! עך, אַ ריקעד! עך, אַ ריקעד!
און דאָס קאָל פון קאָשערע בעהיימעלעך מערוקעט
פונעם קלאָץ אַרויס, דער קלאָץ אַזש פוקעט:
„שכינע, אַכדעס, ליבע, שאָלעם — ווויל און גוט;
נאָר פאַרוואָס-זשע טאַנצט עס גאָר אַף אונדזער בלוט?"



צו „די ניעקעלעך“ — ז׳ 268

נעקאָמע

גייט אין וואַלד אַרײַן אַ טאָטער
קאָקוסניס צו זוכן (זיי פאַרקויפט אין שטאָט ער).
גייט ער, גייט ער,
און אָט שטייט ער
פאַר אַ בוים. אָנגעשפּיגעוועט דער בוים מיט ניס —
אָבער, גאָט, ווי הויך ער איז!
און ניט צוגעגרייט, פאַרשטייט זיך, קיינער דאָרט קיין לייטער.
ווי ער טוט אַ קוק: אַהאַ —
אַפן בוים אַן אַפּל! זאָגט דער טאָטער: „זײַ געלויבט, אַלאַ!
אי די ניס באַקום איך, אי ניט אַפן בוים געקראָכן —
זיך די אַלטע ביינער ניט געבראָכן!"
וואָס־זשע טוט ער? צילט און טרעפט אין אַפּל ער אַ שטיין.
בייז דאָס אַפּל, שאַרפט די ציין,
בײַסט אַ נוס אָפּ, וואַרפט אין טאָטער.
„וואַרט, דו וועסט פון מיר שוין אַזוי גיך ניט פּטער!"
זאָגט דער אַלטער
און די נוס באַהאַלט ער.
נאָך אַ שטיינדל — נאָך אַ ריס,
און סע פליען ניס אַף ניס.
קורץ, סע פלאַקערט אַ מילכאָמע:
טאָטער וואַרפט אין אַפּל שטיינדלעך און שלאָגט־אויס אַן אויג אים,
ס'אַפּל זיך אין טאָטער נויקעם
(זיס איז די נעקאָמע),
נויקעם, נויקעם, ביז —
ביז דער טאָטער טראָגט־אַהיים אַ פולן זאַק מיט ניס.

דער שפּיגל און דער מאַלעך

קעגן שפּיגל
שטייט אַ וויגל,
אין דעם וויגל שלאָפט אַ קינד.
און דער מאַלעך מיט די רעגנבויגנדיקע פליגל
שטייט צוקאָפּנס און אַ כאָלעם אים ער שפּינט
פונעם האָניקפּאָדעם, וואָס אים איבער מײַלעכל גערונען,
ווען דאָס קינד נאָך אין גאַניידן אַף אַ טייטלבוים געזעסן
און אַ טייטל דאָרט געגעסן;
אָט דעם פּאָדעם דעמלט אויסגעכאַפּט דער מאַלעך און אַנטרונען.
איצטערט שפּינט ער פון אים גליק, איז גליקלעך מיטן קינד אינײנעם —
שמייכלענדיק גיט־איבער ער זײַן כיין אים.
זאָגט דער שפּיגל: „שײַנסט? ביסט גליקלעך, ליבער מאַלעך?
איך פאַרגין דיר, פונעם גאַנצן האַרצן דיר פאַרגין איך —
כאָטש אַליין איך ווײַט פון מאַזל, ווײַט אַ ווײַטן מ׳האַלעך.
איך אַ קינסטלער בין, פאַרשטייסטו מיך, אַ מאָלער בין איך —
וואָס איך זע, דאָס מאָל איך.
איצט דאָס קינד אין וויגל גיב איך איבער — זע, ווי ריכטיק!
און די פאַרבן — קוק, ווי העל, ווי ליכטיק!
גלײַך ווי ניט קיין גלאָז — קרישטאָל איך!
און זאָל ווער אַ דאַנקל זאָגן מיר, אַ יאַשער־קויכל!
שטאַרבן מוז אַ קינסטלער, ער זאָל מאַכן ערשט אַ רוישעם?
נאָכן טויט מיר זאָגן שוואָכים? אַחרי מות קדושים?*)
מויכל!"
„שפּיגל, שפּיגל, זאָל דיך ניט פאַרדריסן!"
זאָגט דער מאַלעך מיט אַ שמייכעלע אַ זיסן,
„מאָלן מאָלסטו טאַקע ריכטיק און מיט אַלע קלאָלים,
אָבער דאָס נאָך ווייניק: קינסטלער ביסטו, ווײַז דעם כאָלעם!"

---

*) „אַכרע מאָס קעדוישים"

בענקשאַפט

„פון די טיפענישן רוף איך, רוף צו דיר, מײַן האַרץ!
איך בין קראַנק, און פינצטער איז מיר דאָ און שוואַרץ!
און איך קען דאָס ניט פאַרשטיין, איך האָב דאָס קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען,
וויאַזוי, פונוואַנען
קומט צו מיר די אַנונג
וועגן דיר און וועגן דײַן פאַרהאַנונג!
און איך ווייס, איך האָב דאָך ניט די ווערט
בלויז דײַן נאָמען צו דערמאַנען.
אָבער דו, אָ ליכטיק האַרץ, וואָס פילט, וואָס הערט
און פאַרנעמט דעם רוף פון מינדסטן ווערעמל און זײַן באַגערל,
דו, דו וועסט ניט נעמען פאַר אומגוט, וואָס איך, אַ נישטיק טרערל
פון אַ קראַנקער ראַקאָווינע,
לעכץ, איך הינע
און גיי־אויס נאָך דיר, מײַן האַרץ, מײַן שכינע!"
אָט אַזוי געוויינט אין יאַם אַ פערל.
און אַז מ'האָט זי פונעם יאַם אַרויסגעצויגן
און מיט נאָך אַסאַך אַזעלעכע ווי זי,
דורכגענומענע פון בענקשאַפט־גלי,
אויפגעסיליעט אָף אַ זײַדן שנירל,
און די מאַלקע פון דרײַ יאַמען, מירל,
(ז'האָט אַ שוואַרצן האָר־יאַם און צוויי יאַמען אויגן),
האָט זי אַפּן אויצער פון פאַרלאַנגען,
אַפּן מיידלהאַרץ אַף אירן אויפגעהאַנגען —
באַלד
זי ווי אירע שוועסטערלעך דערוואַרעמט זיך, צעשטראַלט
אינעם נאַכעס־ליכט שוין לאַנג געגאַרטן,
און איניינעם מיטן האַרץ גענומען אַף אַ האַרץ ערשט וואַרטן.

איבערן יאַם

איז די נאַכט אַ גוטע שטילע מאַמע? מינעסטאַם!
ווי אַ מאַמע איר בען־יאָכיד, נעמט די נאַכט אַרום דעם יאַם.
און זי הערט זיך צו אים צו, און הערט זיך איַין, און הערט.
און דער יאַם, ער וואַקסט — דער יאַם האָט זיך פאַרמערט:
אַלע זיבן יאַמים מיטאַמאָל.
און די זיבן אויסגעטון פון צאָל.
וואָס דער יאַם? אַ רויער, ניט פאַרהאַרטעוועטער הימל?
ניין, אַ ציטעריקער דרימל,
דרימל פון איינסאָף.
און דאָרט אויוון, העט אַרויף,
שווים נאָך שווימל,
ציילנדיק אַיעדן שווים פאַמעלעך, מיט קאַוואָנע:
אַלעף, בייס, גימל —
שווימט זיך, שווימט זיך די לעוואָנע.
זאָגט צו איר די נאַכט
אַף אַ קאָל, וואָס ניט סע רעדט, נאָר טראַכט:
שאַ!
פרעגט זי די לעוואָנע: האַ?
זאָגט צו איר די נאַכט
אַף אַ קאָל, וואָס ניט סע רעדט, ניט טראַכט, נאָר דאַכט:
פאַסעך-שין!
פרעגט זי די לעוואָנע: וואָס? וווהין?
זאָגט צו איר די נאַכט
אַף אַ קאָל, וואָס ניט סע רעדט, ניט טראַכט, ניט דאַכט, נאָר וואַכט:
ש-ש-ש!
ענפערט די לעוואָנע: העכער! הויך! איך הער דיך ניש׳!
נעמט די נאַכט מיט שטערן שפּיַיען:
העכער? העכער נאָך ווער קען דען שריַיען?

דער רעגנבויגן

דער רעגנבויגן

ווייסט עס דער ניטגוטער!
פרילינג אָנגעפרינדעט זיך דער הימל אין אַ וואָלן פוטער
און באַקומען ער אַ מאַרע פון אַן אַלטער באַבעצע.
האָט דער אַלטיטשקער די נאָז גענומען קאַפען, קאַפעט זי;
פון דער נאָז ניט שטייען־אָפ די קאַלעמוטנע אויגן.
שמוציק־נאַסער אומעט
נעמט דיך דורך, כאַפט־אַרומעט.
האָט די האָפענונג, אַ פרישער יונגער רעגנבויגן,
זיך צונויפגעקנוידערט, זיך צונויפגעצויגן,
אײַנגעדרייט זיך אין אַ פאַרביק בייגעלע,
זיך פאַרוואַנדלט אין אַ באַבעטשקע, אַ זומערפייגעלע,
און אַוועק געפלויגן
ערגעץ ווײַט אונטערן שטעטל,
דאָרט אַוועקגעזעצט זיך אַף אַ בלעטל
פון אַ ווייִנענדיקער ווערבע
פאַר אַן אַלטער כערווע
און גענומען פרעגן אַלטע קאַשעס:
„פײַערל, וואָס קנאַקסטו, אַז דײַן סאָף גאָר קויל און אַש איז?
אַף די פעלדער ניט צעבליט זיך נאָך די זאַנגען —
און בײַנאַכט אין הימל לאַנג דער סערפ שוין אויפגעגאַנגען!
דרייט זיך ווי אַ קאַרוסעל אַרום דער זון אַן ערדל —
דרייט זיך אום אַ באָק און שאָקלט מיטן בערדל!
און אַ קאַלטער הימל הימלט,
הימלט זיך אין גרינעם טײַכעלע און שימלט,
און אַן אַלטע באָבע שטריקט אַ זאָק און דרימלט —

פרעג, נאָכוואָס?״
און די אַלטע באַבעצע דאָרט אויוון שנײַצט זיך אַלץ די נאָז,
מעלקט ווי פון אַ פולער אײַטער,
און די קאַליע אויגן קיסנען אַלץ און טרערן.
טראַכט דאָס רעגנבויגנדל זיך ווײַטער:
„צו דער ערד אַנומלט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ בלאָער שטערן
און געבליבן שטעקן אין דער בלאָטע מיסלעך
ווי אַ כרושטש, וואָס איז געפאַלן נאַזנדיק און צאַפּלט מיט די פיסלעך,
און אַ גילגל קוואַקעט אין געמויזעכץ ווי אַ גרינע זשאַבע
און סע דאַכט זיך אויס אים, דאָס איז אוילעם־האַבע.
נו, און איך? נאָכוואָס דאָס נאַרן זיך? אָט פרעג זיך אין דער שטיל איך:
איך אַליין, וואָס טו איך דאָ? וואָס דאַרף איך דאָ? וואָס וויל איך?
וואָס דער סייכל? סאַראַ זין?״
אינדעם זע, אַ שטראַל אַ גילדענער אַף אים געפאַלן דין,
ציטערדיק — וואָס איז?
אין דער הימלזשופּעצע אַ ריס —
דאָס די זון באַוויזן מיט איר שפּיז.
און ווי דורך אַ קישעף אַלץ: דער טאַטע הימל
און די מאַמע ערד, דאָס גרעזל און דאָס בלימל,
און דער גרינער קאַלעשלייער (ס'הייסט דער שימל,
וואָס פאַרציט דאָס פּאָנעם פונעם טײַכל),
און דער כרושטש, וואָס ליגט אַרויף דאָס בײַכל,
און ער ציטערט ווי אַ שטערן מיט די שטראַלעכלעך-שפּיצפּיסלעך,
אי די שפּרינגערקע, די קוואַקערקע, די זשאַבע,
אי די גוטע-פרומע שמאָכעדיקע באַבע,
אי די קלוגע שפּיסלעך,
וואָס זיי קושן זיך און ליובען זיך ווי טויבן מיט די דינע פיסקלעך
און שפּילכיינעוודיק מיט בליאַסקלעך-בליסקלעך

האַקלען זיי איר אייניקל אַ זאָק,
אי דאָס קאָמיש-טמימעסדיקע בערדל פונעם באָק,
אי דער פלאַטער פון דער פליג, דאָס זשומזשען פון דער בין —
אַלצדינג מיטאַמאָל באַקומען שוין אַ זין.
און דער זון אַקעגן אין זײַן גאַנצער גרייס דער רעגנבויגן
אַפן שטערן פונעם הימל מאַלכעסדיק זיך אויסגעצויגן.

*

וואָס? די וועלט כסאַרדייאיש?
פינצטער? גליטשיק? יייעש*)
אין די ביינער עסט זיך איַין?
אָבער, כעוורע, אַז די זון וועט טון אַ שײַן!

---

*) „חסר־דעיש" — „יאוש"



דער טעלער

אַ ציגײַנערטע. אַ צירקוס־מײדל
אין אַלטן קלײדל
מיט אַ זילבערנעם־טעלער אויפֿן קאָפּ.
אין דער שוואַרץ־געלאָקטער צאָפּ
וואָס צעפֿלאָכטן אין צעלאָזן.
מיט אַזאַ — זי קומט אַרויס פֿון ניגון אויף שמאָלע גרינדן!
און מיט קלינגען צו שלאָגן און ניי־קאָלירן אין רינגען...
קומט צעפֿלי... אין שפּרין
און צעוויגן ערד און הימל לאַנג און ברייט
ביז צו אַלעס אָפּגעזעצט.
לײַדיק. איך גיי אויף אַלע אום פֿון ניגון — פּחדים!
און דער זילבער־טעלער אויף איר קאָפּ
פֿאַלט חלילה, נישט אַראָפּ!
שווער
קומט הינטער צו גיין
און אַ נײַעם ריין
— קינד מײַן פֿרײַנד! די קענסט נאָך וואָס טראָגן?
— וואָרפֿט אַרויף איר אין די אויגן!
— גיט איר קײַנעם שטרוי מיט גראָזן!
— וואָס זשע וועלט איר הינט — איר וועלן
ליכטיקער זאָל ווערן! הערט!
לאָמיר זען וואָס אויף מײַן טעלער!

אליעזר שטיינבאַרג

[„דער טעלער" — פאַקסימיליע]

* * *

אָט דער בוך, וואָס איז ביז די לעצטע פּראָטים צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק פון דעם מעכאַבער גופע, איז פון זײַן באַשעפער פאַרטראַכט געווען אָן וואָס פאַר אַ ניט איז באַלייטוואָרט. דער קלאַסיקער אֶליעזר שטיינבאַרג האָט געהאַלטן פון דער קלאַסישער קונסטפאָרמולע: מאָל, מאָלער, און שווײַג! דערוועגן מיר זיך ניט אַרונטערצונעמען דעם דאָזיקן באַנד מעשאָלים אונטער די פליגל פון אָפּשאַצונג און נאָך ווייניקער — לייגן רעקלאַמעלאַטעס אַף דעם קלאָרן גײַסט פון פאַרשטאָרבענעם מײַסטער.

עטלעכע אַרויסגעבערווערטער זענען אָבער איצט נייטיק. דאָס, ווײַל אונדזער אויפגאַבע, אַ לעגאַמרע אַנדערע ווי בײַם דיכטערס לעבן, דאַרף הײַנט באַקאָנט ווערן דעם ברייטן יידישן לייענעראוילעם פונדאַנען און פון כוץ־לאָאָרעץ, וואָס האָט שוין אויך אָנגעהויבן צו אַנען הען וועגן די פּראָפּאָרציעס פון אונדזער אַווײדע און הען וועגן דעם גרויסן געווינס פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וואָס סע שטעלט מיט זיך פאָר דאָס אין קסאַוויאַדן נאָך באַהאַלטענע שטיינבאַרגישע ווערק.

דער „שטיינבאַרג־קאָמיטעט", וואָס האָט זיך געזאַמלט אַרום דעם לעבעדיקן שטיינבאַרג מיט דעם קלאָר אַרומגעגרענעצטן ציל, אַרויס־צוגעבן איין באַנד מעשאָלים, זײַענדיק דערבײַ זיך באַוווּסט אַז מ'איז דערמיט אַליין שוין גוירעם אַ ליטעראַריש געשעעניש פון גרויסן באַטײַט, איז נאָך דעם דיכטערס טויט שווער באַלאָדן געוואָרן מיט דער גאַנצער מאַסע פון זײַן גײַסטיקער יערושע.

אָט די יערושע — זאָגן מיר זיך הײַנט פײַערלעך — דאַרף מען וואָס גיכער איבערגעבן גאַנץ און ניט געפּעלטשט צו איר יוירעש, דער יידישער פאָלקסמאַסע.

אַ האַסכאָלע איז דער דאָזיקער באַנד, אינגאַנצן אויסגעשטאַטעט, געפּוצט און געשליַיערט פונעם מײַסטער, וואָס האָט, ביז דער טויט האָט ניט אויסגעלאָשן זײַן כיעס, ניט אויפגעהערט ווינטעווען, שטורעמען, לײַכטן און שײַנען איבער די בלעטער פון זײַן בוך.

שווער איז זיי ב יי ד ע געווען דאָס פּאַטאַלע צעשיידן זיך — דעם שעפער פון דעם ווערק און דעם ווערק פון דעם שעפער, וועמעס לעצטע אין גסיסע־פּליסטער געזאָגטע ווערטער' האָבן טראַגיש גע־בלאָנדזעט אַרום דעם אין אייגענעם שקיע־שײַן ברענענדיקן, געדיכטן וואַלד פון זײַנע פּאַבלען.

און קיין וואונדער ניט: שטיינבאַרג, וואָס האָט פאַרמאָגט אין זיך דעם קויעך, דאָס אַכראַי'עסגעפיל און דאָס געדולד פון די אַלטע מײַסטער, האָט ניט געשיקט זײַן ווערק אַף די פּראָפעסיאָנעלע מאַרקן; זײַן אָנאויפהערדיק שלײַפן, זײַן אייביקע, אָבער טאָמיד שעפערישע אומצופרידנקייט, זײַן דערפינדערישע באַנײַונג און אָפּפרישונג פון טעמאַטיק און פאָרם — מיט איינעם וואָרט, זײַן כאַדרעכאַדאָרימדיק יאָרנלאַנג ראַנגלען זיך מיט זײַן שאַפן האָט געבראַכט דערצו, אַז דער פירהאַנג, וואָס האָט מיט זיך פאַרשטעלט איינעם פון אונדזערע אינטערעסאַנטסטע מאָדערנע קולטורפענאָמענען, זאָל ערשט אויפגיין איצט, נאָך דעם ווי ס'איז געפאַלן דער פירהאַנג פון זײַן לעבן.

ווירקט דעם דיכטערס טויט אויך אַזוי קלאַסיש ווי זײַן מיט ניט געוויינטלעכער גוורע אויסגעקנאָטן מאָנומענטאַל ווערק.

שטיינבאַרגס ווערק — וויאַזוי דערנענטערט מען זיך צו אים? וויאַזוי גייט מען אַרײַן אין דעם דאָזיקן פון זײַן ווילהערשעוודיקן האַר פאַרלאָזענעם פאַרדעס און מע ווערט דערבײַ כאָלילע ניט געשטרויכלט?

ווער סע האָט געהאַט די זכיע אַרײַנצוקוקן אין שטיינבאַרגס אַ קסאַוויאַד, ווייסט: צענדלינגער וואַריאַנטן היטן אים, האַלטן אים פאַרריגלט;

גירסעס אַף גירסעס, מיט זייערע כיינעוודיקע, דאַכט זיך שטיינבאַרגיש־בלאָ־קינדישע, טיפּע רעטעניש־אויגן רינגלען ברייט אַרום די איבערגעבליבענע פּירהונדערט מעשאָלים־יעסוימים ווי דער כוואַליעדיקער געמאָרע־יאַם, וואָס פּאַרפּלייצט דעם גרינעם מישנע־אינדזל.

אין דער געדיכטעניש פֿון די וואַריאַנטן — אַלע ראָע אַרייַנצוגיין אין גאַניידן פֿון אונדזער שפּראַך — וועט מען, בייַם אָרדענען זייַנע שריפֿטן, ניט איין מאָל זיך פּאַרבלאָנדזען מיט אַ פּאַרגאַפֿטן, פּאָרשנדיקן בליק, פֿול מיט בענקשאַפֿטכאָלעם נאָך דעם מייַסטער.

איז דעריבער אין אָט דעם באַנד באַזונדער געטרייַ אָפּגעהיט געוואָרן דער פֿון מעכאַבער באַשטימטער וואַריאַנט, סיידער און טעכניק.

דער אויסלייג אויך אינגאַנצן זייַנער.

מערקווירדיק: שטיינבאַרג, וואָס איז געווען געווינט צו שיקן זייַנע פּאָעטישע וואָרצלען נאָך יעניקע ביז צו די ברעגעס אין איינסאָף־לאַנד העברעיש, האָט אַזוי אַקשאָנעסדיק געפּאָדערט און געפּעדערט דאָס נאַטוראַליזירן די העברעיזמען אין אונדזער פֿאָלקסשפּראַך — „אָפּרוימען די אָרטאָגראַפֿישע אַוונע־נעגעף" האָט עס אין זייַן בילדערישן לאָשן געהייסן. קינסטלער און לינגוויסט אינאיינעם, וועט אים אַוואַדע זייַן באַשערט דורכצופֿירן סאָפּקאָלסאָף דאָס, אַף וואָס אונדזערע שפּראַכספּעצן האָבן זיך טעאָרעטיש פּאַרמאָסטן און ניט געהאַט דעם נייטיקן קויעך עס פּראַקטיש צו דעקרעטירן. דעמלט וועט אָט דער בוך אויך אין דעם פּראַט האָבן זייַן היסטאָרישע כשיוועס.

אין שייַכעס דערמיט דאַרפֿן מיר דאָ אויך פֿאַרצייכענען, אַז די אייגנאַרטיקע טייַטשן פֿון זייַנע אין די מעשאָלים אָפּט געברויכטע האַרבע לאָשנקוידעשווערטער — טייַטשן־איבערדיכטונגען, וואָס דער מעמאַשל מיט זייַן כאַריפּעסדיקער פּאַשטעס האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרפֿלאַנצן ביי די ראַנדן פֿון זייַן בוך (זע ערשטן בויגן), זענען זייַנע לעצטע פּאָעטישע אימפּראָוויזאַציעס.

ס׳איז אַזויאַרום דורך דעם טויט פון אונדזער אומגעריכט פון דער וועלט פאַרשניטן געוואָרענעם קינסטלער איבערגעהאַקט געוואָרן, ניט צושטאַנד געקומען אָט די גליקלעך אָנגעהויבענע, שיינע, קלוגע, עכט-שטיינבאַרגישע דיכטערישע אַרבעט, וואָס זאָגט אויך איידעס אַף זײַן שפּראַכמײַסטערשאַפט. זענען די קאָמפּליצירטע העברעיזמען, וואָס האָבן ניט געהאַט ד׳י זכיע פאַרטײַטשט צו ווערן פון זײַן קוואַלנדיקער טאַלמיד־כאָכעם־מוזע, אין ד׳י שפּעטערע בויגנס בלויז יידיש אויס-געלייגט — ס׳איינציקע צו וואָס ד׳י אַרויסגעבערס פון דעם באַנד, וואָס דערפילן נאָר אַ ריין טעכנישע אַרבעט, האָבן זיך געקענט דערטראַכטן.

נאָך דעם דאָזיקן בוך, וואָס נעמט-אַרײַן קאַרגע הונדערטפופציק מעשאָלים, פאַרשיידענע לויט זייער אינהאַלט, סטיל און שאַפונגספּעריאָד, זענען אָנגעמערקט צום אָרדענען און אַרויסגעבן פולע נײַן בענד שריפטן: מ ע ש אָ ל י ם, מ ײַ ס ע ל ע ך, ט ע אַ ט ע ר פּ י ע ס ע ס פאַר גרויס און קליין, ק י נ ד ע ר ל י ד ע ר, פּ ע ד אַ ג אָ ג י ש ע אַ ר ב ע ט ן, ב ר י װ ו און ג ע ש פּ ר ע כ ן.

דער „שטיינבאַרג־קאָמיטעט״ גיט זיך אָפּ רעכענונג, אַז ער ווערט אַזויאַרום אַ וויכטיקע קולטוראינסטיטוציע, ווײַל ער נעמט אַף זיך דאָס גרויסע שליכעס איבערצוגעבן דער יידישער ליטעראַטור דאָס ריזיקע ווערק פון אֶליעזר שטיינבאַרג, וואָס זײַן אָרט לעבן אונדזערע געאוינים מענדעלע, שאָלעם־אַלייכעם און פּערעץ וואַרט אַף אים פון לאַנג.

מיט אַ ציטערדיקער האַנט געשריבן אין 23־סטן טאָג נאָך זײַן פּטירע, ווי געהייסן מיר זײַנע פרײַנד, ד׳י געטרײַע היטערס פון זײַן ווערק —

פון מיר, זײַן כאַווער און טאַלמיד

יעקב שטערנבערג

רעשימע

נאַטוראַליזירטע העברעישע און אַראַמישע עלעמענטן אין יידיש, וואָס קומען-פאָר אין דעם בוך, איבער-געגעבן אין זייער היינטיקן ייוואָ-אויסלייג

פאָרבאַמערקונגען

די רעשימע, וואָס ווערט דאָ געבראַכט, האָט דעם צוועק:
א) גרינגער צו מאַכן דאָס אויפנעמען פונעם נײַעם וואָרטבילד*);
ב) אין פאַל פון נייטיקייט, צו זײַן די בריק צום ווערטערבוך.

1. אין דער רעשימע גייען־אַרײַן די נאַטוראַליזירטע העברעיזמען, וואָס קומען־פאָר אין דעם בוך.
2. רעגיסטרירט עקסטער זענען: א) איטלעכער לעקסיקאַלישער איינס אין זײַן גרונטפאָרם; ב) אומרעגלמעסיקע פעמינינס, דימינוטיוון און אַדיעקטיוון־אַדווערבן; ג) האָמאָנימען; ד) דובלעטן (אויסלייג־וואַריאַנטן); ה) פון צונויפזאַצן און שאַטנעזווערטער — נאָר אַלטגעזעסענע און ווערבן.
3. דער פלוראַל ווערט געבראַכט נאָר, אויב ער איז שטאַרק אומרעגלמעסיק. ער שטייט לעבן זײַן גרונטפאָרם.
4. די אומרעגלמעסיקע אינטאָנאַציע (דער טראָפּ) איז איבערגעגעבן דורך אַן אייבערשטראָך נאָכן וואָקאַל, וואָס טראָגט זי.
5. אין קײַלעכדיקע קלעמערלעך () שטייט אַ צווייטער אויסלייגאויפן; אין עקעכדיקע [ ] — אַ דערקלערנדיק הילף־וואָרט.
6. אַ שטערנדל פאָרויס * גיט־איבער, אַז דאָס וואָרט איז אייגנטלעך ניט קיין העברעיזם.
7. צום העברעישן טייל איז אָנגעווענדט דער מאָלע־אויסלייג, ווי סע פּראַקטיצירט אים דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט. (ווי ווײַט נייטיק און מיגלעך מיט נעקודעס; כאָסערפאָרמען — געציילטע.)
8. דער סיידער פונעם אַלעפבייס איז צום טייל אַ נײַער — אַ יידישער.

---

*) אין דעם זין זענען טייל פרעמדערע העברעיזמען געבראַכט אין זייער אַלטן אויסלייג טאַקע טייקעף אונטערן טעקסט.

אוילעם, אוילאָמעס	עולם, עולמות
אוילעם־האַבע	עולם-הבא
אוינעג־שאַבעס	עונג-שבת
אויסעק [זײַן]	עוסק
אויצער, אויצרעס	אוצר, אוצרות
אוירעך, אָרכים	אורח, אורחים
אולײַ	אולי
אומכיין	אומחן
אונסאַנע־טויקעף	ונתנה-תוקף
איבערכאַזערן	איבערחזרן
איבערשמו(ע)סן	איבערשמועסן
איידע	עֵדה
איידעס	עֵדות
איימע	אֵימה
איינסאָ׳ף	אֵין-סוף
אייסעק, אַסאָקים	עֵסק, עסקים
אייצע	עֵצה (עיצה)
איני׳ען, איני׳אָנים	עִנין, עִנינים
אינעמעסן	אינאֶמתן
איפּעש	עִיפּוש
איקער, איקאָרים	עִיקר, עִיקרים
אישע, נאָשים	אִשה, נשים
אַגונע	עגונה
אַדאָמע	אַדמה
אַדהאַ׳יעם	עד-היום
אַדויני	אַדוני
אַ׳דעראַבע	אַדרבא
אַ׳האַווע	אַהבה
אַוואַדע	אַוודאי
אַווידע	עבודה
אַווידע־זאָרע	עבודה-זרה
אַווײדע	אַבידה
אַווישאָ׳לעם	אַבישלום
אַזעספּאָנעם, אַזעס־פּע׳נעמער	עזות-פּנים, —-פּנימער
אַ׳כבעראָש, אַכבערוישים	עכבּרוש, עכבּרושים
אַכדעס	אַחדות
אַכו׳ץ	אַחוץ
אַכלען	אַכלען
אַכראַ׳יעס	אַחריות
אַלכע׳ט	על-חטא
אַלעף (א)	אַלף
אַלעפּביי׳ס	אַלף-בּית
אַלעקסאַנדער	אַלכּסנדר
אַלפּי	על-פּי
אַלקיין (אַלקן)	על-כּן
אַמאָרעץ, אַמעראַצים	עם-האָרץ, עם-האַרצים
אַמכאָ	עמך
אַמנען	אַמנון
אַמעד־אייש	עמוד-האֵש
אַני־האַקאָטן	אַני הקטן
אַסאַ׳ך	אַ סך
אַסייפע	אַסיפה
אַסייפען	אַסיפהן
אַפּאָנעם	אַפּנים
אַפּיקוירעס, אַפּיקאָרסים	אַפּיקורס, אַפּיקורסים
אַפּשיטע	אַפשיטא
אַפי׳לע	אַפילו
אַצאָסי	עצתי
אַקאָרע	עקרה
אַקשאָנעס	עקשנות
אַקשן, אַקשאָנים	עקשן, עקשנים
אַ׳שמעדײַ	אַשמדאַי
אַשקענאַזיש	אַשכּנזיש
אָדן, אַדוינים	אָדון, אַדונים
אָווינו	אָבינו
אָוועס	אָבות

אָמעד	עמוד
אָמעק	עמוק
אָס, אויסיעס	אות, אותיות
אָסער	אָסור
אָפּדוכענען	אָפּדוכנען
אָפּטויוולען [זיך]	אָפּטובלען
אָפּסוידען [זיך]	אָפּסודען
אָף, אויפעס	עוף, עופות
אָץ־קויצעץ	אָץ-קוצץ
אָקיאָנעס	אוקינוס
אָרן, אַרוינעס	אָרון, אַרונות
אָרעוו	ערב
באַדקען (—קענען)	בּדקען (—נען)
*באַהאַוונט	באַהאַוונט (באַהבנט)
באַטאַמט	באַטעמט
באַטלען [כאַלוימעס]	בּטלען
באַל־אייצע	בּעל-עֵצה
באַלאָנעס	בּעלנות
באַל(ע)באַטיש	באַלעבאַטיש
באַל(ע)באָס, באַל(ע)באַטים	באַלעבאָס, —באַטים, (בּעל-הבית, בּעלי-בּתּים)
באַל־גייווע	בּעל-גאווה
באַלדאָווער (באַל־דאָווער)	בּעל-דבר
באַל־טויווע	בּעל-טובה
באַל־טייווע	בּעל-תּאווה
באַל־יויעץ	בּעל-יועץ
באַליילע	בּלילה
באַלמויפעס	בּעל-מופת
באַל־מוסער	בּעל-מוּסר
באַלמעלאָכע	בּעל-מלאכה
באַלן, באַלאָנים	בּעלן, בּעלנים

באַלעגאָלע	בּעל-עגלה
באַל־צורע	בּעל-צוּרה
באַל־ראַכמאָנעס	בּעל-רחמנות
באַל־ראַכמים	בּעל-רחמים
באַלשעם	בּעל-שם
באַסקאָל	בּת-קול
באַקאָשע	בּקשה
באַקל־מיקל־קאָל	בּכּל-מכּל-כּל
באַרדאַ'ס	בּר-דעת
באַרמיצווע	בּר-מיצווה
באַ'רמענען	בּר-מינן
באַרסאַמכע	בּר-סמכא
באַר־קאַפּאָרע	בּר-כּפּרה
באַר־קאָכבע	בּר-כוכבא
באַשער	באַשר
*באָוועמייסע (באָבעמייסע)	בּבא-מעשה
באָטל	בטל
באָכער, באָ'כערים	בּחור, בּחורים
באָלעק	בּלק
באָקע, בקיאים	בּקי, בּקיאים
באָרעך־האַשע'ם	בּרוך-השם
בוילעט	בּולט
בוירער, באָרורים	בּורר, בּוררים
בושע	בּושה
ביגדע־מאַלכעס	בּגדי-מלכות
ביגנייווע	בּגניבה
ביזאָיען, ביזיוינעס	בּזיון, בּזיונות
ביטאָכן	בּיטחון
בייס (ב)	בּית
בייס־אוילעם	בּית-עולם
בייס־האַמעדרעש	בּית-המדרש
בייקאָל	בּיי-קול
ביכלאַ'ל	בּכלל
בילבל, בילבולים	בּילבּול, —ים
בילעם	בּלעם

ביקער־כוילים	ביקור-חולים
בישליימעס	בשלימות
בסורע	בשורה
בעאיין־אויפן	באֵין-אופן
בעאַהאַווע	באַהבה
בעדאַ׳ל	בדל
בעהיימע	בהמה
בעזדן	בית-דין
בעזדן־שעל־מײַלע	בית-דין של מעלה
בעזיל־האַזאָל	בזיל-הזול (בזילי-זול)
בעזע־האַלאָשן	בזה הלשון
בעטמימעס	בתמימות
בעטעווע	בטבע
בעכאָצע־כינעם	בחצי חינם
בעכיי׳ן (בעכע׳ן)	בכן
בעלי־ניידער	בלי נדר
בעמיילע	במילא
בען, באָנים	בן, בנים
בען־איר	בן-עִיר
בענימעס	בנעִימות
בעניאָכיד (בען־יאָכיד)	בן-יחיד
בענעמאָנעס	בנאמנות
בען־ציפּער	בן-צפור
בעסאָד	בסוד
בעעמעס	באֶמת
בעפּיירעש	בפירוש
בעציבער	בציבור
בעקאָווער	בכבוד
בעקיעס	בקיאות
בעקיצער	בקיצור
בעריע	בריה
בעריען [זיך]	בריהן
בעשטיקע	בשתיקה

בראָכע	ברכה
ברויגעס	ברוגז
ברײרע	ברירה
בריס	ברית
בריע	בריאה
גאַבע, גאַבאָים	גבאי, גבאים
גאַדלען, גאַדלאָנים	גדלן, גדלנים
גאַדלעס	גדלות
גאַזלען, גאַזלאָנים	גזלן, גזלנים
גאַלעך, גאַלאָכים	גלח, גלחים
גאַנוועענען	גנבענען
גאַניידן	גן-עֵדן
גאַניידן־טאַכטן	גן-עֵדן-תחתון
גאַנעוו, גאַנאָווים	גנב, גנבים
גאַשמיעס	גשמיות
גאָג־מעגאָג	גוג-ומגוג
גאָד	גד
גאָדל, געדוילים	גדול, גדולים
גאָלעס	גלות
גאָען, געאוינים	גאון, גאונים
גווורע (געווורע)	גבורה
גוילעם	גולם
גוימל [בענטשן]	גומל
גוירל, גויראָלעס	גורל, גורלות
גוירעם [זײַן]	גורם
גוישן	גושן
גוף	גוף
גופע	גופא
גזיירע	גזירה
גיבער, גיבוירים	גיבור, —ים
גידל־באָנים	גידול-בנים
גײַווע	גאווה
גילגל, גילגולים	גילגול, —ים
גימל (ג)	גימל
גירסע	גירסא

גבייווע־גזיילע	גניבה-גזילה
גסיסע	גסיסה
געאולע	גאולה
געדולע	גדולה
געוויר	גביר
געטן [זיך]	גטן
געמאָרע	גמרא
געמאָרעניגן	גמרא-ניגון
גענעם	גיהנם (גיהנום)
גער, גיירים	גר, גרים
דאַוקע	דווקא
דאַ׳ען, דאַ׳אָנים	די(י)ן, —ים
דאַלעד (ד)	דלת
דאַלעס	דלות
דאַ׳רדעקע	דרדקי
דאַ׳רשענען	דרשענען
דאָגעש־כאָזעק	דגש חזק
דאָוו־בער	דוב-בער
דאָוועראַכער	דבר-אַחר
דאָר, דוירעס	דור, דורות
דאָר־האַפלאָגע	דור-הפלגה
דווייקעס	דביקות
דיבורים	דיבורים
דיבעק, דיבוקים	דיבוק, —ים
דייע	דיעה (דעה)
דייַגע	דאגה
דין־טוירע	דין-תורה
דינע	דינה
דעהייַנע	דהיינו
דערהאַרגענען	דערהרגענען
דערעך, דראָכים	דרך, דרכים
דערעך־ערעץ	דרך-אֶרץ
דראָשע	דרשה
האַוואַ׳יע	העוויה

האַוואָרע	הברה
האַ׳יטאָכן	היתכן
האַכנאָסע	הכנסה
האַכנאָע	הכנעה
האַלעלויאָ	הללויה
האַמצאָע	המצאה
האַנאָע	הנאה
האַסאָגע	השגה
האַסכאָלע	התחלה
האַצלאָכע	הצלחה
האַקל	הכל
האַקל-באַקל	הכל-בכל
האַרגענען	הרגענען
האַרכאָווע	הרחבה
האַשאָרע	השערה
האַשגאָכע	השגחה
האָזע	העזה
האָמען	המן
הוידו	הודו
הוילעך	הולך
הויצאָע	הוצאה
הויריעס	הוריות
היי (ה)	הא
היניי	הנה
היצטאַרכעס	הצטרכות
הישטאַפכעס	השתפכות
העוול	הבל
העווי׳ס	היות
הען	הן
העסעבעט	הסב-בעט
העסקעם	הסכם
העפקער	הפקר
העקדעש, העקדיישים	הקדש, הקדשים
הערגל	הרגל
הערעף־אַ׳ען	הרף-עין

וואַ׳יוורעך	ויברח
וואָוו (ו)	ואו (וו)
ווידע	ווידוי
וויקוּעך, וויקוּכים	וויכּוּח, וויכּוּחים
ווּעהאַשײַנעס	והשנית
זאַ׳ען (ז)	זיין (זין)
זאַלמען	זלמן
זאָקן, ז(ע)קײנים	זקן, זקנים
זוגאָסע	זוגתי
זויכּע [זײַן]	זוכה
זייכער	זכר
זיכּרוינעס	זכרונות
זיקאָרן	זכּרון
זכוּס	זכוּת
זכוּס־אָוועס	זכות-אָבות
זכוּסע-יאָגן	זכותו יגן
זכיע	זכיה (זכייה)
זמירעס	זמירות
זקיינה	זקנה
חעס (ח)	חית
טאַכטוינים	תחתונים
טאַכלעס, טאַכלייסים	תכלית, תכליתים
טאַלמיד	תלמיד
טאַלמיד־כאָכעם	תלמיד-חכם
טאַלעס, טאַלייסים	טלית, טליתים
טאַלעס־קאָטן	טלית-קטן
טאַם, טײַמים, טײַמען	טעם, טעמים, טעמען
טאַם	תם
טאַרבעס	תרבות
טאָך	תוך

טאָמיד	תמיד
טאָמע	טמא
טאָמער	טאָמער (תאמר)
טאָמער	תמר
טאָנעס, טאַנייסים	תענית, תעניתים
טאָעס, טעאוּסים, טאָעסן	טעות, טעותים, טעותן
טאָפּל, טפּיילים	טפל, טפילים
טאָרעד	טרוד
טווילע	טבילה
טוועריע	טבריה
טויוויע	טוביה
טויוולען [זיך]	טובלען
טויווע	טובה
טוירע	תורה
טיטעס	טיטוס
טייקעף	תיכף
טײַווע	תאווה
טײַניג, טאַנוּגים	תענוג, תענוגים
טײַנע	טענה
טײַנען	טענהן (טענען)
טיפּעש, טיפּשים	טיפּש, טיפּשים
טיפּשע	טיפּשה
טיקן	תיקון
טכילעס	תחילת
טמימעס	תמימות
טנוּע	תנוּעה
טעווע	טבע
טעל	תל
טעפּעך, טפּאָכים	טפח, טפחים
טערכע	טירחה(טירחא)
טערעץ, טערוּצים	תירוץ, —ים
טפילן	תפילין

טפּילע	תּפילה
טפּיסע	תּפיסה
טקומע	תּקומה
טקיע	תּקיעה
טקיפעס	תּקיפות
טרייף	טריף
טרייפע	טריפה
טשווע	תּשובה
יאַבאָשע	יבשה
יאַד, יאָדאַיים	יד, ידים
יאַד־אַכעס	יד־אַחת
יאַכסן, יאַכסאָנים	יחסן, יחסנים
יאַם, יאַמים, יאַמען	ים, ימים, ימען
יאַם־האַגאָדל	ים־הגדול
יאַם־האַמעלאַך	ים־המלח
יאַנקעוו	יעקב
יאַשער־קויעך	יישר־כּוח
יאָם	יום
יאָם־קיפּער	יום־כּיפּור
יאָנטעוו, יאָנטויווים, יאָמים־טויווים	יום־טוב, יום־טובים, ימים־טובים
יאָנטעוובסורע	יום־טוב־בשורה
יאָסעם, יעסוימים	יתום, יתומים
יוד (י, י)	יוד
יודע (יעהודע)	יהודה
יויכענען	יוחנן
יוינע	יונה
יוירעש, יאָרשים	יורש, יורשים
יוישער	יושר
ייִעש	יאוש
ייִצערהאָרע (ייִצער־האָרע)	יצר־הרע
ייִכעס	יחוס

יירגאָזן	ירגזון
יישעוון [זיך]	ישובן
יעדידי	ידידי
יעדיע	ידיעה
יעניקע	יניקה
יעסורים	יסורים
יעסורים־שעל־אַהאַווע	יסורים של אַהבה
יעפיי־פיע	יפיפיה
יערושאָלאַיים	ירושלים
יערושע	ירושה
יעריד	יריד (יאַריד)
יעש	יש
יעשוע	ישוע
יעשוע	ישועה
כאַדגאַדיע	חד־גדיא
כאַדרע־כאַדאָרים	חדרי־חדרים
כאַווע	חווה (חוה)
כאַווער, כאַווײרים	חבר, חברים
כאַזן, כאַזאָנים	חזן, חזנים
כאַזער, כאַזײרים	חזיר, חזירים
כאַזערן	חזרן
כאַיונע	חיונה (חיונא)
כאַיע	חיה
כאַיעט, כאַיאָטים	חי(י)ט, חי(י)טים
כאַיעם	חיים
כאַיע־ראָע	חיה רעה
כאַכיימעסטע	חכמתטע
כאַלאָשעס	חלשות
כאַלע	חלה
כאַלעף, כאַלאָפים	חלף, חלפים
כאַלעשן	חלשן
כאַם	חם
כאַמאַריש	חמריש

כאַמוי׳ר	חמור
כאַמער, כאַמוירים	חמור, חמורים
כאַסוועשאָלעם	חס-ושלום
כאַס־כאָלילע	חס-חלילה
כאַ׳סענע	חתונה
כאַקרען, כאַקראָנים	חקרן, חקרנים
כאַקרענען	חקרענען
כאַריף	חריף
כאַריפעס	חריפות
כאַרפע	חרפה
כאָטע	חטא
כאָכמע	חכמה
כאָכמע־בינע	חכמה-בינה
כאָכעם, כאַכאָמים	חכם, חכמים
כאָכעם־אַטיק	חכם-עתיק
כאָלילע	חלילה
כאָלילע־וועכאַ׳ס	חלילה-וחס
כאָלעם, כאַלוימעס	חלום, חלומות
כאָלעמען	חלומען
כאָמעץ	חמץ
כאָסדאַרגע	חות-דרגא
	(נהות-—)
כאָסיד, כסידים	חסיד, חסידים
כאָסן, כאַסאַנים	חתן, חתנים
כאָסן־קאַלע	חתן-כלה
כאָסער	חסר
כאָצע־דיבער	חצי-דיבור
כאָרעוו	חרוב
כאָרעץ, כאַרוצים	חרוץ, חרוצים
כאָשעוו, כשווים	חשוב, חשובים
כוידעש, כאַדאָשים	חודש, חדשים
כויוו	חוב
*כויזעק	חוזק
*כויזעקן	חוזקן
כויטעם	חוטם
כוילע	חולה

כוילעם (׳, ו)	חולם
כוילע־נויפל	חולה-נופל
כוימער	חומר
כויקער, כאָקרים	חוקר, חוקרים
כוישעך	חושך
כומעש, כומאָשים	חומש,חומשים
כופע	חופה
כוץ	חוץ
כוץ־לאָאָרעץ	חוץ-לאָרץ
כוץ־לעזע׳	חוץ-לזה
כוצפע	חוצפה
כידעש, כידושים	חידוש, —ים
כידעשן [זיך]	חידושן
כיידער, כאַדאָרים	חדר, חדרים
כיילעוו	חלב
כיילעק, כאַלאָקים	חלק, חלקים
כיין, כיינען	חן, חנען
כיינדלען [זיך]	חנדלען
כיירעם	חרם
כיישעק	חשק
כײַ	חי
כילעק, כילוקים	חילוק,חילוקים
כיסאָרן, כיסרוינעס	חיסרון, —ות
כיעס (כאַ׳עס)	חיות
כיריק (.)	חיריק
כסאַרדייאיש	חסר-ד(י)עיש
כעוורע	חברה
כעט, כאַטאָים	חטא, חטאים
כעסל [נאָמען]	חיתל
כעסעד, כסאָדים	חסד, חסדים
כעפציעס	חפציות
כעקירע	חקירה
כערבן, כערבאָנעס	חורבן, —ות
כערווע	חורבה(חורבא)
כעריפעס (כריפעס)	חריפות
כעשבן, כעשבוינעס	חשבון, —ות

כצאָס	חצות
כצופּע	חצופה
כקירע	חקירה
כקירען	חקירהן
כראָמען	חרמהן
כשיוועס	חשיבות
לאַזאָזל	לעזאזל
לאַמדן, לאַמדאָנים	למדן, למדנים
לאַמעד (ל)	למד
לאַמעד־וואָוו (ל״ו)	למד-ואו
לאָשן, לעשוינעס	לשון, לשונות
לאָשנקוידעש	לשון-(ה)קודש
לויווע	לווה
לוי־יוצלעך	לא-יוצלח
לוי־יעכרעץ	לא-יחרץ
לולעוו, לולאָווים	לולב, לולבים
ליילע	לילה
ליליס	לילית
ליקעכאַמע	ליקוי-חמה
לעאַבעד	לאַבד
לעאיבעד	לאיבוד
לעאייסאַטע	לעֵת-עתּה
לעגאַמרע	לגמרי
לעגבוימער	ל״ג-בעומר
לעהאַכעס	להכעיס
לעהאַרעג	להרוג
לעוואָנע	לבנה
לעכאַיים	לחיים
לעמאַן־האַשע׳ם	למען-השם
לעמאָשל	למשל
לעמעך	למך
לעסאַטע	לעת-עתּה
לעסאָ׳ף	לסוף
לעס־דאַיען	לית-דיין (-דין)
לעס־דין	לית-דין

לעץ, לייצים	לץ, לצים
לעצאָנעס	ליצנות
לעצן	לצן
מאַגייפע	מגיפה
מאַדרייגע	מדריגה
מאַזיק	מזיק
מאַזיקן	מזיקן
מאַזל	מזל
מאַזל־בראָכע	מזל-ברכה
מאַזלטאָוו	מזל-טוב
מאַטאָנע	מתּנה
מאַטע־מאָטע	מטה-מטה
מאַטעס	מתּת(יהו)
מאַטריעך [זײַן]	מטריח
מאַיאָ׳סעניק	מה-יעשהניק
מאַכטייסע	מהיכי (מהיכא) -תּיתי
מאַכמעס	מחמת
מאַכניס־אוירעך	מכניס-אורח
מאַכנע	מחנה
מאַכשאָווע	מחשבה
מאַכשאָוועס	מחשבות
מאַכשייפע	מכשיפה
מאַלאַכיי־כאַבאָלע	מלאַכי-חבלה
מאַלבעש, מאַלבושים	מלבוש, —ים
מאַלכעס	מלכות
מאַלעגיירען	מעלה-גרהן
מאַלעך, מאַלאָכים	מלאך, מלאָכים
מאַלעך־דוימע	מלאך-דומה
מאַלקע	מלכה
מאַמזער, מאַמזיירים	ממזר, ממזרים
מאַמעש	ממש
מאַפּו	מפּו (מאַפּו)
מאַסע, מאַסאָעס	משא, משאות
מאַסעמאַטן	משא-ומתּן

מאַפּאָלע	מפּלה
מאַפּסיק	מפסיק
מאַקעס־רעצעך	מכּת-רצח
מאַ־ראַש	מה-רעש
מאַריך־אַף	מאַריך-אַף
מאַרע	מראֶה
מאַרשאַעס	מרשעת
מאַשגיעך, מאַשגיכים	משגיח, —ים
מאַשקן, מאַשקאָנעס	משכּון, —כּנות
מאַשקע, מאַשקאָעס	משקה, —קאות
מאָלע	מלא
מאָן	מן
מאָעס־כיטן	מעות-חיטין
מאָקעם, מעקוימעס	מקום, מקומות
מאָשל, מעשאָלים	משל, משלים
מוטער	מוּתּר
מויכל [זײַן]	מוחל
מוילעד	מולד
מויעוו	מואב
מויעך, מויכעס	מ(ו)ח, מ(ו)חות
מויקדן	מוּקדן
מוירע	מורא
מוישע	משה (מושה)
מוּכן	מוּכן
מוּכן־אוּמעזוּמען	מוּכן-וּמזוּמן
מוּסער	מוּסר
מוּסער־האַסקל	מוּסר-השׂכּל
מוּסערן	מוּסרן
מוּפלעג	מוּפלג
מידבער, מידבאָריעס	מדבר, מדבּרות
מיזמער, מיזמוירים	מזמור, —ים
מיזרעך	מזרח
מייוון, מעווינים	מבין, מבינים
מייטיוו [זײַן]	מטיב (מיטיב)
מייכל [דימ׳]	מ(ו)חל
מייכע־טייסע	מהיכא-תּיתי
	(מהיכי-תּיתי)
מיילע	מילא
מיילעך, מעלאָכים	מלך, מלכים
מיימעסן	ממיתן
מייע	מאה
מײַ־דאָך	מה-דאָך
מײַכל, —כאָלים (מאַ—)	מאכל, מאכלים
מײַנע־לאָשן	מענה-לשון
מײַסים־טויווים	מעשׂים-טובים
מײַסע	מעשׂה
מײַסע־נוירע	מעשׂה-נורא
מײַסער	מעשׂר
מײַרעוו	מערב
מי־יעכיע	מי יחיה
מײַרעך [זײַן]	מאריך
מילכאָמע	מ(י)לחמה
מין	מין
מיניען, מיניאָנים	מנין, מנינים
מינעסטאַ׳ם	מן-הסתּם
מיס (מיעס)	מיאוס
מיסוואַדע [זיך—זײַן]	מתוודה
מיסטאַ׳ם	מסתּם
מיסטאַמע (מיסטאָמע)	מסתּמא
מיסכאַטן [זיך—זײַן]	מתחתּן
מיסכער, מיסכאָרים	מ(י)סחר, —ים
מיצאַ׳ד	מצד
מיצווע	מ(י)צווה
מיצראַיים	מצרים
מיקאָל־האַמינים	מכּל-המינים
מיקאָלשקן	מכּל-שכּן
מיקווע, מיקוואָעס	מיקווה, —וואות
מיקרע	מ(י)קרה
מירטשעם	אם-ירצה-השם
מיריעם	מרים
מישלאַכעס	מש(ו)לחת
מישנע	מ(י)שנה

מישפּאָכע	מ(י)שפחה
מעגושעם	מגושם
מעגילע	מגילה
מעדינע	מדינה
מעהאַלעך	מהלך
מעהומע	מהומה
מעוואַטל [זײַן]	מבטל
מעוואָלבל	מבולבל
מעזומען	מזומן
מעיאַשעוו [זיך—זײַן]	מיישב (מישב)
מעיוכעס, מעיוכאָסים	מיוחס, מיוחסים
מעכאַבל	מחבל
מעכאַבעד [זײַן]	מכבד
מעכאַבער, מעכאַברים	מחבר, מחברים
מעכאַדעש [זײַן]	מחדש
מעכאַיע [זיך—זײַן]	מחיה (מחייה)
מעכאַשעף, מעכאַשפים	מכשף, מכשפים
מעכוצעף	מחוצף
מעכילע	מחילה
מעכל	מיכל (מיכאל)
מעלאַמעד, מעלאַמדים	מלמד, מלמדים
מעלאָכען	מלאכהן
מעלופּם (ו)	מלאפום
מעלעך, מעלאָכים	מלך, מלכים
מעם (מ, ם)	מם
מעמאַשל	ממשל
מעמיילע	ממילא
מענייבײ'	מניה-וביה
מעניע	מניעה
מעס, מייסים	מת, מתים
מעסאַדער [זײַן]	מסדר
מעסוגל	מסוגל
מעסוקן	מסוכן

מעסיקעס	מתיקות
מעסלע'ס	מעת-לעת
מעפּונעק, מעפּונאָקים	מפונק, מפונקים
מעציע	מציאה
מעקעך, מעקאָכים	מקח, מקחים
מערידע	מרידה
מעשאַדעך [זיך—זײַן]	משדך
מעשאָרעס, מעשאָרסים	משרת, משרתים
מעשוגאַ'ס	משוגעת
מעשוגע	משוגע
מעשיעך, מעשיכים	משיח, משיחים
נאַווענאַ'ד	נע-ונד
נאַכעס	נחת
נאַפקע־מינע	נפקא-מינה
נאָגיד, נעגידים	נגיד, נגידים
נאָווי, נעוויאים	נביא, נביאים
נויעך	נוח (נח)
נויקעם [זיך—זײַן]	נוקם
נון (נ, ן)	נון
ניגלע	נ(י)גלה
ניגן, ניגונים	ניגון, ניגונים
ניכע	ניחא
נימעס	נמאס
נימצע	נמצא
ניסטער	נ(י)סתר
ניסן	ניסן
ניקער	ניכר
נישקאָשע	נישקשה
נעגינע	נגינה
נעהאָרע	עין-הרע
נעוויאיש	נביאיש
נעווילע	נבילה
נעווירע	(נ)עבירה

נעוויעס [זאָגן]	נביאות
נעבכאָמע	נחמה
נעלעם [ווערן]	נעלם
נעמען, נעמאָנים	נאמן, נאמנים
נעס, ניסים	נס, ניסים
נעפעש, נעפאַשעס	נפש, נפשות
נעקאָמע	נקמה
נעקודע	נקודה
נעשאָמע	נשמה
סאַך	סך
סאַמעך (ס)	סמך
סאַמעך־מעם	סמך-מם
סאַמען [זיך]	סמען
סאַקאָנע	סכנה
סאָד, סוידעס	סוד, סודות
סאָטן	שטן
סאָף	סוף
סאָפקאָלסאָף	סוף-כל-סוף
סאָרע	שרה
סגולע	סגולה
סדאָם-אַמוירע	סדום-עמורה
סודע	סעודה
סוואָרע	סברה (סברא)
סוידען [זיך]	סודען
סויכער, סאָכרים	סוחר, סוחרים
סוינע, סאָנים	שונא, שונאים
סיבע	סיבה
סידער, סידורים	סידור,סידורים
סיידער	סדר
סיידער־אוילעם	סדר-עולם
סייכל	שכל
סייפער, ספאָרים	ספר, ספרים
סייפער־טוירע	ספר-תורה
סימכע	ש(י)מחה
סימען, סימאָנים	סימן, סימנים

סינײַ	סיני
סינע	ש(י)נאה
סינעט־כינעם	שינאת-הינם
סכוירע	סחורה
סליכעס	סליחות
סעגל (ֶ)	סגול
סעדרע	סדרה (סדרא)
סעקאָנע	סכנה
סעקאָנעס	סכנת[-נפשות]
סערל	סערל (שרל)
ספאַרדיש	ספרדיש
ספייקעס	ספיקות
עוויען, עוויוינים	אֶביון, אֶביונים
עוונטאָוו	אֶבן-טוב
עוון־נעגעף,	אֶבן-נגף,
אַוונע־נעגעף	אַבני-נגף
עכאָד	אֶחד
עלישע	אֶלישע
עליע	עליע (אֶליה)
עלעף, אַלאָפים	אֶלף, אַלפים
עלקאָנע	אֶלקנה
עמונע	אֶמונה
עמעס	אֶמת
עפשער	אֶפשר
עצעם־מאַהוס	עצם-מהות
ערעוו	ערב
ערעץ־ייסראָעל	אֶרץ-ישראל
פּאַטעך (_)	פתח
פּאַטערן	פטרן
פּאַכדאָנעס	פחדנות
פּאַכדן, פּאַכדאָנים	פחדן, פחדנים
פּאַכעד, פּ(ע)כאָדים	פחד, פחדים
פּאַסעך (_)	פתח
פּאַסקענען	פסקענען

פּאַרדעס	פּרדס
פּאַרנאָסע	פּרנסה
פּאַרע	פּרעה
פּאַשטעס	פּשטות
פּאָטער	פּטור
פּאָנעם, פּענעמער	פּנים, פּנימער
פּאָסל	פּסול
פּאָסעק, פּסוקים	פּסוק, פּסוקים
פּאָרן	פּרן
פּאָרע־אַדומע	פּרה-אֲדומה
פּאָרעש, פּ(ע)רושים	פּרוש, פּרושים
פּאָשעט	פּשוט
פּגימע	פּגימה
פּויסעק, פּאָסקים	פּוסק, פּוסקים
פּויעלן	פּועלן
פּוראָניעס	פּורעניות
פּטירע	פּטירה
פּיזמען, פּיזמוינים, פּיזמוינעס	פּיזמון, פּיזמו- נים, —ות
פּיילע (פּעלע), פּלאָים, פּלאָעס	פּלא, פּלאים, פּלאות
פּייסעך	פּסח
פּייע	פּאה
פּיירעש, פּערושים	פּירוש, —ים
פּילעסיפיע (—סופיע)	פּילוסופיא
פּילע־פּלאָים	פּלאי-פּלאים
פּילפּלען	פּילפּולען
פּינקעס, פּינקאָסים	פּינקס, —ים
פּיסרען, פּיסרוינים	פּיתרון, פּיתרונים
פּיקעך, פּיקכים	פּיקח, פּיקחים
פּלייטע	פּליטה
פּסאַק	פּסק
פּסוילעס	פּסולת
פּעגירע (פּגירע)	פּגירה
פּעכאָדים	פּחדים

פּערעץ	פּרץ
פּערעק, פּראָקים	פּרק, פּרקים
פּראַט, פּראָטים	פּרט, פּרטים
פּרויזדער	פּרוזדור
פּריציש	פּריציש
פּריצע	פּריצה
פֿאַראַקשענען [זיך]	פֿאַרעקשנען
פֿאַרגאַנווענען [זיך]	פֿאַרגנבענען
פֿאַרי׳אָסעמט	פֿאַריתומט
פֿאַרכאַלעשט [ווערן]	פֿאַרחלשט
פֿאַרכאָלעמט	פֿאַרחלומט
פֿאַרמויכען [זין]	פֿאַרמ(ו)חען
פֿאַרסאַמען	פֿאַרסמען
פֿאַרצאָרעט	פֿאַרצרהט
פֿאַרקישעפן	פֿאַרכּישופן
צאַד, צדאָדים	צד, צדדים
צאַדיק	צדיק
צאַער (צאַר)	צער
צאַר־באַל־כאַיִים	צער-בּעלי- חיים
צאָפן	צפון
צאָרע	צרה
צופּאַסקענען	צופּסקענען
צורע	צורה
צידקאָניס, —ניעס	צדקנית, —יות
ציירע (..)	צירה
ציצע	ציצה
צנועה	צנועה
צעדאַבערן [זיך]	צעדבּרן
צעדאַווקען [זיך]	צעדווקאן
צעי׳אַלען [זיך]	צעיעלהן
צעי׳יצערהאָרען [זיך]	צעיצר-הרען
צעמעך	צמח
צענע־רענע	צאֶינה-וראֶינה

קאַבאָלע	קבלה
קאַבצן, קאַבצאָנים	קבצן, קבצנים
קאַוואָנע	כוונה
קאַוו־האַיאָשער	קב-הישר
קאַיאָר	כאור
קאַלע	כלה
קאַלפּע	קלפי
קאַס	כעס
קאַעס	כעס
קאַפּאָרע	כפרה
קאַפאַקאַ׳ל	כף-הקלע
קאַפּריסן	קפריסין
קאַפּריסער	קפריסער
קאַצעוו, קאַצאָווים	קצב, קצבים
קאַרע (קײַרע)	קערה
קאַרקע, קאַרקאָעס	קרקע, קרקעות
קאַשע	קשיא
קאַשערן	כשרן
קאָהאָל	קהל
קאָוועד	כבוד
קאָל	קהל
קאָל, קוילעס	קול, קולות
קאָלבויניק	כל-בוניק
קאָל־האַמינים	כל-המינים
קאָל־וועלאָ׳ך	כל-ולך
קאָלזמאַן	כל-זמן
קאָלטווו	כל-טוב
קאָמעץ (ָ)	קמץ
קאָס, קויסעס	כוס, כוסות
קאָפּע־טויווע־ניק	כפוי-טובהניק
קאָץ	כ״ץ
קאָרבן-מינכע־סידער,	קרבן-מינחה-סידור, —ים
—סידורים	
קאָרעוו, קרויווים	קרוב, קרובים
קאָשע	קשה

קאָשער	כשר
קוידעם	קודם
קוידעם־קאָל	קודם-כל
קוילע־קוילעס	קולי-קולות
קוינע, קוינים	קונה, קונים
קויעך, קויכעס	כ(ו)ח, כ(ו)חות
קויצע־שעל־יוד	קוצו-של-יוד
קולע	כולו (כולה)
*קונדעס, קונדייסים	קונדס, —ים
קוף (ק)	קוף
קיבעד, קיבודים	כיבוד,כיבודים
קידושן	קידושין
קידעש־לעוואָנע	קידוש-לבנה
קייווער, קוואָרים	קבר, קברים
קיילע	כלי
קיילעוו (קעלעוו), קלאָווים	כלב, כלבים
קיילעוו־שעבעקלאָ-ווים	כלב-שבכלבים
קייפלען	כפלען
קײַסן	כעסן
קײַסן [זיך]	כעסן
קינע	ק(י)נאה
קינע־סינע	קינאה-שינאה
קיסע	כסא
קיסע־האַראַבאָנעס	כסא-הרבנות
קיצווע	קיצבה
קיצער	קיצור
קישעף	כישוף
קלאַל, קלאָלים	כלל, כללים
קלאָלע	קללה
קלאָלען	קללהן
קלאָלעס־כראָמעס	קללות-חרמות
קלוימערשט	כלומרשט
קלוינעמעס	קלונמוס
קלייזאַ׳ען	כלי-זי(י)ן

קליפּע	קליפּה
קלעזמער	קלעזמר (כּלי-זמר)
קסאַװ, קסאָװים	כּתב, כּתבים
קסאַװיאַ'ד	כּתב-יד
קעדוימע	כּדומה
קעדײ'	כּדי
קעדײַ'	כּדאַי
קעדעבאָע	כּדבעי
קעהערעף־אַ'ין	כּהרף-עין
קעזאַ'יס	כּזית
קעלכל	קולכל (קעלכל)
קעמײַלעכל־ביגדוד	כּמלכּל-בּגדוד
קעסיידער	כּסדר
קעפּי'	כּפּי
קעץ	קץ
קרוװ	כּרוב
קרירע	קרירה
ראַבויסײַ	רבותי
ראַגלאַ'ים	רגלים
ראַ'יען, ראַ'יוינעס	רעיון, רעיונות
ראַכמאָנעס	רחמנות
ראַכמי'ל	(י)רחמיאל
ראַכמים	רחמים
ראַש (ראַעש)	רעש
ראַשן	רעשן
ראָגל, רעגילים	רגיל, רגילים
ראָװ, ראַבאָנים	רב, רבּנים
ראָװ	רוב
ראָכל	רחל
ראָע	ראוי
ראָצן	רצון
ראָש	ראש
ראָש־האַקאָעל	ראש-הקהל
ראָש־װערישן	ראש-וראשון
ראָשע, רעשאָים	רשע, רשעים
רוגזע	רוגזה (רוגזא)
רוון	ראובן
רוישעם	רושם
רוך	רוח
רוכניעס	רוחניות
רועך	רוח
רועך־נעוווע	רוח-נבואה
רייעך, רייכעס	ריח, ריחות
רייש (ר)	ריש
ריישעס	ראשית
ריקעד	ריקוד
רעב	רב (ר')
רעבע, רעבעס	רבי, רבּיס
רעגילעס	רגילות
רעגע	רגע
רעפוע	רפואה
רעצייעך, ראָצכים	רוצח, רוצחים
רעציכע	רציחה
רעשימע	רשימה
שאַבעס, שאַבאָסים	שבת, שבתים
שאַדכאָנעס	שדכנות
שאַדכן, שאַדכאָנים	שדכן, שדכנים
שאַװ-װעשעקער	שוא-ושקר
שאַטנעז	שעטנז
שאַ'יע	(י)שעיה
שאַ'יעך	שייך
שאַלמענעסער	שלמנאָסר
שאַמעס, שאַמאָסים	שמש, שמשים
שאַקרען, שאַקראָנים	שקרן, שקרנים
שאַרבלאַט	שער-בלאַט
שאָ	שעה
שאָכן, שכיינים	שכן, שכנים
שאָלעם	שלום
שאָלעם־אַלייכעם	שלום-עליכם

שאָר־האַניסקל	שור-הנסקל
שוואַך, שוואָכים	שבח, שבחים
שוועס	שבועות
שויטע	שוטה
שויכן־אָפער	שוכן-עפר
שויכעד	שוחד
שויכעט, שאָכטים	שוחט, שוחטים
שוילעט	שולט
שוימער, שאָמרים	שומר, שומרים
שוירעש, שוראָשים	שורש, —ים
שולכן־אָרעך	שולחן-ערוך
שורוק (ֻ)	שורוק
שורע	שורה
שטאַדלען, —לאָנים	שתדלן, —ים
שטוסים	שטותים
שידעך, שידוכים	שידוך, —ים
שיווים-לאָשן	שבעים-לשון
שיורע-קיילע	שבר(י)-כלי
שיטע	שיטה
שייגעץ, שקאָצים	שייגעץ (שקץ), שקצים
שיינעס	שנית
שייקער, שקאָרים	שקר, שקרים
שייַכעס	שייכות
שייַלע	שאלה
שימען	שמעון
שין (ש)	שין
שיקסע	שיקסע (שקצה)
שיקער	שיכּור
שיר	שיעור
שיר־האַשירים	שיר-השירים
שכיטע	שחיטה
שכיינע	שכנה
שכיינעס	שכנות
שכינע	שכינה
שלוימע	שלמה (שלומה)

שליטע	שליטה
שליכעס	שליחות
שלימאַזל	שלי(ם-)מזל (שלימאַזל)
שלימעזאַלניק	שלי(ם-)מזלניק
שמאַדן [זיך]	שמדן
שמאַדשטיק	שמדשטיק
שמוס	שמועס (שמועות)
שמוסן	שמועסן (שמועותן)
שמוסער	שמועסער (שמועותער)
שמועס	שמועס
שמועסן	שמועסן
שמיטע	שמיטה
שעד, שיידים	שד, שדים
שעווע	שבע
שעכטן	שעכטן (שחטן)
שעכעיאָנו	שהחי(י)נו
שעליטע (שליטע)	שליט״א
שעליכעס (שליכעס)	שליחות
שעל־ראָש	של-ראש
שעם	שם
שעמאַ׳־ייסראָעל	שמע-ישראל
שעמען	שמען
שעמענעסרע	שמונה-עשרה
שעמעץ	שמץ
שעפע	שפע
שעקולע	שכּולו (שכּולה)
שעקער, שקאָרים	שקר, שקרים
שפּיפן	שפּיפון
שקאָץ	שקאָץ (שקץ)
שקיע	שקיעה
תאָוו (ת)	תיו

אינהאַלט

זײַט

האַמער און אײַזן

העי, העי, העמערל...
די פויסט

דער האַמער און דאָס שטיק אײַזן	9
דער כאַלעף און די זעג	11
סינעס־כינעם	13
דער וועלטאונטערגאַנג	15
דאָס פערד און די בײַטש	17
דער קוש	18
די געאולע	19
דער ראָשע	21
די קאַץ און דער ווורשט	22
זשאַבעס	23
די מעשאָלים וועלכע...	
דער ריכטער	28
פאַרן בעזדן־שעל־מײַלע	29
דער שטעקן	31
צוויי פייגעלעך	33
בײַ רעב טאָדרעסל אין הויף	35
דער באַל־יוֹיעץ	38
די שפּיז און די נאָדל	40
די באַרשט און דער קאַמאַש	42
דער שירעם, דער שטעקן און דער בעזעם	43
דער טיש וואָס פרעגט קאַשעס	44
גאָטס סטראַפּטשעס	46
די פלאַקסן און די קאַרטאָפלבלימעלעך	48
דער רעטעך	50
הענגערפלעקלעך	52
דער קאָטער און דער טאָטער	54
רעב קאָלבויניק	58
דער באַל־מוסער	60
רעב לוי־יעכרעץ	62
דער קיילעוו	64
די קאַץ און דער הונט	65

זײַט
שװעבעלעך 67
די נאָדל און דער באַנװל 69
העמדער 70
האָדל און די נאָדל 72
אַ מײַסע אָן אַ סאָף 74
געשיכטע 75

רויך און כמאַרע

אָט וויל איך אַרויף מיטן רויך...
ד־ער קוימען
דער רויך און די כמאַרע 79
דער קלוגער טײַך 80
רעב כאַמאַריש 82
תיקו 84
דער אַמעריקאַנער 86
צװײ קאַטשקעס 88
דער שווימער 89
דאָס בריוול 91
צװײ הינער 93
דער גיבער 95
רעב כויטעם 97
קעציש מיטגעפיל 98
דער כאָשעוו 99
דער קלוגער בער 101
דער טאַכלעס פון דער ערד 103
דער הונט און די גענדז 104
צװײ כאַכאָמים 106
דאָס זעלצערל 107
דער ויברח פונעם אייזל 110
אַמנען און טאָמער 113
דער טעלער 115
רעב מײַזל־מיזל 116
רעדער 119
פליגן 121
דער פליפיש 124
כײַ געלעבט 126
צװײ אייזלעך 127

	זײַט
דער ברויגעסער דאַך	129
דער האַרבסטטאָג און דער זייגער	130
דער זאָק	132
דער באַל־ראַכמים	134
דאָס פּאָרפּאָלק	136
דער האָן און דער אינדיק	138
די מיל	139
פערדלעך	141
דאָס העמד און דאָס רעקעלע	142
רעב בערלס הויזן	143
צוויי פעדעם	146
דער לאָך פון בייגל און מעשענע קנעפלעך	147
דער האַנטעך	149
די באָרד	151
קאָשער	153
דער אָדלער און דאָס זומערפייגעלע	154
דער אינדיק	156
רײַזנדער	157
ווענט	159
דער שפּיגל און דאָס בילד	161
דער נאָווי	163
דער עמעס	165
אַ טײַנע צו גאָט	167
דער כאַמעראייזל	169
די נאָזפּאַטשיילע	171
דער בראַווער קערל	173
די נאָזפּאַטשיילע און די נאָז	175
די דערוואַכונג פונעם וואַלד	176
דער צוג	178
דער אָדלער און דער מוילוואָרף	179
דער טאַנץ (די פּויק)	182
דער רעגנבויגן און די פיש	183
קע־קו־אָק	185
דער כאָסן	186
דאָס שלעכטע מײַכל	188
דער הונט און דער יאַם	190
קידעש־לעוואָנע	191

זײַט

דער כויקער 192
רש״י 194
מיריעמס ברונעם און דער אַמעד־אייש 195
די קראָ און דער קוקוק 196
גוטע־ברידער 198
די גאַנצע וועלט 200
שיכל, ביכל, טיכל 201
כּקירע 203
דער זייגער און דער ווילנער גאָען 205

באַל־עבאַטים

פאַר די אויגן מיר אָט שטייט ער...
ניט באַל־באַטיש

באַלעבאַטים 209
דער אומגליק 211
די מוירע 212
דער טאַם 213
עק וועלט 215
דער כאַזער און די וואַראָנע 216
דער כאַזער און דאָס פערד 217
דער כאַזער און דער סאָלאָוויי 219
רעב סוויניאַקע 221
דער פאַרצווייפלטער כאַזער 223
איבערן צעבער 225
דער כאַזער און דער האָן 226

אויסיעס

אותיות מחכימות.
א׳, ב

ג 229
דער מעיוכעס 231
דער וויקועך 233
דער פראַגעצייכן און דער אויסרופצייכן 235
דער כאָלעם 237
קויצע־שעל־יוד 239
אי 242

זײַט

קלינגט דער זייגער דרײַ

קלינגט דער זייגער דרײַ . . .
דרײַ
דאָס בלימעלע 247
דער שרעקלעכער געדאַנק 249
צוויי רויזן*) 251
דאָס שוועבעלע 253
פּעסלעך 254
ווידע 257
די שײַלע 259
דער לייב און דאָס מײַזל 260
דאָס היטל צוקער 262
דאָס מעסער און די זיבן פלאַמען 264
דער רויטער מאָן 265
די טעקעלעך 268
שטיוול 270
בײַנאַכט 272
פאַרוואָס די ערד דרייט זיך 274
דאָס ווינטעלע 276
דאָס אויגנמענטשעלע 278
נעקאָמע 281
דער שפּיגל און דער מאַלעך 282
בענקשאַפט 283
איבערן יאַם 284

דער רעגנבויגן

דער רעגנבויגן 287

---

* * * 293

רעשימע

נאַטוראַליזירטע העברעישע און אַראַמישע עלעמענטן
אין יידיש, וואָס קומען-פאָר אין דעם בוך, איבער-
געגעבן אין זייער הײַנטיקן ייוואָ-אויסלייג
פאָרבאַמערקונגען 298

*

---

*) דעם מעכאַבערס ערשטער מאָשל. אָפּגעדרוקט אין נומער 39 „אייראָפּעאישע ליטעראַטור — אַ וואָכענשריפט פאַר ליטעראַטור, קונסט און קריטיק. דער ליטעראַרישער טהייל געפיהרט דורך אברהם רייזען.“ וואַרשע 1909 (?). [אליעזר שטיינבאַרג. די צוויי רויזען.]

האָלצשניטן און בילדער

אַקעגן זײַט

פאָטאָגראַפיע 1924 (מיט אונטערשריפט) — — שאַרבלאַט

אֶליעזר שטיינבאַרג — — — — — 9

צייכענונג (דער מעכאַבער אַפן טויטנבעט) — — 27

צו »דער כאַלעף און די זעג« — ז׳ 11 — — 88

″ »סינעס-כינעם« — ז׳ 13 — — — — 120

דער זומפראַט· צו »זשאַבעס« — ז׳ 23 — — 152

צו »בײַ רעב טאָדרעסל אין הויף« — ז׳ 35 — 168

שטאַדלאָנים· צו »דער באַל-יויעץ« — ז׳ 38 — 184

צו »גאָטס סטראַפּטשעס« — ז׳ 46 — — — 200

″ »דער טאַנץ (די פּויק)« — ז׳ 182 — — 216

″ »דער אומגליק« — ז׳ 211 — — — — 232

″ »דער כאַזער און דער סאָלאָוויי« — ז׳ 219 — 248

″ »דער מעיוכעס« — ז׳ 231 — — — 264

″ »די טעקעלעך« — ז׳ 268 — — — — 280

*

אַרײַנפיר-ווינעטע

אויסלאָז-ווינעטע

אַ פאַקסימיליע (פאַרקלענערט) — „דער טעלער"

ז׳ 12, ש׳ 3 פ״א לייען שטאָט „אַפלעק": אַ פלעק; ז׳ 28, ש׳ 18 שטאָט „באַשײַנפערלעך": באַשײַמפערלעך; ז׳ 30, ש׳ 1 פ״א שטאָט „אַל חטא": על חטא און ש׳ 16 שטאָט „האַנד": האַנט; ז׳ 39, ש׳ 12 שטאָט „דערלאַנגן": דערלאַנגען; ז׳ 41, ש׳ 7 שטאָט „ניט קײַן לײַוונט, ניט קײַן בלעך": ניט קײַן לײַוונט, ניט קיין בלעך („קיין" אָן דער פּאַסעך); ז׳ 43 אין קעפל פעלט אין וואָרט „און" דאָס פּינטעלע אין דער וואָוו; ז׳ 46, ש׳ 5 פ״א קומט שטאָט „פרומער": פרימער; ז׳ 56, ש׳ 18 שטאָט „שפּיאָנדל": שפּיאָנדל; ז׳ 64, ש׳ 5 שטאָט „פײַנט": פײַנד; ז׳ 65, ש׳ 3 שטאָט „פרומסטע": פרימסטע; ז׳ 83, ש׳ 9 שטאָט „ציפּעך-פליקעך": צופּעך-פליקעך; ז׳ 87, ש׳ 16 שטאָט „זעלכסטמאָרד": זעלבסטמאָרד; ז׳ 93, ש׳ 9 שטאָט „קינדייסימלעך": קונדייסימלעך; ז׳ 141, סאָף ש׳ 8, אָנהייב ש׳ 7 פ״א זענען די געגדזנפיסלעך איבעריק; אַף די ז״ז 14, 28, 104, 110 און 198 קומט דאָס וואָרט „פרײַנט" מיט אַ ד — פרײַנד; ז׳ 229, ש׳ 3 פ״א שטאָט „אַ וונק זיך איבער": אַ ווינק זיך איבער; אין אַ טייל אויפלאַגע ז׳ 132, ש׳ 2 שטאָט „אויסגעצויגען": אויסגעצויגן.

ELIEZER ŞTEINBARG / FABULE

cu 14 gravuri în lemn de Artur Kolnik, un desen de Georg Löwendal, fotografia şi facsimilul autorului

---

Printed in Roumania

Editor:
COMITETUL PENTRU PUBLICAREA
OPERELOR LUI ELIEZER ŞTEINBARG

Tipografia Körner & Rosenblatt, Cernăuţi, str. Alexandru cel Bun 2

ELIEZER ŠTEJNBARGS ŠRIFTN

BAND I

MEŠOLIM

I

mit 14 holcšnitn fun ARTUR KOLNIK,
a cejchenung fun GEORG LOWENDAL,
a fotografie un a faksimilie funem
mechaber

—

CERNĂUŢI 1932

Komitet af arojscugebn Eliezer Štejnbargs šriftn